STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01114

# KINDER YORN FUN YIDISHE SHRAYBER

Solomon Simon

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Morris L. Cohen*
*in memory of*
*Emanuel & Anna Cohen*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# קינדער יאָרן
## פון אידישע שרייבער

פון

שלמה סיימאָן

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מתנות"
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

ערשטע אויפלאַגע, 1936
צווייטע אויפלאַגע, 1945

Copyright, 1936,
by SOLOMON SIMON
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

געדרוקט ביי פאָזי־שאולזאָן פּרעס
227 וועסט 17טע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י.

255

# אינהאַלט

שלום עליכם ........................................ 9
חיים נחמן ביאַליק ........................................ 33
אברהם ליעסין ........................................ 53
לעאָן קאָברין ........................................ 73
דוד פינסקי ........................................ 91
אברהם רייזען ........................................ 103
פרץ הירשביין ........................................ 125
מאַני לייב ........................................ 149
שמואל ניגער ........................................ 161
יוסף אָפּאַטאָשו ........................................ 187

די קינדער יאָרן, הויב איך אָן צו גלויבן, זענען דער אור קוואַל, פון וואַנען עס שלאָגט די אַנט־וויקלונג פון אַ מענטשן. זיכער דערקלערן זיי אַ סך מער איידער מיר שטעלן זיך פאָר. זיי ליגן אַוועק דעם פונדאַמענט, אויב ניט פאַר דעם גאַנצן כאַראַקטער, איז פאַר אַ סך שטריכן אין אים, פאַר אַ סך סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, וואָס באַשטימען איינעמס גאַנג אין לעבן.

**דר. חיים זשיטלאָווסקי**

# שלום עליכם

לויט די ווערק פֿון שלום עליכם; „שלום עליכם בוך, און ש. ניגערס
— „שלום עליכם, זיינע ווירקע ווערק, זיין הומאָר,
און זיין אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור."

# שלום עליכם

שלום עליכם, אדער ווי זיין אמתער נאָמען איז געווען, שלום ראַבינאָוויטש, איז געבאָרן געוואָרן דעם דריטן מערץ, 1859, אין פּערעיאַסלעוו, אוקראַינע, רוסלאַנד, און איז געשטאָרבן דעם דרייצנטן מאַי, 1916, אין ניו־יאָרק.

דער קליינער שלום איז געווען א פריילעך אינגל, א שפּאַס מאַכער, אַ נאָכקרימער, א פאַנטאַזיאָר, געהאַט אַ גוט קעפּל, געלערנט זיך גוט אין חדר און זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער שטאָטישער רוסישער שול.

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די רוסישע שול איז ער אָנגעקומען אלס א לערער צו א רייכן גוט באַזיצער מיטן נאָמען לאָיעוו, שפּעטער האָט ער חתונה געהאט מיט זיין שילערין.

נאָך זיין שווערס טויט האָט זיך שלום עליכם אָפּגעגעבן מיט געשעפט, געהאַנדלט גרויס, אָבער זיין געשעפט טעטיקייט האָט אים ניט געשטערט זיך אָפּגעבן מיט ליטעראַטור. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און ער האָט פארלוירן זיין פאַרמעגן, זיך אריבערגעקליבן אין אַן אַנדער שטאָט און ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן זיין פרוכטבאַרע ליטערארישע טעטיקייט.

אין 1905 איז ער געקומען קיין אמעריקע. מען האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. ער איז אָבער לאנג אין אמעריקע ניט פאַרבליבן.

אין 1908, ווען ער איז ארומגעפאָרן אויף אַ לעקציע טור איבער פּוילן, איז ער קראַנק געוואָרן. ער איז אָפּגעלעגן אין דעם שטעטל באַראַנאָוויטש צוויי חדשים צייט, געקומען צו זיך און אָפּגעפאָרן קיין איטאליע. אין 1914, ווען די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט זיך שלום עליכם געפונען, צייטווייליק, אין דייטשלאנד, ער האָט זיך גערעטעוועט קיין קאָפּענהאַגען, פון דאָרטן האָט ער צום צווייטן מאָל עמיגרירט קיין אמעריקע.

שלום עליכם איז אָנגעקומען קיין אמעריקע אין אָנהויב 1915 און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. זיין געזונט האָט זיך פארערגערט זינט ער האָט געקראָגן די ידיעה, אז זיין עלטסטער זון, מישאַ, איז געשטאָרבן אין אייראָפּע. שלום עליכם האָט אָנגעהויבן קריגן הארץ אַטאַקעס און דריי וואָכן נאָך פּסח, דעם 13טן מאַי, 1916, איז ער געשטאָרבן.

זיין קבר געפינט זיך אויף הר כרמל בית עולם פון ארבעטער רינג, ברוקלין, נ. י.



שלום עליכם

## די שטוב

ס'איז ּפרייטיק נאָכמיטאָג. אין נחום ראַבינאָוויטשעס הויז (אָדער ווי מען רופט אים אין וואָראָנקע נחום וועוויקס) איז טומלדיק און רוישיק. דער טאַטע, נחום, און די מאַמע, חיה אסתר, זיינען נאָך אין קראָם, אָבער אַלע קינדער זיינען אין שטוב; פון דעם עלטסטן, אַ בחור באַ וועמען עס ווייזט זיך שוין אַ בערדל, ביז דעם קלענסטן — אַ פּיצעלע וואָס קאָן נאָך ניט גיין, און פויזעט אַרום איבערן דיל.

„ס'איז אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ געפּילדער. אַ פולע שטוב מיט קינדער. האַלב נאַקעטע, פאַרשמאַיעטע". יעדעס קינד טוט עפּעס. דער טראָגט זיך אַרום מיט אַ קעפּל פון אַ הערינג, דער קנאַקט ניסלעך. איינער האָט אָנגעטאָן דעם טאַטנס קאַפּאָטע מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און פאָרט רייטנדיק אויף אַ בעזים. איינער טרינקט מילך פון אַ קריגל און נאָך איינער קראַצט די וואַנט מיט אַ טשוואָק.

מיט אַמאָל הערט זיך פון קיך אַ מוראַדיק מיאַוקען פון דער קאַץ. די קינדער לויפן אַריין אין קיך. זיי זעען: פרומע די מויד האָט צוגע־בונדן די קאַץ צום פיסל פון טיש און שלאָגט דאָס אָרימע באַשעפעניש מיטן שטעקן פון בעזים. די קולות פון אומגליקלעכן באַשעפעניש גייען אין הימל אַריין, און פרומע שלאָגט אָן רחמנות און רעדט צו דער קאַץ מיט אַ ניגון:

— נאַ דיר, נאַשעריך, איינמאָל, נאַ דיר צוויי מאָל, נאַ דיר צען מאָל, וויס ווייטער ווי כאַפּן שטיקער פלייש!

שלום, דאָס מיטלסטע אינגל, איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער. ער איז צוגעלאָפן צו דער דינסט, און מיט טרערן אין די אויגן זיך גענומען בעטן:

— פרומעניו, האַרצעניו, ליבעניו, וואָס טוסטו? אַ צער־בעלי־חיים. גאָט וועט דיך שטראָפן. שלאָג מיך בעסער, שלאָג מיך, אַבי ניט די קאַץ.

און דאָס אינגל האָט אונטערגעשטעלט דעם רוקן אָט דער דעספּאָטי־שער מויד.

## שלום עליכם

פרומע האָט אויפגעהערט שלאָגן די קאַץ, פאַרלייגט די הענט אויף די זייטן און גענומען ריידן:

— אַזוי, דו שוואַרץ־יאָר, דו נאָכקרימער, דו מזיק, דו איוואַן פּאַ־פּערילאָ. די קאַץ אַרט דיך. ניט שלאָגן די קאַץ. לאָזן די קאַץ וואַקסן אין דער וועלט אַריין. לאָזן די קאַץ וואַקסן ווילד, אַזוי ווילד ווי דו, וואָס קרימסט נאָך אַלעמען.

— איך וועל דיר שוין מער ניט נאָכקרימען, בעט זיך שלומהקע, דו ועסט זען. לאָז נאָר צורו די קאַץ. זעסט ניט? דאָס אָרימע באַשע־פעניש ליגט דאָך שוין נעבעך האַלב טויט.

פרומע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קאַץ און געזען, אַז זי איז טאַקע געלעגן מיט אויסגעצויגענע פיסלעך. פרומע האָט אָפּגעבונדן די קאַץ פון פיסל פון טיש, גענומען אַ פולע קוואָרט מיט קאַלט וואַסער און אָפּ־געגאָסן דאָס באַשעפעניש. די קאַץ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, אַ שפּרונג געטאָן און אַרויסגעלאָפן פון קיך.

ווי נאָר די קאַץ איז אַרויסגעלאָפן, האָט זיך שלום געשטעלט לעבן טיר, פאַרקרימט דאָס פּנים און אָנגעהויבן פייפן מיטן נאָז, אָט ווי אידעלע גנב טוט. אידעלע גנב, פרומעס חתן. פרומע האָט געכאַפּט דעם בעזים און אָנגעהויבן שרייען:

— דו פוסטעפּאָסניק, קנאַקער, פייפער, נאַשער, טרייפעניאַק, דער טייוול ווייס וואָס, איך וועל דיר ברעכן אַ ביין! אויף אַ קאַץ האָט עס רחמנות!

שלום איז אַרויסגעלאָפן פון קיך, זיך געשטעלט אין פאַרהויז, מיט די הענט אויף די זייטן, פאַרמאַכט אַן אויגל, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַן אַ זייט, און זיך גענומען באַלעקן ווי אַ קאַץ, וואָס נאַשט סמעטענע — אָט אַזוי באַלעקט זיך פרומע ווען זי קוקט אויף איר חתן.

די מויד האָט זיך געלאָזן נאָך אים מיט דער שווערער קופּערנער קוואָרט. דאָס אינגל איז אויסגערונען געוואָרן.

## אַ מעשה דערציילער און אַ נאָכקרימער

צוויי זאַכן האָט דאָס אינגל שלום ליב געהאַט: הערן מעשות און נאָכקרימען אַלעמען. אים איז קיינמאָל ניט מיאוס געוואָרן הערן מעשות און ער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן נאָכקרימען מענטשן. דער־ציילן מעשות פלעגט אים זיין חבר שמואליק דער יתום. ער האָט געהאַט אַ וועלט מיט מעשות.

„קיינער האָט ניט געהאַט אַזויפיל מעשות אויף צו דערציילן, וויפיל שמואליק. האָבן מעשות אויף צו דערציילן איז אָבער נאָך ניט אינגאַנצן. דאָס דערציילן אַליין איז אויך אַ זאַך. דערציילן אַ מעשה דאַרף מען קענען, און שמואליק האָט געקאָנט דערציילן מעשות אַזוי ווי קיינער ניט!"

פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, אָדער שבת נאָכן עסן, פלעגן זיך די צוויי אינגלעך פאַרקלייבן אויפן הויכן וואָראָנקאָווער באַרג, וואָס דער שפּיץ זיינער דערגרייכט כמעט ביז דער כמאַרע. ביידע חברים האָבן זיך אַוועק־געלייגט מיטן פּנים אַראָפּ צום גראָז, אָדער מיטן פּנים אַרויף צום הימל, און שמואליק האָט גענומען דערציילן אַ מעשה נאָך אַ מעשה. אַ מעשה פון אַ פּרינץ וואָס האָט געפונען אַ שלאָפנדיקע פּרינצעסין אין אַ קרישטאָלענעם פּאַ־לאַץ; אַ מעשה מיט צוועלף גזלנים אין וואַלד. אַ מעשה פון אַן אָקרענט (אַ שיף), וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין פאַרגליווערטן ים; מעשות וועגן שדים און שרעטעלעך.

יעדע מעשה האָט געהאַט איר טעם און ריח. אָבער די מעשה וועגן דעם אוצר, וואָס איז באַהאַלטן אונטער דעם וואָראָנקאָווער באַרג איז גע־ווען די שענסטע. שלום איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן הערן.

שלום איז געווען צוגעבונדן צום חבר צוליב זיינע מעשות. ער איז געלעגן שטיל, מיט די אויגן האַלב פאַרמאַכט, און זיך צוגעהערט צו שמואליק דעם יתומס זיס קול. שלום האָט אַפּט זיך פאַרגעשטעלט אַז ער אַליין איז דער פּרינץ, וואָס זוכט די פאַרלאָרענע פּרינצעסין. ער אַליין זוכט און געפינט דעם אוצר. און אַז ער געפינט דעם אוצר מאַכט ער רייך דאָס גאַנצע שטעטל.

שלום פלעגט אַראָפּ פון באַרג אַ שטילער, אַ פאַרחלומטער. זיין קאָפּ איז געווען פול מיט פאַנטאַזיעס און חלומות.

אָבער ווי נאָר שלומ׳קע פלעגט קומען צווישן מענטשן, אַזוי פלעגט זיין פאַרטראַכטקייט אָנו זיין פאַרחלומטקייט אינגאַנצן זיך אָפּטאָן פון אים. ער פלעגט ווערן לעבעדיק, רירעווודיק און באַלד גענומען נאָכמאַכן די אַרומיקע.

„קאָפּירן, נאָכמאַכן, איבערקרימען — דאַרויף איז שלום געווען אַ מזיק. האָט ער דערזען אימיצן דאָס ערשטע מאָל, אַזוי האָט ער געפונען אויף אים עפּעס אַ חיסרון אָדער אַזוי לעכעריגס און ער האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַ פּענכער און האָט אים שוין נאָכגעמאַכט. און חברה שקצים האָבן געלאַכט און טאַטע־מאַמע האָבן צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבין: „אַז דער שייגעץ מאַכט נאָך די גאַנצע וועלט ווי אַ מאַלפּע — מע באַדאַרף אים אָפּגעוואוינען דערפון".

און דער רבי האָט זיך גענומען אים אָפּגעוואוינען דערפון. עס האָט אָבער ווינציק וואָס געהאָלפן. עפּעס אַ ניט־גוטער האָט זיך פאַרקליבן אין דעם קינד. דער גאַנצער וועלט מאַכט ער נאָך, און אַלעמען קרימט ער איבער. אפילו דעם רבין אַליין; ווי ער שמעקט טאַבאַק און ווי ער טרעט מיט די קליינע פיסלעך — און פעטש זיינען געפלויגן, און קלעפּ האָט מען געטיילט, און שמיץ האָט מען געצײלט, אַז אַ רויך איז געגאַנגען.

## די ברידער: נחום, פּיניע און ניסל

אין וועמען איז דער יונג געראָטן? — האָט די מאַמע שטענדיק געטענהט מיט פאַרדרוס. אין וועמען איז ער געראָטן, אָט דער קלעק?

דער טאַטע — „אַ הויכער, שטענדיק מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים, מיט אַ ברייטן, ווייסן געקנייטשטן שטערן, מיט אַ שיטער שמייכלענדיק בערדל". אַ קענער אין תנ"ך; אַ פרומער איד, אַ חסיד פון טאַלנער רבי, אַ ליבהאָבער פון די העברייאישע שרייבער מאַפּו, סמאָלענסקין און צעדערבוים. אַ גוטער שאַך שפּילער, אַ שיינער באַלעבאָס אין שטעטל. ניין, גאָר אַ רייכער באַלעבאָס, געהאַנדלט מיט בוריקעס אויף צוקער, אַ פּאָסעסאָר, געהאַקט וואַלד, געהאַט אַ קראָם, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען טיי און צוקער, מעל, היי, האָבער, זעקלעך גראָבע זאַלץ, היימישע רפואות פאַר די פויערים. אייזנוואַרג, זייף און מאַנופאַקטור־וואַלנס. זיידן, ציץ, און

קאַרט. דאָך איז דער טאַטע שטענדיק פאַרנומען מיט פרעמדע צרות, מיט קהלשע זאַכן, און די מאַמע איז פאַרשמאַיעט אין קראַם. אַ שטרענגע מאַמע צו די קינדער, געשריגן שטענדיק און געגעבן אַפּט פּעטש, סטר־סאַקעס, בוכציעס.

דער פעטער ניסל — אַנגעטאָן, דווקא ריין און ציכטיק, אַביסל גאַר אין שמאַטעס און שקראַבעס, איז שטענדיק געווען אַ פאַרטרויערטער, אַ פאַרזאָרגטער. ער האָט זעלטן געשמייכלט, אָפּט געבייזערט זיך אויף דער גאַנצער וועלט, אַז מען איז ניט גענוג פרום און מען היט ניט אָפּ גאָטס וועגן.

דער פעטער פּיניע — אַ ברייטער איד, אַ באַוואַקסענער, אַנגעטאָן רייך אַנגעטאָן, שטענדיק מיט אַ גראָבן פּאַפּיראָס אין מויל, געציט דעם רויך האַסטיק, שנעל, צעטראָגן, וואָלט פאַרזאָרגט די גאַנצע וועלט. האָט טאַקע ליב אַ לאַך טאָן, אַ שפּאַס טאָן, האָט אָבער זעלטן צייט. די גאַנצע וועלט זאָרג ליגט אים אויף די פּלייצעס.

און דער קליינער שלום קוקט זיך צו צו די פעטערס און מומעס און קאָן ניט פאַרשטיין ווי גייען עס אַרום מענטשן אַזוי פאַרזאָרגט און פאַר־טרויערט? זעען זיי ניט, אַז עס איז דאָ אַזאַ שיינער דרויסן, וואו מען קאָן זיך שפּילן? זעען זיי ניט, אַז עס איז דאָ אַזויפיל „לעכעריגס" אויף גאָטס וועלט?

באַשטימט באַ זיך שלום — די גרויסע האָבן טאַקע אויך ליב זיך שפּילן. פאַרשטעלן זיי זיך פאַר טאַטעס, מאַמעס און פעטער פּיניעס — פאַרשמאַיעטע, אַנגעברוגזטע און אַנגעכמורעטע.

אָט האָט ער אַ גוטן סימן אויף דעם פעטער פּיניע. ס'איז געווען אויף פרומע דער מוידס חתונה. זי האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט אידל גנב. דער טאַטע נחום האָט געפּראַוועט די חתונה. פרומע איז דאָך געווען מיט דער פאַמיליע יאָרן און יאָרן. אויף דער חתונה איז אויך גע־קומען דער פעטער פּיניע.

נאָך דער חופּה וועטשערע, אַז מען האָט גענומען אַ גוט ביסל בראַנפן, האָט דער פעטער פּיניע, אָט דער איד מיט דער לאַנגער באָרד, באַוואַק־סענעם פּנים און ברויגע, שטרענגע, אומעטיקע אויגן, אַ קאָמאַנדעווע גע־טאָן:

— זיבן לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט זאָל מיר ווערן!

באַלד זיינען געוואָרן זיבן לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט. דער פעטער פיניע האָט אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטע און זיך גענומען גרייטן צום טאַנץ. דער עולם האָט גענומען שרייען:

— שטיל זאָל זיין! רב פיניע וועט טאַנצן אויף לייכטער!

און דער פעטער פיניע האָט זיך צעלאָזן אין אַ טאַנץ — „די קאַפּאָטע אַראָפּגעוואָרפן, דער טלית קטן אַרויסגעצויגן, די אַרבל פאַרקאַטשעט, די הויזן אַריינגעשטעקט אין די שטיוול, די פיס קוים, קוים וואָס זיי באַרירן די ערד, און דער קאָפּ איז פאַרוואָרפן אַרויף, די אויגן צוגעמאַכט. די קלעזמער שפּילן אַ אידישע זאַך און דער עולם פּליעסקעט, און דאָס ראָד ווערט אַלע מאָל גרעסער און גרעסער. און דער טענצער, אויסמיידנדיק די לייכטער מיט די ברענענדיקע ליכט, גייט אַריין וואָס ווייטער אַלץ אין אַ גרעסערן עקסטאַז".

און דעם קליינעם שלום דוכט זיך, אַז דער פעטער פיניע זוכט נאָר אַ תירוץ צום טאַנצן. ער האָט טאַקע ליב טאַנצן, אָבער ער שעמט זיך דאָך גלאַט אין דער וועלט אַריין טאַנצן. קומט דער פעטער פיניע אויף אַ חתונה כלומרשט טאָן אַ מצוה — פריילעך מאַכן אַן אָרימע כלה — דער־ווייל כאַפּט ער אַריין אַ טאַנץ.

און דער פעטער ניסל האָט נאָך מער ליב טאַנצן ווי דער פעטער פיניע. ניט נאָר טאַנצט ער אַליין, נאָר ער קאָן מאַכן טאַנצן אַנדערע. ער האָט אויך ליב לאַכן אַליין און ברענגען אַנדערע צום לאַכן. און שלומען דוכט זיך, אַז דער פעטער ניסל וואָלט אויך זיך געוואָלט לאָזן אין אַ טענצל גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר ווי קאָן עס אַ איד מיט אַ באָרד טאַנצן אָן אַ תירוץ? גייט ער אויף אַ חתונה, טאָן אַ מצוה, פריילעך מאַכן אַן אָרימע כלה און דערווייל טאַנצט ער אַליין און מאַכט טאַנצן אַנ־דערע. לאַכט אַליין און מאַכט אַנדערע לאַכן, נאָך מער ווי דער פעטער פיניע.

שלום האָט אַ גוטן סימן, אַז דער פעטער ניסל איז ניט אַזוי טויט ערנסט ווי ער מאַכט זיך. מען איז געקומען און דערציילט דעם טאַטן, אַז זיין שלומקע מאַכט נאָך גאַרמיזע מלמד, מאַכט אים נאָך מיט אַלע פּיטשעווקעס.

קומט שלום אַהיים, טרעפט ער דעם טאַטן און פעטער ניסל,ביידע זיצן זיי ביים טיש, רויכערן גראָבע פּאַפּיראָסן און קוקן אַריין אין ספרים. טוט אַ זאָג דער פעטער ניסל:

— קום נאָר אַהער, שלומקע, זאָג נאָר, ווי אַזוי מאַכסטו נאָך גאַרמיזע דעם מלמד ווי ער לייענט אין דער תורה (מעביר די סדרה).

— ווי אַזוי מאַך איך אים נאָך? — פרעגט שלום — אַט ווי אַזוי!

און שלום האָט זיך ניט געפוילט און זיך צעשאָקלט אויף איין פוס, פאַרקרימט דאָס פנים ווי גאַרמיזע, אַרויסגעשטעלט די ציין, אויסגעצויגן דעם האַלדז, אַ פיר געטאָן מיט דער נאָז אין דער לופטן אַרויף און אַראָפּ, און אָנגעהויבן מיט אַ מאָדנער גאָרגל שטים אויסזינגען פונקט ווי גאַרמיזע לייענט אין דער תורה.

שלום האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען דעם טאַטן און פעטער ניסל אַזוי־פיל לאַכן. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער פעטער וואָלט אויך זייער גע־וואָלט נאָכמאַכן גאַרמיזן, נאָר דער פעטער שעמט זיך. ער איז דאָך אַ איד מיט אַ באָרד, דאַרף ער זיין ערנסט און בייז, מוז זיך פאַרשטעלן...

## אַ קליין ביכעלע — די אייזנבאַן

דאָס אינגל שלום איז געווען אַ גוטער נאָכקרימער, אַן אָפּלאָכער, אַ פאַרשלעפּטע קרענק, אַ קלעק — דער גרעסטער שטיפער אין שטעטל. ער איז אָבער אויך דאָס בעסטע אינגל אין שטעטל. האָט אַ האַנט־שריפט איינע אין לאַנד — שרייבט מיט געצוקטע אויסגעטאָקטע אותיות־לעך; קאָן גאַנץ תנ״ך אויף אויסווייניק, זאָגט אים נאָר אַ פסוק, וועט ער אייך זאָגן וואו עס געפינט זיך דער פסוק. און וואָס עפּעס אַ פסוק? — איין וואָרט — וועט ער אייך זאָגן וויפיל מאָל דאָס וואָרט געפינט זיך אין תנ״ך און וואו. אַ בלעטל גמרא איז דעם יונג אויך ניט פרעמד און אריינקוקן אין אַ העברייאיש ביכל קאָן ער אויך. ניטאָ וואָס צו ריידן, אַ געראָטן אינגל, און טאַטע מאַמע האָפן, אַז זייער זון וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער רב. מען וועט אים אויפנעמען אין אַ גרויסער שטאָט און פון גאָר דער וועלט וועט מען צו אים קומען וועגן אַן עצה. ווייל ניט נאָר אַ גרויסער לערנער איז דאָס אינגל, ער איז אויך אַ קלוגער — קלוג ווי דער

## שלום עליכם

טאָג. האָט אויף אַלץ אַ ווערטל, און קאָן (אויב ער וויל נאָר, און ווען וויל ער ניט) אַריינזאָגן אין דער זיבעטער ריפּ.

אָבער דאָס אינגל חלומט גאָר אַנדערע חלומות. ער וויל ניט זיין קיין רב. ער וואָלט גאָר געוואָלט זיין אַ קלעזמער, אַ פידל שפּילער. אויב ניט אַזאַ פידל שפּילער ווי פּאַגאַניני אָדער סטעמפּעניו, איז כאָטש ווי דער שטעטלשער שפּילער נפתלי בעזבאָראָדאָווקע. ער האָט ליב זיין אַ קלעז־מער, ווייל ס׳איז גוט זיך אַ שטעל טאָן און אַ נעם טאָן דאָס פידעלע, אַ שפּיל טאָן אַזוי, אַז יעדן איינעם זאָל ווערן גוט און פריילעך אויפן האַרצן.

ס׳איז אַ מחיה פריילעך מאַכן מענטשן. אָט האָט דער טאַטע געקראָגן ערגעץ אַ ביכעלע מיטן נאָמען „די אייזנבאַן פון זאַרביניץ קיין יורקעץ פון חיים יאַסיליס״.

„ס׳איז געווען אַ ביכעלע אַ קליינטשיקס, אַ דאַרינקס, מיט געלע פּאַרשמאָלצעוועטע, צעפּאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלעך אָן טאָוועלעך. שבת צו נאַכט, אַלע באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן זיך צונויפגעקליבן באַ ר׳ נחום וועוויקס אויף מלווה מלכה. די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיטן „וואַלכישן באָרשט״ און דער עולם האַלט זיך דערווייל אונטער. ר׳ נחום לייענט אַ מעשה ביכל״. דער טאַטע לייענט און דער עולם זיצט אַרום טיש, רויכערט פּאַפּיראָסן און קאַטשעט זיך פון געלעכטער. מען האַלט זיך ביי די זייטן. אפילו דער פאַרלעזער קאָן זיך ניט איינהאַלטן און שטיקט זיך פון געלעכטער.

דאָס אינגל שלום איז נאָך יונג און „פאַרשטיין וואָס דער טאַטע לייענט פאַרשטייט ער ניט, נאָר ס׳איז אים גלאַט געפעלן צו זען ווי אידן מיט בערד קאַטשען זיך, האַלטן זיך באַ די זייטן און שיסן אויס אַלעמאַל מיט אַ געלעכטער. און ער זיצט פון דער ווייטנס און קוקט אין אַלעמענס פּנימער ווי זיי שיינען, און ער איז מקנא יענעם אידן וואָס האָט געמאַכט דאָס ביכעלע, און זיין טיפּסטער וואונטש איז, אַז גאָט וועט העלפן, ווען ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזאַ מין ביכעלע, וואָס אידן וועלן דאָס לייענען און וועלן לאַכן״.

דעם אינגלס וואונטש איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. אונטערן נאָמען „שלום עליכם״ האָט ער אָנגעשריבן אַ סך ביכער, וואָס אידן האָבן גע־לייענט און געלאַכט. אָבער ווען מען זאָל עס געווען זאָגן זיין טאַטן, וואָלט ער דריי מאָל אויסגעשפּיגן פון פאַרדרוס. דער טאַטע האָט געוואָלט, אַז

דאָס אינגל זאָל זיין אַ רב ביי אידן, אַ גאָר, גאָר גרויסער רב, ניט קיין שרייבער פון מעשה ביכלעך.

## אַ נייע היים

עפּעס האָט געטראָפן מיט דעם טאַטנס געשעפטן. פון אַלע פּרנסות האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך. נחום וועוויקס האָט אַלעמען געגלויבט אויפן וואָרט, האָט דער שותף זיינער אים אָפּגענאַרט — באַגנבעט פון קאָפּ ביז די פיס, און נחום וועוויקס איז געבליבן אָן פּרנסה.

יאָרן און יאָרן איז מען אין שטאָט געווען באַקאַנט אַלץ איינער פון די שענסטע באַלעבאַטים. מ׳האָט זיך געשטעלט אומעטום גרויס. מ׳האָט געהאַלטן אָן אָפענע שטוב. שבת צונאַכט איז די גאַנצע שטאָט געקומען צו נחומען אויף מלווה מלכה. איצט האָט מען געמוזט אָנהויבן שפּאָרן. מען האָט אָפּגעשאַפט די מלווה מלכה, מען האָט ניט געגעבן אַזוי מיט דער ברייטער האַנט, מען האָט אָנגעהויבן לעבן איינגעהאַלטן. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. ס׳האָט אויסגעפעלט אויף דעם נויטיקסטן. נחום האָט באַשלאָסן אַרויספאָרן קיין פּערעיאַסלעוו — די נאָענטסטע גרויסע שטאָט — וואו ער האָט געהאָט אַ סך קרובים און באַקאַנטע. פריער זיינען געפאָרן טאַטע־מאַמע, אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט מען געשיקט נאָך די קינדער.

דער גאַנצער עסק איז זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם קליינעם שלומען. עפּעס אַ קלייניקייט פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, זען נייע מענטשן און אָנקוקן נייע פּלעצער. און דאָס פאָרן אַליין? ס׳זיינען די לעצטע טעג פון סוף זומער, ווי שיין זיי זיינען! „די פעלדער נאַקעט, ערטערווייז צעאַקערט, דאָס ברויט שוין לאַנג אַראָפּגענומען, נאָר וואו ניט וואו וואָרפט זיך אַ בוימל, אַ זאַנג, אַ קווייטל. דער ריח פון פעלד פאַרטראַגט אין גאַנז אַריין. די וועלט אַרום זעט אויס גרויס און דער הימל אויבן אַזוי קיילעכ־דיק". מען פאָרט דורך דערפער און שטעטלעך. אין אַנדערע ערטער שטעלט מען זיך אָפּ. אומעטום זעט מען נייע פּנימער, נייע מענטשן. שלום דער־זעט באַלד די אַנדערשקייט באַ די נייע פאַרשוינען, קרימט זיי נאָך, מאַכט זיי נאָך. לאָכן חברה שטיפער, שטיקן זיך פון געלעכטער און ס׳איז לעבעדיק.

אָבער די אויפנאַמע אין דער נייער היים איז ניט געווען ווי שלום האָט גערעכנט. ער האָט עס באַלד דערפילט.

„אַ באַגעגעניש איז דאָס געווען ניט אַזאַ ווי די קינדער האָבן דער־וואַרט. מען האָט זיך אפילו צעקושט אָבער קאַלטלעך. דערנאָך האָט מען אַ פרעג געטאָן — ס׳מאַכט איר? וואָס קאָן מען ענטפערן דערויף? גאָרנישט. די ערשטע איז געווען די באָבע מענדי, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אַז די קידנער ווילן עסן. זייט איר הונגעריק? נאָך אַ מין הונגעריק. אירט צפעס עסן? נאָך אַ מין עסן!״

דער קליינער שלום הויבט אָן באַטראַכטן דאָס הויז. ס׳איז עפּעס ניט דאָס. דער טאַטע האַלט אָן איינפאָר הויז — אַ מין האָטעל. דאָס איז די נייע פרנסה. אַ גרויסע שטוב, אַ לאַנגער קאָרידאָר. פון ביידע זייטן צימערלעך, איבערגעצוימט מיט דינע ברעטלעך, פאַר געסט. און געסט — ניט איינער. שלום באַטראַכט די גלעזערנע שאַפע, וואו עס איז שטענ־דיק געשטאַנען דאָס זילבער. עפּעס שטייען דאָרט אַ פּאָר פּאָרצעלייענע כלים. די באַגילטע כוסות, בעכער, בעכערלעך, גאָפּלען, מעסער און לעפל — דאָס גאַנצע זילבער ניטאָ. פאַרזעצט.

מען דערלאַנגט עסן. מאַדנע, די מאַמע צעשניידט אַ ברויט און טיילט אויס יעדן קינד זיין חלק.

„די מאַמע, חיה אסתר, האָט געבראַכט צוטראָגן פון קיך עפּעס ניט אַזאַ געהויבענע וועטשערע — צעוואַרעמטע קאַשע מיט פּאַסיאָליעס, און דאָס דאַרף מען עסן מיט ברויט און דאָס ברויט איז אַלטגעבאַקן״.

די נייע היים האָט ניט געפונען קיין חן אין שלומס אויגן. אָבער שלום איז ניט פון די אינגלעך וואָס קענען זיין פאַראומערט. באַלד אויף מאָרגן, ווען ער איז נאָר אַרויס פון הויז און האָט דערזען אַ נייע וועלט, האָט ער פאַרגעסן דעם טאַטנס שטוב מיט די קליינע צימערלעך, די פּוסטע גלעזערנע שאַפע און דאָס אַלטגעבאַקענע ברויט. ער האָט נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבן ניט געזען „אַז גאַסן זאָלן זיין אַזוי ברייט און לאַנג און האָבן פון ביידע זייטן טראָטואַרן; אַז שטיבער זאָלן זיין געדעקט מיט בלעך; אַז פענצטער זאָלן זיין פון דרויסן מיט געפאַרבטע גרינע, בלויע און רויטע לאָדן; אַז קלייטן זאָלן זיין געמויערט פון ציגל, און האָבן אייזערנע טירן״.

שלום איז געגאַנגען מיטן טאַטן צו משפחה. געגאַנגען זיך באַקענען און אָפּגעבן שלום, נאָר ווייל ער איז געגאַנגען מיטן טאַטן, האָט ער זיך

ניט געקאָנט אָפּשטעלן אויף יעדן שריט און טריט און באַוואונדערן די נייע שטאָט.

דער טאַטע מיטן זון האָבן באַזוכט אַלע קרובים אין יעדן הויז האָט מען דעם אינגל פאַרהערט אין עפּעס אַנדערש. בײַ אַ מומען האָט מען אים פאַרהערט אין תנ"ך. בײַ איין פעטער אין דיקדוק, בײַ אַן אַנדער פעטער אין שרייבן. אומעטום האָט דאָס אינגל אויסגעצײכנט און באַלד האָט זיך צעטראָגן איבערן שטאָט אַז נחום ראַבינאָוויטשעס אינגל — דער מיטלסטער, שלום, איז גאָר, גאָר אַ וואויל אינגל. אַ גרויסער תנ"ך קענער, אַ גוטער בעל דיקדוק און פאַרשטייט גוט אַ בלאַט גמרא.

און אויב שלום האָט געקראָגן אַ נאָמען בײַ די דערוואַקסענע אין שטאָט, האָט ער נאָך אַ גרעסערן נאָמען געקראָגן בײַ די אינגלעך פון שטעטל, אַז ער שטייט פון קיין זאַך ניט אָפּ, און ער קאָן נאָך זיי וויַיזן קונצן. אַט קאָן ער זיי וויַיזן אַ קונץ אַז צו יעדן נאָמען קאָן מען צולייגן אַ גראַם. צום ביישפּיל.

מאָטל — מאָטל קאַפּאָטל דרומען דראָטל ארץ קנאָטל.

לייב — לייבל קאַפּייבל, דרומען דריידל, יוסף סנייבל, ארץ קנייבל.

היינט נאָכמאַכן אימיצן! אַט שטעלט ער זיך אַוועק צווישן די אינגלעך און מאַכט נאָך די באַלעבאַטים פון שטאָט. דוכט זיך זיי ערשט געזען, אָבער טשיקאַווע, ער קאָן נאָכמאַכן וואָווע קאָדעצקען ווי ער פייפט מיט דער נאָז, בעני קאַפּאַווער ווי ער עסט טאַבאַק, יצחק אַביגדור ווי ער מאַכט מיט די פּלייצעס און, שלום ווילענסקי ווי ער גלעט דאָס בערדל און קאַפּיקעט מיט דער נאָז.

## חלום און וואָר

צו אַלץ קומט אַ סוף — צו הוליען אַוודאי. אויף ווינטער האָט מען אָפּגעגעבן די קינדער אין חדר. שווער איז געווען דאָס אַמאָליקע חדר, אָבער שלום געפינט אומעטום מיט וואָס זיך צו פרייען, פון וואָס אַ שפּאַס צו טאָן. איז גאָר שלעכט, פאַרמאַכט ער די אויגן און חלומט. חלומט, אַז ער איז דער פּרינץ וואָס זוכט די באַהאַלטענע פּרינצעסין. חלומט, אַז ער גייט זוכן דעם אוצר, וואָס איז באַהאַלטן אין באַרג פון וואָראָנקע. זוכט דעם אוצר און געפינט און מאַכט גליקלעך טאַטע־מאַמע.

שלום איז ניט אַזוי גוט אַנגעטאָן. ניין, ער איז גאָר אָרעם אַנגעטאָן. יאָסי פּרוכשטיין, אַ אינגל מיט אַ פּאַרשטאָפּטן קאָפּ, וואָס שלום קאָן אים פאַרשטעקן אונטערן פּאַכווע, איז אַ נגידס אַ אינגל, גייט ער אָנגעטאָן ווי אַ פּראַנט. שטיוול, לאַקירטע און סקריפּנדיקע, אויף הויכע, זייער הויכע אָפּצאַסן, ער זאָל אויסזען העכער. אַ זשילעט אַ ווייסע, ווי געפּאַלענער שניי, די האָר פאַרקאַמט מיט אַ שרונט אין מיטן. היינט זיין פידל שפּילן! און אָט דער יאָסי פּרוכשטיין, וואָס איז אַ קורצפּיסיקער, מיט אַ לאַנגער נאָז, אויף דער נאָז רויטע פּרישטשיקלעך און ציין גרויסע, ווי לאָפּעטעס, אָט ער איז עס אָן אָפּטער אַריינגייער צו ראָזען — דער שענסטער און געבילדעטסטער מיידל אין שטעטל.

ראָזע איז ניט אַבי ווער. זי איז די איינציקע אין שטאָט וואָס שפּילט פּיאַנאָ, רעדט פראַנצויזיש און רעדט הויך און לאַכט הויך. יאָסי פּרוכשטיין שפּילט פידל און זי ראָזע שפּילט פּיאַנאָ, און אַז ביידע שפּילן, מעג מען פאַרזעצן וואָס מען האָט, אַבי שטיין אונטערן פענצטער און הארכן.

„שלום איז געשטאַנען ניט איינמאָל באַ ראָזען אונטערן פענצטער זומער פאַרנאַכט אין דרויסן, און צוגעהערט זיך צו די זיסע הימלישע טענער, וואָס די שיינע ראָזע מיט אירע שיינע פינגער האָט אַרויסגעצויגן פון דער גרויסער שוואַרצער גלאַנציקער פּיאַנאָ, מיט די ווייסעביינדלעך, און צו די זיסע הימלישע געזאַנגען, וואָס דער קורצפּיסיקער יאָסי פּרוכשטיין האָט אַרויסגעריסן פון די דינע סטרונעס פון זיין קליין בייכיק פידעלע".

דער קליינער שלום קומט א היים אין איינפאַר הויז. ליידיקע חדרים אַ לאַנגער קאָרידאָר. און געשרייען פון דער מאַמען, געוויין פון קינדער, טרוקן ברויט — אַ מיאוסע אָרימקייט.

מען לייגט זיך שלאָפן. שלום שלאָפט מיטן ברודער אין איין בעט. ס'איז שטיל אין הויז. ס'הערט זיך נאָר דאָס גרילצן פון גריל און דאָס שטילע אָטעמען פון די שלאָפנדיקע. שלום שלאָפט ניט. ער חלומט אַז דער טאַטע איז רייך און האָט פאַר אים גענומען אַ לערער אויף פראַנצויז. פאַרשטייט זיך, אַז באַ שלומען איז קיין ווערדע ניט זיך אויסצולערנען פראַנצויזיש. פאַר פידל לערנען ברענגט אים דער טאַטע אַראָפּ סטעמפּעניון אַליין. אויסקליידן איז דאָך קיין רייד ניט. שלום איז אויסגעקליידט אין שענסטן און בעסטן — אַ געוואַנטענער אַנצוג, אַ בלויער קאַשקעט, לאַקירטע שטיוועלעך מיט סקריפּעס. שלום גייט איבער די גאַסן פון פּערעיאַסלעוו

און באַגעגענט ראָזען. ער באַגריסט זי אין פראַנצויזיש. זי שטעלט זיך אָפּ. אַלע פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ און באַוואונדערן דאָס פיינע פאָרל. איינער פרעגט:

— ווער איז דאָס אינגל מיט די בלאָנדע לאָקן און קלאָר ווייסן פּנים, וואָס רעדט מיט ראָזען פראַנצויז?

און מען ענטפערט אים:

— וואָס, איר ווייסט ניט? דאָס איז דאָך שלום נחום וועוויקס, שלום ראַבינאָוויטש, דער תנ״ך קענער, דער בעסטער שרייבער אין שטעטל.

שלום מאַכט זיך ניט הערנדיק. ער זעגנט זיך מיט ראָזען און גייט ווייטער מיט די גאַסן. די לאַקירטע שטיוועלעך סקריפּען. אַז מען קוועטשט שטאַרקער, סקריפּען די שטיוועלעך העכער. קוועטשט ער שטאַרקער און שטאַרקער די שטיוועלעך — שלום כאַפּט אַ שטורך פון זיין עלטערן ברודער מיט וועלכן ער שלאָפט אין בעט:

— וואָס דריגעסטו מיט די פיס ווי אַ לאָשעק?

שלום רוקט זיך אָפּ פון ברודער.

„ס'איז אַ חלום, אַ חלום, און ער הערט ניט אויף צו חלומען אויף דער וואָר. און עס גיסן זיך צונויף באַ אים דער חלום מיט דער וואָר, די פאַנטאַזיע מיט דערווירקלעכקייט".

און עס ציען זיך אַזוי די חלומות ביז עס געשעט אַ גרויס אומגליק באַ די ראַבינאָוויטשעס.

## אַ שטיף מאַמע

אין שטעטל האָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע — די כאָלעריע. אָנגעהויבן האָט זיך עס באַלד נאָך פּסח. פון אָנהויב ניט אַזוי שטאַרק. שפּעטער צו האָט זיך די עפּידעמיע צעשפּילט גאָר, גאָר אויף דער אמת. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן אַלץ אָפטער די ווערטער: אונטערגאַנג, עפּידעמיע, כאָליערע. ס'איז געפאַלן אַ שרעק אויף דער שטאָט.

די כאָלעריע האָט קיין איין הויז ניט אויסגעמידן. שלומס מוטער איז געשטאָרבן אין דער עפּידעמיע.

עס איז געבליבן אַ פול הויז מיט יתומים. דאָס עלטסטע קינד, אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן, און דאָס אינגסטע, אַ מיידעלע נאָך קיין יאָר ניט אַלט.

# שלום עליכם

דער פּאָטער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די קינדער. ער איז טאָג און נאַכט אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער, אַ פאַרזאָרגטער, און געהאַלטן אין איין איבער־חזרן:

— גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס הויבט מען אָן צו טאָן?

וואָס קאָן אַ מאַנצביל טאָן מיט קינדער? טאַקע גאָרנישט. איז געבליבן, אַז מען זאָל נעמען די קלענערע קינדער און זיי אָוועקשיקן צו זייער זיידן אין באַהוסלאַוו. זאָלן זיי דערוויילע דאָרטן זיין. שפּעטער וועט מען זען.

לאַנג זיינען די קינדער באַם זיידן ניט געוועזן. באַלד נאָך יום טוב האָט דער טאַטע נאָך זיי געשיקט. ווען די קינדער זענען צוריקגעקומען אַהיים האָבן זיי שוין געטראָפן אַ שטיף מאַמע.

שלום האָט זיך געוואונדערט, וואָס האָבן זיך מענטשן אָנגעכאַפּט אָן דעם וואָרט „שטיף מאַמע". מען וואָלט געמיינט, אַז אַ שטיף מאַמע איז מיט הערנער. ער זעט עס ניט. אויפן קוק אַ גאַנץ וואוילע פרוי. אַ שיינע, ניט קיין נאַרישע און שמייכלט שטענדיק ליבלעך.

אָבער באַלד אין אַ וואָך צוויי אַרום האָט די שטיף מאַמע גענומען ווייזן וואָס זי קאָן. זי האָט געשריען, געשאָלטן, געשלאָגן, געבראָכן וואָס עס איז געקומען אונטערן האַנט, אַזוי אַז דאָס הויז איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

די קינדער האָבן פאַר איר געציטערט. שלום אויך. אָבער שלום האָט אַליין אויך געהאַט אַ גלאַט צינגל און געקאָנט אָפּענטפערן איינעם אַזוי, אַז עס זאָל אים פאַרגיין אין דער זיבעטער ריפּ. איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער שטיף מאַמעס גלאַטע רייד, און אַז זי פלעגט זיך צעלאָזן מיט איר מיילעכל, איז דאָס אינגל געשטאַנען און געגאַפט פון דער רייכקייט פון איר שפּראַך. אויף איטלעכן וואָרט האָט זי געהאַט אַ קללה. צום ביישפּיל:

עסן — עסן זאָלן דיך ווערים.

טרינקען — טרינקען זאָלן דיך פּיאַווקעס.

שרייען — שרייען זאָלסטו אויף די ציין.

גיין — גיין זאָלסטו אין דער ערד.

שלומען איז אַזוי געפעלן געוואָרן איר שפּילן זיך מיט ווערטער, אַז ער איז ניט געווען פויל און האָט פאַרשריבן אירע אַלע קללות אין אַ ביכעלע נאָכן אַלף בית נאָך.

אָבער ס'איז ביטער און שלעכט. אַמאָל ווען די מאַמע האָט געלעבט איז אויך געווען שלעכט, איצט אָבער איז גאָר ניט אויסצוהאַלטן. ס'איז נאָך פרי, גאַנץ פרי, און די שטיפמאַמע רעכנט זיך שוין מיט די שטיפקינדער אויפן ניכטערן הארצן. זי טיילט אויס קללות יעדן באַזונדער מיט אַ פול מויל. דערלאַנגט דעם אַ זעץ אין זייט אַריין, דעם אַ סטוסאַק אין האַלדז אין נאַקן, יענעם מיטן רעכטן פוס אין בויך אַריין. זי וויל איינער זאָל פאַרוויגן דאָס קינד, דער אַנדערער זאָל גיין אין מאַרק אַריין העלפן טראָגן דעם קויש, דער דריטער זאָל גלאַט גיין אין דער ערד אַריין.

און די קינדער טוען אַלץ וואָס מען הייסט זיי, וואָרים די צייט איז שלעכט, פרנסה איז געשלאָגן, אין חדר גייט מען נאָר אַ האַלבן טאָג, דעם אַנדער האַלבן טאָג העלפט מען אַרויס דעם טאַטן ווי ווייט מען קאָן. דער אין שטוב, דער אין שטאַל און דער אין דרויסן אויפן בענקעלע באַם טויער.

אויפן בענקעלע באַם טויער איז געוויינטלעך געזעסן שלום, ער האָט געקאָנט פאַררופן די פאַרבייפאָרער.

דאָס זיצן אויפן בענקעלע איז גאָר ניט געווען אַזוי שלעכט. זיכער בעסער ווי אויסשטיין דעם הו־האַ און דאָס שעלטן פון דער שטיפמאַמען אין הויז. געווען איז נאָר שלעכט, ווען מען איז אָפּגעזעסן אום ווינטער לאַנגע שטונדן און מען האָט קיין איין דורכפאָרער ניט אַריינגעשלעפּט.

שלום קומט אַריין אין הויז דורכגעפרוירן דורך און דורך, ער טרעפט דעם טאַטן זיצן איינגעבויגן איבער אַ ספר. די שטיפמאַמע ברענט — ניט געקומען קיינער? וואָס וועט זי טון מיטן ברויט, וואָס זי האָט אָנגעבאַקן און מיט די פיש וואָס זי האָט אָפּגעקאָכט? כאַטש נעם און וואַרף עס אַרויס פאַר די הינט. און זי שעלט און ברענט און רעדט ווייטער צו די קינדער:

— אַוודאַי מיינט איר דאָך, אַז עס וועט זיין פון אייערטוועגן. אַ מכה. איר זייט ניט קראַנק צו עסן אַלטגעבאַקן ברויט. ס'וועט זיך אייך ניט שטעלן פּאַפּעריק אין האַלדז. אייער מאַגן וועט ניט קאַליע ווערן. אַ קלייניקייט — אַזאַ כאַליאַסטרע און אַלע אַזוי איידל געפּאַטשקעט.

שלום קאָן מער ניט הערן. ער וועט בעסער זיין אין דרויסן אויף דער קעלט. ער לויפט אַרויס אין גאַס.

## שלום עליכם

# מאַפּוס ראָמאַן — אהבת ציון

צו נחום ראַבינאָוויטשן אין איינפאַרהויז פלעגן אַריינקומען אַלערליי מענטשן. חוץ דעם איז נחום אַליין אַ איד אַ קענער, לייענט אַ בלאַט צייטונג און קאָן ריידן מיט אַ מענטשן. אַלע געבילדעטע יונגע לייטלעך פון שטעטל פלעגן אַריינקומען צו נחומען טרינקען אַ גלעזל טיי און שמועסן. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט ניט געקאָנט פאַרזען שלומען דעם תנ"ך קענער און גוטן שרייבער. האָט יעדער איינער אים געבראַכט עפּעס וואָס צו לייענען, און דאָס אינגל האָט געשלונגען די ביכלעך זיצנדיק אין דרויסן אויפן בענקל באַם טויער.

איינמאָל האָט אים איינער פון די באַזוכער געבראַכט דעם ראָמאַן פון אברהם מאַפּו — אהבת ציון, געשריבן אין העברייאיש — „האָט ער אים, אין איין שבת, איינגעשלונגען פון אָנהייב ביזן סוף, ליגנדיק אויפן בוידעם".

דאָס אינגל האָט איבערגעלייענט דאָס ביכל און איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרחלומטער. ער האָט אפילו פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. „דער סוף איז געווען אַט וואָס פאַר אַ סוף. פון די געסט, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין איינפאַרהויז באַ זיי, זיינען אים אַריינגעפאַלן אַמאָל עטלעכע גראָשנס פאַר פאָלגן אַ גאַנג. אַט די גראָשנס האָט שלום אויסגעגעבן אויף פּאַפּיר — זיך אָוועקגעזעצט שרייבן אַ ראָמאַן אויף דעם שניט פון מאַפּו".

בייטאָג האָט ער קיין צייט ניט געהאַט צו שרייבן, האָט ער באַנאַכט זיך אָוועקגעזעצט באַם לאָמפּ און געשריבן ביז — ביז די שטיפמוטער האָט דערהערט סע סקריפּעט עפּעס, און דערזען אַז עס לייכט זיך, האָט זי זיך ניט געפוילט און איז אַראָפּ פון בעט אַ באָרוויסע, זיך אונטער־געגנבעט און דערזען דעם חברהמאַן זיצן און שרייבן, האָט זי אויפגעהויבן אַזאַ גוואַלד, אַז די גאַנצע שטוב האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק, געמיינט אַז עס ברענט. דער גאַנצער גוואַלד איז אָבער געווען נאָר איבערן קעראָ־סין, וואָס דער „שרייבער" ברענט אומזיסט.

דער טאַטע האָט צוגענומען דאָס פאַרשריבענע און האָט עס געוויזן די יונגעלייטלעך וואָס פלעגן אַריינקומען אויף טיי. אַלע האָבן געלעקט די פינגער פון שלומס שרייבן און געלויבט עס אין הימל אַריין, חוץ איינעם, אַרנאָלד פון פּידוואָרקעס.

## אַרנאָלד פון פּידוואָרקעס

אַלע אין שטעטל האָבן גערעדט פון אַרנאָלד פּידוואָרקעס (אַ פאַר־שטעטל פון פּערעיאַסלעוו). אַרנאָלד האָט געוואוינט אין אַ קליין צימערל באַ זיין ברודער בנימין קלמן. דאָס צימערל איז געווען פול מיט ביכער ביז דער סטעליע. געלעבט האָט אַרנאָלד אַליין, אָן אַ פרוי און קינדער. געווען אַן אַלטער בחור. אַרנאָלד פלעגט אַריינקומען צו נחום ראַבינאָוויטשן, אָבער ער פלעגט ניט אַריינקומען גלאַט פּלאַפּלען אין דער וועלט אַריין. ער פלעגט קומען מיט אַ פרישער צייטונג, אָדער מיט אַ בוך, אַניט איז מיט אַ טענה צו די שטאָטישע רעדל פירער.

שלום האָט פאַר אַרנאָלדן געהאַט מער אָפּשיי ווי פאַר אַלע אַנדערע. ער פלעגט אים קוקן גלייך אין מויל אַריין און צוגעהערט זיך ווי אַרנאָלד פּידוואָרקעס רעדט. אַ קלייניקייט, אַ מענטש ווייס און קאָן אַזויפיל! אַר־נאָלד איז דעם יונג גלאַט געפעלן געוואָרן. זייער אַ סימפּאַטישער פּאַרשוין. ניט קיין הויכער, אַ דאַרינקער אָבער אַ פעסטער ווי פון שטאָל אויסגעגאָסן. אַ געל בערדעלע און קיין סימן פון פּיאות. אַ צינגעלע שאַרף ווי אַ גאָל מעסער, פּעף און שוועבל, לאַכט אָפּ פון די פאַנאַטיקער, פון די פרומע אידן. ער שרייט שטענדיק.

— ערלעך דאַרף מען זיין, וואָס טויג מיר פרומקייט? — און זיין שאַרף געלעכטער הילכט אָפּ ווייט, ווייט.

פאַר אָט דעם אַרנאָלדן האָט זיך שלומס טאַטע באַרימט מיט דעם אינגלס שרייבן.

אַרנאָלד האָט איבערגעקוקט דאָס געשריבענע און אָפּגעזאָגט:

— די שרייבעכצן שענק איך אייך אַוועק. וואַרפט זיי אַרויס אויפן מיסט. אַזעלכע שרייבעכצן זענען גאָר ניט ווערט. דאָס אינגל האָט אָבער אַ פייערדיק קעפּל. נעמט אַלץ איבער, טאָ גיט אים אַריין אין „אויעזדנע" (רוסישע שטאָט שול). זאָל ער זיך לערנען ווערן אַ מענטש. אַז מען ענדיקט די „אויעזדנע", זענען אַלע וועגן אָפן. וועט ער וועלן אַריינטרעטן אין ראַבינער שול איז אַ ראַבינער שול. ווילט איר גימנאַזיע, איז גימנאַזיע.

נחום ראַבינאָוויטש האָט, ווי עס ווייזט אויס, שטאַרק געהאַלטן פון אַרנאָלדן, אין גאָר אַ קורצער צייט האָט מען דעם אינגל אַריינגעגעבן אין דער „אויעזדנע".

## שלום איז ניט גלייך צו אַנדערע

אין אָנהויב איז שלומען ניט געגאַנגען אַזוי גוט אין דער רוסישער שול. די שוועריקייט איז באַשטאַנען אין דער שפּראַך. שלום האָט געקאָנט אַזוי ווייניק רוסיש, אַז אַלע האָבן פון אים געלאַכט. דער לערער, די חברים. אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז אפילו די בענק לאַכן. און דאָס איז אים גאָר־ניט געפעלן געוואָרן. הער נאָר אַזוינס — ער איז געוואוינט געווען אָפּלאַכן פון דער גאַנצער וועלט, צום סוף לאַכט מען גאָר פון אים. אָבער פאַרפאַלן. ס'איז דאָ נאָר איין אויסוועג — מען דאַרף זיך נאָר נעמען צום לערנען.

און ער האָט זיך גענומען צום לערנען מיט פייער און ברען, און ס'וואָלט געווען גוט, איז דאָך אָבער דאָ אַ שטיפמאַמע, לאָזט זי ניט לערנען, לאָזט ניט אָטעמען, לאָזט ניט לעבן. זי שאָפט זיך מיטן אינגל ווען ער האָט נאָר אַ פרייע מינוט. איז געווען שלעכט — ניטאָ קיין צייט פאַר היים־אַרבעט. ס'איז גאָר ניט גוט. האָט געטראָפן אַ מעשה און די שטיפמאַמע האָט זיך מיט אים אויפגעהערט שאָפן.

ס'איז געווען אַ פרימאָרגן. שלום האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער דער שטוב און געמאַכט זיין היים־אַרבעט. ער האָט געחזרט אויף אויסווייניק די טעגלעכע לעקציע. די שטיפמאַמע האָט געיאָדעט און געשאָלטן. זי האָט אויפגעוואָרפן דעם טאַטן וואָס עס האָט פאַסירט פאַר צען יאָר. ווי אַלעמאָל האָט דער טאַטע געשוויגן און ניט געענטפערט. נאָר אָט האָט זי זיך צעלאָזט מיט איר צינגעלע אויף שלומען:

— ער מיינט, מיין קלאַסניק, אַז ער איז אַ גאַנצער גראַף און דאַרף שוין גאָרנישט טאָן. גאָרנישט ניט טאָן, נאָר אַרומגיין הין און צוריק און חזרן זיינע „אוראָקן" אויף אויסווייניק. נישקשה, עס מעג דיר אָנשטיין, מיין סטודענט מיט די אויסגעדרייטע שיך, אַריינטראָגן טיי צום גאַסט אין זיין צימער. עס וועט דיר גאָרניט שאַטן צו דיין אַפּעטיט.

שלום איז געווען גרייט פאַלגן. דאָ האָט זיך אָבער פלוצים אַריינ־געמישט דער טאַטע. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו שלומען, אים אָנגע־כאַפּט באַם דער האַנט און אַרויסגעשריען:

— גיי ניט! איך הייס ניט! איך וויל ניט!

און צו דער שטיפמאַמען האָט ער אויסגעשריען:

— זאָלסט ניט וואָגן שאַפן זיך מיט שלומען פון דאַנען אַהין! מיט אַלע קינדער יע, מיט אים ניט. שלום איז ניט גלייך צו אַנדערע. שלום דאַרף לערנען. און געדענק איין מאָל פאַר אַלע מאָל! אַט אַזוי וויל איך, אַט אַזוי איז דאָס, און אַט אַזוי וועט דאָס זיין!

דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט שלום געזען דעם טאַטן אַזוי אין כעס. די שטיפמאַמע האָט זיך גוט דערשראָקן און פון דאַן אָן ניט געוואָגט זיך מער שאַפן מיטן אינגל. שלום האָט שוין געהאַט גענוג צייט צום לערנען.

אין יענער צייט האָט זיך שלום באַקענט מיט עליע דאַדיס, אַ אינגל מיט אַ ווייס פּנים, אַ קיילעכדיקס, אַביסל געשטופּלט; האָר שטייענדיקע, האַרטע, שוואַרצע, געדיכטע, שטעכיקע, אַ גאַנצע גריווע. אויגן לאַכנדיקע, ציין געזונטע, פינגער ווייסע, קורצע. אַ געלעכטער אַ הילכיקס, אַ שיסנ־דיקס. אַ פייערדיק אינגל, אַ שטיפער איינער אין שטאָט. אַ גוטער חבר פאַר שלומען.

וואָס קאָנען אַזעלכע אינגלעך ניט אויפטאָן צוזאַמען?

האָבן זיי טאַקע אויפגעטאָן. זיך געלערנט צוזאַמען און געשטיפט צו־זאַמען. אין שטאָט האָט מען זיי באַלד געקרוינט אַלץ די בעסטע שטיפערס. אין דער רוסישער שול האָבן זיי זיך אַזוי גוט אויסגעצייכנט, אַז די רעגירונג האָט געגעבן יעדן איינעם פון זיי אַ סטיפּענדיע פון הונדערט און צוואַנציק רובל אַ יאָר, אַ גאַנץ היפּשע סומע פאַר יענע צייטן אין יענע קליינע שטעטלעך.

## סוף פון קינדהייט

פיר יאָר האָט שלום פאַרבראַכט אין דער רוסישער שול. אַ גרויסער תנ״ך קענער, אַ „סטיפּענדיסט״. שאַרף, קלוג, אַ געשליפן צינגל. אַפילו די שטיפמאַמע האָט פאַר אים אָפּשיי. דאָך עפּעס אַ סטיפּענדיסט, האָט אַ פאַר אייגענע גראָשן. חוץ דער סטיפּענדיע גיט ער לעקציעס אין רוסיש — אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש.

אין שטעטל האָט מען גערעדט:

## שלום עליכם

— דוכט זיך אַ וואויל אינגל, שלום, נחום ראַבינאָוויטשעס, אָבער עפּעס גאָר קיין מענטש ניט, שטיפט נאָך אַלץ ווי אַ קליין קינד און דאָ איז ער שוין אַ בחור פון אַ יאָר פופצן.

און שלום האָט זיך ניט געפילט ווי קיין דערוואַקסענער ביז...

„איינמאָל קומט ער פון קלאַס אַהיים און פילט, אַז דער קאָפּ איז אים עפּעס אָנגעגאָסן מיט בליי. פאַר די אויגן שוועבן אום רעדלעך מיט עפּעס מאָדנע פיגורן. די רעדלעך בייטן זיך, די פיגורן ווערן צעגאַנגען אַזוי ווי שניי אויף דער זון, און אויף זייער אָרט קומען אַנדערע פיגורן. קיין וואָרמעס וויל ער ניט עסן. די שטיפמאַמע חידוש זיך — געפּגרט אַ בער אין וואַלד, זאָגט זי מיט איר געוויינטלעכן גיפט. ער קאָן זיך ניט האַלטן אויף די פיס, ער לייגט זיך אויף דער קאַנאַפּע. דער טאַטע גייט צו, טאַפּט אים באַם קאָפּ. עפּעס פרעגט אים דער טאַטע און ער ענטפערט, נאָר וואָס מען האָט אים געפרעגט און וואָס ער האָט געענטפערט ווייס ער ניט".

שלום איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס.

„אין דער צייט וואָס ער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך אַזוי פאַרענדערט, אַז ווען ער איז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אַראָפּ פון בעט, קוים דערשלעפּט זיך אין זאַל אַריין אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל, האָט ער זיך קוים דערקענט".

„אָבער ניט נאָר אין אויסזען אַליין האָט ער זיך פאַרענדערט. ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט. ער האָט דערפילט אינווייניק, אין דער נשמה, איז פאַרגעקומען אַ קריזיס. און עס טוט אים באַנג, האַרצלעך באַנג, זיין נאַרישע פאַרגאַנגנהייט".

אין בוך „פונם יאַריד" — שלום עליכמס אויטאָביאָגראַפיע — זאָגט דער פּראָפעסאָר, אַז מיט דער קראַנקהייט האָט זיך געענדיקט זיין קינדהייט. אַזוי ווי מיר באַשרייבן נאָר זיינע קינדער יאָרן, וועלן מיר זיך טאַקע אָט דאָ אָפּשטעלן. דאָס איז דער סוף פון שלום עליכמס קינדער יאָרן.

# חיים נחמן ביאַליק

**לויט זיינע לידער און דערציילונגען.**

# חיים נחמן ביאַליק

חיים נחמן ביאַליק איז געבוירן געוואָרן אין 1873 אין דאָרף ראַדי, וואָלין, לעבן זשיטאָמיר, רוסלאַנד, און איז געשטאָרבן דעם 4טן יולי, 1930 אין ווין, עסטרייך.

גאָר יונג האָט ביאַליק אַרויסגעוויזן זיינע אויסערגעוויינטלעכע פעיאיקייטן. אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה האָט ער זיך פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע לערנער. ער איז אָבער לאַנג ניט פאַרבליבן אין וואָלאָזשין. ער האָט זיך פון דער ישיבה געלאָזן קיין אָדעס קריגן אַ װעלטלעכע בילדונג. אין וואָלאָזשין האָט ער אָנגעשריבן זיין ערשט ליד — „אל הצפור".

אין אָדעס האָט דער יונגער ביאַליק אַ סך געליטן, און נאָך דעם טויט פון זיין זיידן האָט ער זיך אומגעקערט קיין זשיטאָמיר. אַ קורצע צייט איז ער געווען לערער אין אַ קליין שטעטעלע, באַלד איז ער איינגעלאָדן געוואָרן פון אַ גרופּע שרייבער צוריקקומען קיין אָדעס.

אַחוץ דעם ספר האגדה, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט מיט ראַווניצקין, האָט ביאַליק רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן אַ סך פון די העברייאישע מיטלאַלטערישע פּאָעטן, ווי ר' יהודה הלוי, אבן עזרא און אַנדערע.

אין 1924 האָט זיך ביאַליק באַזעצט אין תל אביב, ארץ ישראל, אויף דער גאַס וואָס טראָגט זיין נאָמען — „רחוב ביאַליק".

אין 1934 איז ביאַליק קראַנק געוואָרן און איז אַוועקגעפאָרן קיין ווין, עסטרייך, זיך אָפּערירן. נאָך אַ קורצער קראַנקהייט איז ער געשטאָרבן.

זיין קערפּער האָט מען געבראַכט קיין ארץ ישראל. ער ליגט אויפן בית עולם פון תל אביב, לעבן קבר פון אחד העם.



חיים נחמן ביאַליק

# אַ מאָדנער אינגל

אין דאָרף ראַדי, וואָלין, לעבן זשיטאָמיר, אין רוסלאַנד, האָט געוואוינט אַ איד מיטן נאָמען יוסף ביאַליק. דער איד האָט געהאַלטן אַ קרעטשמע — אַ פּלאַץ וואו מען פאַרקויפט פויערים ביר, שנאַפּס און צובייסן. יוסף ביאַליק האָט געאַרבעט זייער שווער. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט איז ער געשטאַנען אויף די פיס און באַדינט די געסט, האָט ער ניט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיין זון חיים נחמן.

דאָס אינגל איז געווען אַ שווייגער. אַ צוריקגעהאַלטענער. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט געחברט. זעלטן ווען אימיצן עפּעס געבעטן אָדער געפרעגט. ער האָט געהאַט אַ געוואוינהייט — זייגן דעם גראָבן פינגער. פלעגט ער זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל, אַוועקזעצן זיך מיט די פיס אונטער זיך, דעם גראָבן פינגער אין מויל — און געקוקט אויף דער וואַנט. פאַר זויגן דעם גראָבן פינגער האָט ער געקראָגן אַ צונעמעניש: „דער איד מיט דער ליולקע”.

אין הויז איז אַ טומל, אַ הוק. שיכורע פויערים זינגען מיט הייזעריקע שטימען . אַ שיכורע פויערטע האָט זיך צעהוליעט און אוועקגעלאָזן זיך טאַנצן, טופּען, אַז די ווענט ציטערן. דאָס צימער איז פול מיט רויך פון ביליקן טאַבאַק, מיטן געשטאַנק פון איבערגעשטאַנענעם ביר, מיטן שאַרפן גערוך פון שנאַפּס. דער פאָטער לויפט אַרום אַ פאַרשמאַיעטער פון איין טישל צום אַנדערן. דער קליינער חיים נחמן זעט ניט און הערט ניט. ער זיצט אין ווינקל, זויגט דעם גראָבן פינגער, קוקט אויפן רויך, וואָס שלענגלט זיך צו דער סטעליע און וויל אַלץ פאַרשטיין ווי אַזוי ווערט פון פּאַפּיר און טאַבאַק בלויער רויך.

### חיים נחמן ביאליק

## שרעטעלעך

אַפּט איז דאָס אינגל אויפן הויף. אין הויף איז אים גוט ווי די וועלט. אין הויז איז נאָר דער רויך געווען א חידוש, דאָ — אין הויף, זיינען פאַראַן א סך וואונדער. יעדעס שטיקל שטיין, יעדעס שטיקל האָלץ, יעדעס גרעזעלע, פויגעלע, זיינען פאַר אים א וואונדער. פאַרוואָס איז שטיין האַרט און זאַמד ווייך? ווער מאַכט איין זייט הויז שאָטנדיק און די אַנדערע זייט זוניק? אַט איז הינטערן שטאַל אַ פעלד. פון פעלד בלאָזט א ווינט. ווער יאָגט דעם ווינט? אַ פויגל טוט אַ צוויטשער, אַן אַנדער פויגל ענטפערט, וואָס ריידן זיי צווישן זיך? די זון זעצט זיך, ווער שאַרט אָן אַזויפיל פייער אויפן הימל?

דער קליינער נחמן קוקט צום פענצטער. עס האָט זיך אין הויז דערהערט אַ זונג. דעם אינגל דוכט זיך אַז דער זונג איז אַרויסגעפלויגן פון פענצטער ווי אַ פויגעלע, און אַנטלאָפן ערגעץ ווייט.

---

ס'איז שפּעט. אין קרעטשמע איז שטיל. אַ טונקעלער לאָמפּ באַלויכט די צימערן. דער קליינער ביאַליק קאָן זיך ניט אָפּרייסן פון דער וואַנט. עס וויגט זיך אַ שאָטן אויפן וואַנט. אַז ער טוט א דריי מיטן קאָפּ, טוט דער שאָטן אויך אַ דריי מיטן קאָפּ, הויבט ער אויף אַ האַנט, טוט דער שאָטן אויך אַ הויב אַ האַנט, אַ לאַנגע האַנט, וואָס דערגרייכט ביז צו דער סטעליע. אַ שיינע שפּיל. דאָס קליינע דריי־יאָריקע אינגל הויבט אָן טאַנצן און דרייען זיך. ער הויבט די הענט, דרייט מיטן קאָפּ, שטעלט ארויס אַ צונג... דער טאַטע גייט אריין:

— זע נאָר זע, דאָס אינגל איז משוגע. רעדט צו דער וואַנט!

די מוטער איז אַריינגעלאָפן אַ דערשראָקענע און גענומען דעם קליינעם נחמנען און געלייגט אים שלאָפן.

ליגט ער, אָבער ער שלאָפט ניט. ער קאָן ניט שלאָפן. אַלץ איז אַזוי מאָדנע אַרום אים. אין צימער איז פינצטער, אָבער אונטערן בעט איז נאָך פינצטערער. פאַרוואָס? אַ פּאָר שיך שטייען באַם בעט, קוקן אויס ווי זיי

ווילן ערגעץ גיין. וועלן זיי זיך לאָזן אין וועג? פון פענצטער שיינט אַ פּאַס ליכטיקייט, צעשניידט די פינצטערניש אויף צוויי. פון וואַנען קומט די ליכטיקייט?

חיים נחמן פאַרמאַכט די אויגן און עפנט זיי — ווידער ליכטיקייט אינמיטן פינצטערניש. פון וואַנען נעמט זיך עס? ער מוז דאָס אויסגעפינען. ער שרעקט זיך אַראָפּגיין פון בעט, אָבער די נייגעריקייט צו דערגיין פון וואַנען עס קומט די ליכטיקייט, איז גרויס. ער גייט אַראָפּ פון בעט און קוקט אַרויס אין דרויסן.

ער דערזעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן א לבנה־ליכט. ער דער־שרעקט זיך. עפּעס אַנדערש ווי בייטאָג. דער וואַלד איז טונקל, דאָס פעלד איז העל ווייס — דאָס בערגל וואָס שטייט אָפּגערוקט פון וואַלד קוקט אויס העכער. אַ פויגל שרייט ערגעץ וואו. דער דאַך פון שטאַל גלאַנצט מאָדנע.

באַלד דערזעט ער עפּעס וואָס פאַרכאַפּט אים אינגאַנצן. ער פאַרגעסט זיין שרעק. פון וואַלד באַווייזט זיך אַ מחנה שרעטעלעך — קורצינקע, ברעקעלעך, מיט לאַנגע בערד. זיי טראָגן רידלען אויף די אַקסלען. אויף די פּיס האָבן זיי פאַרשפּיצטע שיך; שוואַרצע און געלע מיצלעך אויף די קעפּלעך — איינער אין אַ שוואַרץ מיצל און נאָך איינער אין אַ געל מיצל.

זיי גייען, די שרעטעלעך. זיי זיינען ערנסטע, אָנגעצויגענע, זיי גייען זיבן אין אַ ריי, זיבן אין אַ ריי. קומען צו צום באַרג און צעשפּרייטן זיך, זיי הויבן אָן גראָבן, זוכן. זיי זוכן באַהאַלטענע אוצרות.

באַלד ווערט זיי מיאוס דאָס גראָבן. זיי הויבן זיך אָן שפּילן. קוליען זיך, שפּרינגען, טאַנצן, לאַכן הויך, ווינקען צו דער לבנה, ווינקען צו אים אין פענצטער.

אָבער דער קליינער נחמן שרעקט זיך ניט פאַר זיי. ער גלויבט, אַז דאָס זיינען חברים, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט צו שפּילן זיך מיט אים. ער האָט נאָר מורא, די געשרייען און דאָס געלעכטער פון די שרעטעלעך זאָלן ניט אויפוועקן דעם טאַטן. אָבער דער טאַטע שלאָפט געשמאַק. דאָס אינגל גייט ניט אַוועק פון פענצטער. ער שטייט און קוקט זיך צו צום שפּיל. מיטאַמאָל טוט אַ האָן אַ קריי. די קאַרליקלעך פאַרשווינדן. נחמן איז שלעפעריק. ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפן פענצטער, וואַרט זיי זאָלן צוריק־קומען. שלאָפט איין.

דער טאַטע געפינט אים שלאָפנדיק, האַלב זיצנדיק אויף אַ שטול מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן פענצטער. ער קאָן ניט באַנעמען וואָס פאַר אַ גולם אַ קינד דאָס איז.

יאָרן שפּעטער, ווען חיים נחמן איז געוואָרן דער גרויסער ביאַליק, האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָעמע אויף העברייאיש מיטן נאָמען „גמדי ליל" — נאַכט־שרעטעלעך. מענטשן זיינען געוווען אַנטציקט פון דער שיינער פאַנטאַזיע. קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס האָט ביאַליק דערציילט, וואָס ער האָט געזען ביים פענצטער, אין דער נאַכט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען לבנה ליכט.

## די וועלט פאַלט איין

דער טאַטע גייט אַרום אין שענק ווי אַ נעכטיקער. ס'איז אים דער־ווידער דאָס געשעפט. ער האָט פיינט די שיכורים. ער קאָן ניט פאַרליידן זייער טרינקען, זייער ליאַרעם, זייערע זידלערייען. ער קאָן שוין ניט פאַר־טראָגן אפילו דעם גערוך פון ביר און בראָנפן. ער גייט אַרום צווישן די טישלעך מיט אַ טאַץ פול מיט גלעזעלעך בראָנפן און זאָגט תהילים אין דער שטיל. ער באַדינט ניט די פויערים ווי עס באַדאַרף צו זיין און די קונדן פאַלן אָפּ. ער ווערט אַלץ אָרימער און אָרימער. באַלד הייבט די שענק אָן אינגאַנצן צו פוסטעווען. די פאַמיליע ביאַליק קלייבט זיך אריבער אין אַ פאַר־שטעטל פון זשיטאָמיר.

דער קליינער נחמן איז דאַן אַלט אַ יאָר פיר.

דאָס פאַרשלאָפענע פאַר־שטעטל קוקט אויס באַם קינד אין די אויגן, אין פאַרגלייך מיטן דאָרף, ווי אַ גרויסע שטאָט און עס געפעלט ניט דעם קליינעם נחמנען. צופיל טומל, און גאָר עפּעס אַן אַנדער טומל ווי אין דאָרף. שליסט זיך נאָך מער איין דאָס אינגל אין זיך אליין. ער דאַרף נאָר פאַרמאַכן די אויגן, זעט ער:

א ליכטיקער פרימאָרגן. זון און בלויקייט פון הימל. קליינינקע הייזלעך געדעקט מיט שטרוי. זיי גלאַנצן אַרויס פון דער שאָטנקייט פון די בוימער, פון דער גרינקייט פון גראָז. יעדעס הויז האָט אַ גערטנדל און אַ שייער. ווײַנשל און באַרן שפּאַרן זיך אַרויס פון צווישן די ברעטער פון די פלייטן.

הירזשען פון פערד, כרוקען פון חזירים, מעקען פון שעפסן און מוקען פון בהמות — דער פרימאָרגן טומל. א ריח פון צייטיקע עפל, פאַרטיקע קאָרן און טרוקענע היי. דאָרט, ווייט אַרום וואַלד, שטייט אַ מיל מיט צעשפּרייטע פליגלען. הינטערן מיל איז עק וועלט — ברייטע פעלדער און אַ געלער שליאַך. וועלדער און אַ ברעג פון הימל, וואָס ווערט רויט ווי פייער אַלע פאַרנאַכט.

פאַררוקט זיך דאָס אינגל אין אַ ווינקל און חלומט מיט פאַרמאַכטע אויגן. רוקט זיך אָן דער טאַטע, זעט דאָס אינגל זיצנדיק אינטימן העלן טאָג מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווייס ער ניט צי דאָס קינד שלאָפט אָדער עס איז אַזוי זיך פאַרטראַכט. וואַרט ער צו אַ ווײַלע, זעט ער, ווי דאָס אינגל עפנט די אויגן און קוקט שטאַר אין דער וועלט אַריין, טוט דער טאַטע אַ זאָג —

— גולם!

שפּייט אויס און גייט אַוועק.

רוקט זיך דאָס אינגל שטיל אַרויס און גייט איבער די צימערן. קומט ער אָן אין אַ צימער און דערזעט אַ שפּיגל — צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. דער שפּיגל הענגט קרומלעך אויף דער וואַנט. אַלץ, וואָס עס שפּיגלט זיך אָפּ אין אים איז אויך קרומלעך, האַלב איינגעבויגן.

שטייט דער קליינער נחמן און קוקט און קוקט און קאָן זיך ניט אָפּ־וואונדערן. אויפן גרויסן אַלמער אין צימער ליגט אַ קופּערנע פאַן, אַ שווערע קופּערנע קוואַרט און אַ מעשענער שטייסל. אין שפּיגל — דער זעלביקער אַלמער מיט דער קופּערנער פאַן, קופּערנער קוואַרט און שטייסל. אין צימער שטייט דער אַלמער גלייך, אין שפּיגל שטייט ער קרום. פאַרוואָס פאַלט די פאַן ניט אַראָפּ? ווי אַזוי האַלט זיך דאָרטן דער שטייסל?

מען דאַרף אויסגעפינען.

שטעלט ער זיך אַנטקעגן שפּיגל און קוקט. זעט ער דאָרטן נאָך אַזאַ אינגל ווי ער. טוט ער אַ דריי מיטן קאָפּ, טוט ער אַ מאַך מיטן האַנט, דאָס אינגל אין שפּיגל טוט אויך אַ מאַך מיטן האַנט און אַ דריי מיטן קאָפּ. טוט נחמן אַ לאַך, דאָס אינגל אין שפּיגל טוט אויך אַ לאַך, אָבער אָן אַ כי כי.

מאָדנע, מען דאַרף עס אויסגעפינען.

קריכט נחמן צו נעענטער צום שפּיגל און הויבט אים אָן אַרומקוקן. באַהאַלט זיך עמיצער דאָרטן? ניין, קיינער איז ניטאָ הינטערן שפּיגל. ער

גייט צו נעענטער, טוט אַ טאַפּ דעם שפּיגל און כאַפּט צו צוריק די האַנט. די פאַן קאָן נאָך אַראָפּפאַלן פון אַלמער און אים צעפּלעטן דעם מח. קיין זאַך האָט אָבער ניט פּאַסירט. ער טוט אַ שטופּ דעם שפּיגל. גאָרניט. דער שפּיגל איז צו שווער פאַר איין הענטל. דאָס אינגל ווערט דרייסטער, גייט צו צום שפּיגל, טוט אים אַ שלעפּ מיט בײדע הענט מיטן גאַנצן כח — דער שפּיגל טוט זיך אַ רוק — דאָס קינד זעט ווי אַלץ הויבט אָן פאַלן. אַט באַלד פאַלט דער אַלמער, מיט דער קופּערנער פאַן, מיט דער שווערער קופּערנער קוואָרט מיט דעם בייכיקן שטויסל — אַלץ פאַלט אויפן קאָפּ און צעפּלעטט אים דעם מח. ער טוט אַ געשריי און פאַרמאַכט די אויגן.

ס'איז גאָרנישט געשען. דער שפּיגל האָט זיך אַראָפּגעריסן פון צווייטן קרוק און איז געבליבן הענגען אויף איינעם. די קאַץ האָט זיך נאָר דער־שראָקן און אַ שפּרונג געטאָן אויפן קאַמאָד, אַראָפּגעוואָרפן און צעבראָכן אַ גלאָז. דער טאַטע האָט דערהערט דעם קינדס געשריי, דעם בריאָזג פון גלאָז, איז ער אַריינגעלאָפן זען, וואָס עס האָט געטראָפן.

ס'האָט זיך אויסגעלאָזן מיט קלעפּ און מיט — „גולם".

## דער אלף בית — אַ ראָטע סאָלדאַטן מיט אַ פייקלער

ביאַליק איז פינף יאָר אַלט. מען האָט אים אָפּגעגעבן אין חדר. אין חדר איז דעם אינגל ערגער ווי אין דער היים. אין דער היים איז דאָ נאָר איין טאַטע אַ בייזער, אין חדר זיינען דאָ פופצן אינגלעך, אַ רבי און אַ באַהעלפער. איז דער רבי וויס נאָר איין זאַך — קנאַקן מיטן קאַנטשיק, און דער באַהעלפער האָט גאָר אַ פּאַסקודנע טבע. אַז עפּעס געפעלט אים ניט (און וואָס געפעלט אים יאָ?) טוט ער אַ שמיר מיט אַלע פינף פינגער איבערן אינגלס פּנים. דער מיטלסטער פינגער צעקוועטשט דעם אינגלס נאָז. און די אינגלעך, מיינט איר, זיינען בעסער? זיי האַלטן זיך אין איין רייצן מיט אים. פון וואַנען האָבן זיי זיך דערוואוסט אַלע זיינע צונעמענישן? פון דעם ערשטן טאָג אין חדר רופט מען אים „דער איד מיט דער ליולקע", „גולם".

אינגיכן איז צוגעקומען אַ נייער צונעמעניש — באַראַבאַנשטשיק.

ס'האָט געטראָפן דעם ערשטן טאָג פון חדר: דער באַהעלפער האָט אויסגעזעצט די אינגלעך אַרום טיש, האָט אָוועקגעלייגט אַ גרויסן אלף בית

און אָנגעהויבן לערנען. דער קליינער נחמן האָט געזען ווי די בוכשטאַבן זיינען אויסגעשטעלט און עס איז אים געפעלן געוואָרן. ער זעט דריי גלייכע שורות:

א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ך ל מ ם נ ן ס ע פ ף צ ץ ק ר ש ת
א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ך ל מ ם נ ן ס ע פ ף צ ץ ק ר ש ת
א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ך ל מ ם נ ן ס ע פ ף צ ץ ק ר ש ת

הויבט אָן דער באַהעלפער: זאָגט קינדערלעך! אַלף, בית, גימל. די קינדער זאָגן נאָך, און דער קליינער נחמן הערט ניט וואָס דער באַהעלפער זינגט מיט די קינדער. די בוכשטאַבן זיינען דאָך סאָלדאַטן — זיי שטייען אויסגעשטעלט אין רייען איינע נאָך די אַנדערע פונקט ווי סאָלדאַטן. לעצטן זומער איז אַזאַ ראָטע סאָלדאַטן פאַרבייגעגאַנגען זייער הויז אין דאָרף. דער ערשטער, דער אַלף, איז דער באַראַבאַנשטשיק, דער פייקלער, ער פייקלט און די איבעריקע גייען אים נאָך. זעט דער באַהעלפער אַז דער קליינער נחמן שאָקלט זיך נאָר, אָבער ער זינגט ניט, שטעלט ער אָפּ דאָס געזאַנג, ווייזט אויפן אַלף און פרעגט נחמנען:

— זאָג מיר נאָר, וואָס איז דאָס? און נחמן ענטפערט באַלד:

— אַ פייקלער!

די אינגלעך שיסן אויס מיט אַ געלעכטער און שרייען אויס: באַראַ־באַנשטשיק! באַראַבאַנשטשיק! און דער באַהעלפער טוט נחמנען אַ שמיר איבערן פנים מיט אַלע פינף פינגער. דער נאָז ווערט באַם קינד רויט ווי אַ בוריק און די אויגן פול מיט טרערן, אָבער ניט פון ווייטיק נאָר פון פאַרדרוס, וואָס דעם ערשטן טאָג אין חדר האָט ער שוין געקראָגן אַ נייעם צונעמעניש.

די קינדער רייצן זיך מיט אים, נחמן זיצט אין אַ ווינקל שטיל. ער טראַכט: איך וועל זיך צוהערן גוט צום באַהעלפער און אויסלערנען די נעמען פון די בוכשטאַבן. מען וועט פון מיר מער ניט לאַכן. אָבער ס'גייט ניט. זעצט ער זיך נאָר אַוועק באַם טיש לעבן אַלף בית, נעמען אָן די אותיות מאָדנע געשטאַלטן.

אָט איז אַ שין, ש, ס'איז דאָך אַ פּיפּערנאָטער מיט דריי קעפּ, אַ ווילדע חיה וואָס קאָן איינשלינגען דריי מענטשן מיט אַמאָל. דער למד, ל, קלאָר ווי דער טאָג, ס'איז אַ שטאָרך מיט אַ לאַנגן האַלדז, וואָס שטייט שטענדיק אין די בלאָטעס אויף איין פוס. דער גימל, ג, — אַ שטיוול וואָס איז אויס־געמאָלן אויף די שילדן באַ אַ שוסטער. דער דלד, ד, איז אַ האַק — יעדער

איינער קאָן עס זען, און דער קליינער בוכשטאַב יוד, י, — פּאַר אים צי־טערט נחמנען דאָס האַרץ נעבעך: אַזאַ קליינינקער — אַ קליין פּייגעלע, שלעפט זיך שטענדיק נאָך, נאָך אַנדערע בוכשטאַבן. דעם אינגלס האַרץ ציטערט, דאָס קליינע פייגעלע זאָל זיך נעבעך ניט פאַרפּלאָנטערן צווישן די אַנדערע בוכשטאַבן, זאָל ניט צעטראָטן ווערן.

ווען מען האָט ביאַליקן פאַרהערט, איז געווען צרות, אָבער נאָכן לערנען האָט זיך דאָס אינגל פאַררוקט אין אַ ווינקל און געטראַכט פון די מאָדנע געשטאַלטן פון די בוכשטאַבן. ער האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס רופט דער באַהעלפער די אותיות מיט אַזעלכע מאָדנע נעמען, אַז יעדער איינער קאָן זען זייערע ריכטיקע געשטאַלטן.

## מילך פון וואַנט

דער טאַטע פאַרדינט ווייניק. אין הויז ווערט די נויט גרעסער. עס פאַרשווינט די קופּערנע פאַן, די קופּערנע קוואָרט און די קישנס און דער מעשענער שטייסל. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט דער קליינער נחמן געזען ווי די מאַמע וויקלט איין אין אַ ווייסן ליילעך די לייכטער, אין וועלכע זי בענטשט ליכט, און טראָגט זיי ערגעץ אַוועק. די מאַמע האָט געוויינט. יענע וואָך איז געווען געענוג ברויט און הערינג אין הויז, אָבער דער שבת איז געווען אַ טרויעריקער.

נחמן פלעגט וואַרטן אויף די שבתים. ער האָט ליב געהאַט קומען אַהיים פון שול פרייטיק צונאַכט. דער טיש איז געווען געדעקט מיט א ווייס טיש־טוך. אויף איין ברעג טיש שטייען פיר לייכטער, אין יעדן לייכטער אַ ברענענדיק ליכט. די פיר פלעמלעך וואַרפן מאָדנע שאָטנס פון יעדער זאַך אויף די ווענט. פון יעדן קאָפּ ווערט פיר קעפּ, פון יעדער האַנט פיר הענט. אויף דעם אַנדערן ברעג טיש צוויי בייכיקע פרישע חלות צוגעדעקט מיט אַ ווייסער סרעוועטקע מיט רויטע ברעגעס.

היינטיקער שבת איז אַ טרויעריקער. די פיר ליכט זיינען צוגעקלעפּט צו אַ ציגל. דער קליינער נחמן קאָן ניט פאַרליידן די רויטקייט פון ציגל אויף דעם ווייסן טישטוך — די רויטקייט איז וואָכעדיק. אויף דעם אַנדערן ברעג טיש ליגט אַ שוואַרץ ברויט, די סערוועטקע האָט זיך אַראָפּגערוקט

און דאָס ברויט שוואַרצט פון דעם ווייסן טישטוך. עס דערמאָנט נחמנען דעם ריח פון ביליקן טאַבאַק און די שאַרפקייט פון בראָנפן וואָס ער פלעגט פילן אין די וואָכעדיקע טעג אין דאָרף.

דער טאַטע מאַכט קידוש. דער זעלבער פריילעכער קידוש ווי אַלעמאָל, אָבער דער טאַטע זינגט עס אויס אַזוי טרויעריק. נאָכן קידוש שניידט דער טאַטע מיטן טומפּן מעסער דאָס שוואַרצע ברויט און גיט יעדן קינד אַ המוציא. די קינדער קייען דאָס האַרטע ברויט. איין געריכט. צווישן די געריכטן זינגט מען אַלעמאָל זמירות. געזאַנג לכבוד שבת. דער טאַטע הויבט אָן די זמירות — די קינדער כאַפּן אונטער. באַלד ווערט דער טאַטע אַנטשוויגן, וויל איינהאַלטן די טרערן. אין הויז איז שטיל. מען הערט ווי די ליכט ברענען. די מאַמע דערלאַנגט דאָס צווייטע געריכט, הערינג. מען קייט שוויגנדיק און טרויעריק. דעם קליינעם נחמנען ווערט שטיקנדיק אין האַלדז. ער האַלט זיך אָבער איין ניט צו וויינען, און אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס גרילצן פון אַ גריל. אַ שאַרף, שניידנדיק, וואָכעדיק געזאַנג. נחמנען דוכט זיך, אַז דאָס זינגט אַזוי די נויט. ווען מען האָט געגעסן צו זאַט און דער טאַטע האָט געמאַכט קידוש אויף ווייַן, עס איז געווען פליש און הייסע יויך און אַלע קינדער צוזאַמען מיטן טאַטן האָבן געזונגען זמירות, האָט מען ניט געהערט דאָס גרילצן פון גריל, אָבער אַז אין הויז איז מער ניטאָ ווי שוואַרץ ברויט און הערינג, אויף דעם ווייסן טישטוך ליגט אַ רויטער מיאוסער ציגל, זינגט די גריל, וואָס איז באַהאַלטן אין אַ שפּאַלט אין וואַנט. עס צעלאָזט זיך די גריל מיט איר שניידנדיק וואָכעדיק געזאַנג.

אַ גרויס רחמנות ווערט דערוועקט אין דעם קליינעם אינגלס האַרצן אויף דעם טאַטן און דער מאַמען. ער מוז זיי העלפן. שאַ, אָט האָט ער אַ פּלאַן. ער וועט אַרויסמעלקן מילך פון וואַנט. ער דאַרף נאָר געפינען דאָס פּאַסיק שטיקל וואַנט.

מעלקן די וואַנט איז גרינג. אָט האָט ער ערשט לעצטע וואָך געהערט ווי אַ איד האָט געצאַפּט ווייַן פון וואַנט, יאָסל ריוועס האָט עס דערציילט אין חדר. יאָסלס טאַטע האָט עס אַליין געזען. נו, אַז יענער האָט אַזוי געטאָן, פאַרוואָס זאָל ער, דער קליינער נחמקע, עס ניט קאָנען טאָן?

זוכט ער אַ פּאַסיק שטיקל וואַנט. געפינט ער עס אין קיך, לעבן סאַמע דיל. די וואַנט איז דאָרט נאַס און בייכיק — אַוודאי אָנגעפילט מיט צופיל מילך. ער וועט מאַכן אַ לעכל און אָנשעפּן פולע עמערס מיט מילך. די מילך

וועט מען פאַרקויפן און פאַר דעם געלט קויפן חלה און פליש און נייע לייכטער.

גייט דער קליינער ביאַליק איבער די הויפן און קלייבט אויף אַוואו אַ שטיקל שערבל, אַוואו אַ צעבראָכענע פלאַש, אַן אַלט צעבראָכן קענדל, אַן אַלטע יאַרמולקע, אַן עמער אַן אַ הענטל, אַן אַלטע פאַן. צונויפגעקליבן. אויך אַ פּראַבקע האָט ער געפונען. מען דאַרף דאָך פאַרשטאָפּן די וואַנט נאָכדעם ווי מען וועט פאַרטיק ווערן מיטן צאַפּן די מילך, אַניט וועט דאָך דאָס הויז פאַרפלייצט ווערן.

אויפגעקליבן די כלים, זעצט זיך דער קליינער נחמקע אוועק לעבן וואַנט, אַ טשוואַק אין איין האַנט, אַ שטיין אין דער אַנדערער און האַקט דעם טשוואַק אין וואַנט. אַביסל אַ צו שווערע אַרבעט פאַר אַ פינף יאָריק קינד. דאָס אינגל אַרבעט שווער. באַלד, באַלד און דער טשוואַק וועט דורכלעכערן די וואַנט און אַ שטראָם מילך וועט זיך א גאָס טאָן.

ס'איז אים אָבער ניט געווען באַשערט צו ענדיקן די אַרבעט. דער טאַטע איז אַריין אין הויז. ער האָט דערזען דאָס קינד זיצנדיק אויפן דיל און האַקנדיק אין וואַנט, האָט ער זיך צעשריען:

— געוואַלט וואָס טוט מען מיט דעם צעדרייטן קינד? ער האָט זיך שוין גענומען ברעכן די ווענט! אָט אַ גולם!

מען האָט אַרויסגעוואָרפן אַלע כלים וואָס דאָס אינגל האָט אָנגעקליבן און אים גוט באַשטראָפט. ביאַליק האָט געחלשט נאָך אַמאָל פּרובירן מעלקן די וואַנט, אָבער ער האָט מורא געהאָט פאַרן טאַטן.

## לאָקש, לעקשעלע

דער קליינער ביאַליק לערנט שוין חומש. ער זאָגט די העברייאישע ווערטער און פאַרטייטשט זיי אויף אידיש. ער האָט זיך שוין אָפּגעוואוינט פון זיין פריערדיקער טבע פאַרצושטעלן זיך יעדן בוכשטאַב אין אַן אַנדער געשטאַלט. ער לייענט שוין גרינג און פליסיק, אָבער גאַנץ אָפט שפּרינגט אַרויס אַ וואָרט און נעמט פאַרט אַן אַ מאָדנעם געשטאַלט. לעצטנס, ווען ער האָט אָנגעהויבן מעביר זיין די סדרה האָט עס אָנגעהויבן טרעפן אָפטער.

עס געפעלט דעם קליינעם ביאַליק דער עסק פון מעביר זיין די סדרה.

מען לייענט ניט די ווערטער ווי אַלעמאָל, נאָר מען זינגט זיי אויס. אויף יעדן וואָרט איז דאָ אַ טראָפּ, אַ מוזיקאַלישע נאָטע. אַט איז דאַנערשטיק, דער טאָג וואָס יעדעס אינגל דאַרף גוט קאָנען פּאַרטייטשן די סדרה — דעם טייל חומש פון יענער וואָך. ביאַליק האָט אַ גוט קעפּל און קאָן גוט פּאַרטייטשן.

זיצט דאָס אינגל אויפן באַנק לעבן טיש און דער רבי זיצט אויבנאָן. זאָגט ביאַליק דעם חומש און דער רבי עסט דערווייל לאָקשן מיט מילך (דער רבי האָט זייער ליב לאָקשן מיט מילך). זופּט דער רבי די לאָקשן און ביאַליק זאָגט. מיטאַמאָל — אָפּגעשטעלט זיך. עפּעס אַ מאָדנע וואָרט אַ לאַנגס, אָן אויסגעצויגנס. זעט נאָר וואַיסמאַהאַמאַ — ויתמהמה, עפּעס קוקט דאָס וואָרט אויס ווי אַ גאַנצער קאַסטן. דער שאַלשעלעס (שלשלת) קוקט אויס ווי אַ פּאַפּירענע שלאַנג, אַזאַ שלאַנג ווי די אינגלעך האָבן געלאָזן פליען נעכטן אין פעלד.

דער רבי איז אויך געבליבן שטיין מיט דעם לעפל אין האַנט.

— נו, נו, זאָג שוין, זאָג.

דאָס אינגל רירט זיך ניט פון אָרט. ניט נאָר האָט ער פאַרגעסן דעם טייטש פון וואָרט, ער ווייס אפילו ניט ווי עס צו לייענען, אַז עס איז דאָך גאָר אַ קאַסטן!

דער רבי נוקעט. הויבט אויף דאָס אינגל די אויגן צום רבין, אפשר וועט דער רבי אים אַרויסהעלפן מיט אַ וואונק. טוט ער אַ קוק, אויפן רבינס באָרד הענגט אַ לאָקש, אַ לאַנגער לאָקש, אַ פאַרדרייטער. דערפרייט זיך דאָס אינגל. ער ווייסט שוין וואָס דאָס לאַנגע וואָרט איז, דאָס איז אַ לאָקש. און ער שרייט אויס — און ער האָט אַ לאָקש!

דער רבי האָט אַ וואָרף געטאָן דעם לעפל, געכאַפּט דעם קאַנטשיק און גענומען שלאָגן:

— נאַ דיר אַ לאָקש, גולם, נאַ דיר אַ לאָקש.

די רביצין האָט קוים אַרויסגעראַטעוועט דעם אינגל אַ לעבעדיקן.

## די גריל גרילצט העכער

דער רבי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. פון די קלעפּ, איז דאָס אינגל צוויי וואָכן געלעגן קראַנק אין בעט.

מען האָט ביאַליקן אָוועקגעגעבן אין אַן אַנדער חדר. דאָס אינגל האָט זיך געפּרייט. זיין פרייד איז אָבער באַלד פאַרשטערט געוואָרן. זיין פאָטער איז פּלוצלינג געשטאָרבן.

נאָכן פאָטערס טויט איז די נויט אין הויז נאָך גרעסער געוואָרן. די גריל האָט געגרילצט שוין אין מיטן וואָך אויך. דאָס אינגל איז ווי מיט אַמאָל עלטער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין אַ סך זאַכן. ער האָט שוין געוואוסט, אַז די ווענט זיינען נאַס ניט ווייל זיי זיינען פול מיט מילך, נאָר ווייל דאָס הויז ווערט זעלטן געהייצט, דער דאַך רינט, דער טינק אויף די ווענט איז אַלט.

דער קליינער ביאַליק זעט שוין און באַמערקט אַלץ. די מאַמע שטייט אויף פאַרטאָג, פאַרעט זיך באַם אויוון אָנצוגרייטן עפּעס פאַר די קינדער. זי רעדט און וויינט אין זיך. אירע ליפּן שעפּטשען אַ תפילה, אַ געבעט צו גאָט: „אַלמעכטיקער, באַרעמהאַרציקער, האָב רחמנות אויף מיינע קינ־דער, שפּייז זיי ווי דו שפּייזט די ווערים אונטער אַ שטיין".

זי האָט געדאַרפט אויפשטיין פרי, די מאַמע, און צוגרייטן אַלץ אויף אַ גאַנצן טאָג פאַר די קינדער. זי אַליין האָט זיך געלאָזן מיט אַן אָנגעפּאַקטן קויש מיט סחורה איבער די רייכע הייזער פאַרקויפן עפּעס און פאַרדינען עסן פאַר די קליינע קינדער. באַנאַכט איז זי געקומען אַ מידע אַהיים. זי האָט זיך ניט געקאָנט צוזעצן, געוועזן גענוג אַרבעט פאַר איר. מען האָט געדאַרפט פאַרריכטן העמדלעך, פאַרצירעווען זאָקן. יעדע ווײַלע פלעגט זי איינדרעמלען פון מידקייט; באַלד האָט זי זיך אָבער אויפגעכאַפּט און ווייטער געאַרבעט. דאָס קליינע לעמפּל צאַנקט, דאָס פלעמל ציטערט און אַזוי ווי עס רעדט מיט רחמנות: אָרימע מאַמע, אָרימע יתומימלעך.

איינמאָל אַ וואָך באַקט די מאַמע ברויט. זי שטייט אויף אינמיטן נאַכט. נחמן איז אויך וואַך. ער זעט ווי די מאַמע קנעט דאָס טייג, קנעט און זיפצט און בעט גאָט: „האַר פון דער וועלט, שטאַרק מיך, פון מיינע קינדערלעכס וועגן! שטאַרק מיך! וואָס בין איך? אַן אָרימע אידענע, און דאַרף שפּייזן זיבן יתומימלעך". טרערן רינען פון אירע אויגן און פאַלן אריין אין טייג.

און אַז ביאַליק עסט פון פרישן ברויט אינדערפרי, דוכט זיך אים, אַז מיט יעדן ביסן שלינגט ער אַראָפּ דער מאַמעס אַ טרער.

יאָרן שפּעטער האָט עס ביאַליק וואונדערלעך שיין באַשריבן אין זיין ליד „שירתי" („מיין פּאָעזיע").

## דער זיידע

דער זיידע יעקב משה האָט צוגענומען ביאַליקן צו זיך, זאָל די מאַמע האָבן מיט איין מויל ווייניקער צו שפּייזן. ביאַליק האָט געהאַט מער צו עסן, אַ בעסער געלעגער צום שלאָפן, אָבער ער האָט זיך ניט געפילט גליקלעך. ער האָט געבענקט נאָך דער מאַמען, נאָך די ברידער און די שוועסטער.

דער זיידע איז נאָך צו אַלע צרות געווען זייער אַ שטרענגער. נאָכן פאָטערס טויט איז דאָס אינגל געוואָרן אַ פרייער פויגל, פלעגט זיך שפּילן ווען ער האָט געוואָלט, פאַרבראַכט אין וואַלד און פעלד, און איצט וויל דער זיידע אַז דאָס אינגל זאָל זיין גוט און פרום ; היט אים אָפּ ער זאָל ניט שטיפן, ניט פאַרנעמען זיך מיט נאַרישקייטן.

ביאַליקן איז אָבער געווען שווער איינצוהיטן. ער פלעגט זיך אַרויס-כאַפּן הינטערן שטאָט, וואַנדערן אין פעלד און וואַלד, נאָכקוקן פליענדיקע פויגלען, שוועבנדיקע וואָלקנס. ער פלעגט קומען אהיים שפּעט אין אָוונט, זיך ווּעלן אַריינגנבענען שטיל אין הויז, קיינער זאָל ניט זעען, אָבער ס'איז אים קיינמאָל ניט געלונגען. דער זיידע האָט אים אָפּגעוואַרט.

ביאַליק איז שוין געווען אַ היפּש אינגל, אַ יאָר צען-עלף, האָט אים דער זיידע ניט געשלאָגן. אָבער ער האָט אים געמוסרט, געשטראָפט, געבייזערט זיך, געלאַכט פון אים. דאָס איז נאָך ערגער פון קלעפּ.

דאָס אינגל האָט פיינט געהאַט דעם זיידנס שטרענג רייד, ער האָט זיי געוואָלט פאַרמיידן. אַ פּאָר טעג איז ער געווען שטיל, געפאָלגט, באַלד האָט ער זיך אָבער ווייטער פאַרבענקט נאָך וואַלד און פעלד און איז ניט געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג.

ביסלעכווייז האָט זיך נחמן געביטן — און איז געוואָרן שטאַרק באַליבט באַם זיידן.

דאָס אינגל האָט זיך צוגעכאַפּט מיט אַ מאָדנעם פלייס צום לערנען. ספרים און ביכער האָבן פאַרכאַפּט דעם אינגלס פאַנטאַזיע. ער האָט אַריבער-געיאָגט זיינע אַלע חברים אין לערנען.

לערנען האָט געמיינט דאַן נאָר איין זאַך, לערנען גמרא, דעם טייל פון די הייליקע אידישע ספרים, וואו ס'ווערט אויסגעטייטשט די ביבל און וואו אַלע דינים, געזעצן, וואָס אַ פרומער איד דאַרף וויסן, ווערן קלאָר אַרויס-

געבראַכט. ניט נאָר דאָס קענען גמרא האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסער זאַך, אויך דער עצם לערנען איז געווען אַ מצוה — אַ גוטע זאַך; אַ אינגל פלעגט אָנהייבן לערנען גמרא ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר אַכט. ס'פלעגט געדויערן אַ יאָר פיר, זעקס, ביז אַ בחור האָט זיך אויסגעלערנט צו לערנען אַליין אַ בלאַט גמרא, דאַן האָט ער אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך — דאָס מיינט אָן דער הילף פון אַ רבין.

ביאַליק האָט אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך צו עלף יאָר. ער האָט געלערנט אין אַ קליין בית־מדרשל וואָס איז געווען אין עק שטאָט. ווייניק מענטשן זיינען אַהין געקומען דאַווענען. זעלטן ווען אימיצער פלעגט אַהין פאַרבלאָנדזשען לערנען, און דער קליינער ביאַליק האָט געהאַט דעם בית־מדרשל אינגאַנצן פאַר זיך.

ער האָט געלערנט טאָג און נאַכט. פלעגט אויפשטיין ווען ס'איז געווען פינצטער און לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט. באַלד האָט ער געקראָגן דעם נאָמען פון אַ גרויסן מתמיד — אַ זייער פלייסיקן לערנער.

שפּעט ביינאַכט ווען אימיצער פלעגט דורכפאָרן פאַרביי דער קלויז, האָט ער געהערט דעם אינגלס קול. ס'איז שטיל אַרום, נאָר אַ פּאָר שטערן גלאַנצן אויבן אין הימל. די גראָזן שעפּטשען שטיל אין פעלד, די פענצטער פון די הייזער זיינען פינצטער, בלינד, נאָר איין פענצטער אין בית־המדרש איז ליכטיק, דאָרט זיצט, מיט אַ ליכט אין האַנט, דער מתמיד ביאַליק און לערנט.

יאָרן שפּעטער, ווען דאָס אינגל איז געוואָרן דער גרויסער דיכטער ביאַליק, האָט ער דאָס אַלץ באַשריבן אין זיין באַרימט ליד „המתמיד".

## ישיבה

נאָך עטלעכע יאָר לערנען אין בית־המדרש, איז ביאַליקס פלייסיקייט קלענער געוואָרן. ער האָט געוואָלט קענען, אַחוץ גמרא, אויך וועלטלעכע וויסנשאַפטן. ער האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט משכּילים. משכּילים, אָדער אויפגעקלערטע, האָבן זיך גערופן די אידן, וואָס האָבן ניט געהאַלטן איבעריקס שטאַרק פון פרומקייט. זיי האָבן געשטרעבט צו אַלגעמיינער וועלטלעכער

בילדונג. באַ זיי האָט ביאַליק געקראָגן לשון־קודשדיקע ביכלעך, וועלכע האָבן אים געמאַכט פאַר אַן אויפגעקלערטן. אויך האָט ער זיך פון זיי דערוואוסט, אַז אין דער שטאָט וואָלאָזשין געפינט זיך אַ ישיבה, אַ העכערע שול פאַר גמרא, און אַז אין אָט דער ישיבה לערנט מען, אַחוץ גמרא, אויך אַלגעמיינע לימודים. ביאַליק האָט זיך אַוועקגעלאָזן קיין וואָלאָזשין. דאָרט זיינען געווען אַ סך געלערנטע יונגע לייט, גרויסע קענער פון תלמוד (גמרא) און אויך גרויסע משכילים, וואוילקענעוודיקע. ביאַליק האָט ליב געהאַט צו חברן זיך מיט זיי און צו פירן מיט זיי געשפּרעכן.

אין יענער צייט איז פאַרשפּרייט געוואָרן דער געדאַנק פון די חובבי־ציון, די ליבהאָבער פון ציון. כמעט אַלע בחורים פון וואָלאָזשין זיינען געווען חובבי־ציון. זיי האָבן געגלויבט, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף צוריק קריגן זיין אַמאָליק לאַנד, ארץ ישראל, און זיך דאָרט באַזעצן. זיי האָבן אויך געהאַלטן, אַז מען דאַרף אויפלעבן די אַלטע העברייאישע שפּראַך, די שפּראַך, אויף וועלכער די נביאים האָבן גערעדט. ביאַליק איז אויך געוואָרן אַ ציוניסט און אַ העברייאיסט.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. ער האָט געשריבן לידער, און די חברים האָבן פון אים זייער שטאַרק געהאַלטן.

## דאָס ערשטע געדרוקטע ליד

ס'איז פרילינג. דער יונגער ביאַליק זיצט לעבן פענצטער און קוקט אַרויס אין גאַס. אַלץ האָט אויפגעלעבט. די פויגל וואָס זיינען אַוועקגע־פלויגן אין די וואַרימע לענדער איבערן ווינטער, האָבן זיך צוריקגעקערט און פילן אָן די לופט מיט זייער געזאַנג. ביאַליקס האַרץ איז פול מיט בענק־שאַפט צו די ווייטע לענדער. ער דערמאָנט זיך, אַז ארץ־ישראל איז אויך איינע פון די לענדער, וואו ס'איז כמעט שטענדיק זומער. פרעגט ער דאָס פייגעלע צי עס האָט אים געבראַכט אַ גרוס פון ארץ־ישראל. ער פרעגט זיך באַ איר נאָך אויף די באַוואוסטע היסטאָרישע פלעצער, אויפן ירדן, אויף דעם טאָל פון שרון און אויף די אידישע קאָלאָניסטן, וואָס ארבעטן דאָרט אויף די פעלדער. ווינטשט זיך אויך האָבן פליגלען, צו פליען אַהין וואו עס בליט דער טייטל־בוים און עס וואַקסט דער מאַנדל־בוים. ער האָט דאָס אַלץ

אויסגעדריקט אין אַ ליד. דאָס ליד רופט זיך „צו א פייגעלע" — אל הצפור", אין העברייאיש.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז ביאַליק אַפּגעפאָרן קיין אָדעס. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט ראַווניצקין. ראַווניצקי האָט דאָס ליד אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „הפרדס". דאָס איז געווען ביאַליקס ערשטע געדרוקטע ליד. דער דיכטער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכצן.

# אַברהם ליעסין

לויט מינדלעכע מיטטיילונגען; ליעסינס לידער; יובילעי העפט „צוקונפט“, אפריל 1919.

# אברהם ליעסין

אברהם ליעסין, אדער ווי זיין אמתער נאמען איז: אברהם וואלט, איז געבארן געווארן אין מינסק, 1872.

אברהם ליעסין האט געקראגן א טראדיציאנעלע אידישע דערציאונג. שוין אלץ אינגל האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גוטן קאפ און שארפן זיכרון. אחוץ זיין גמרא לערנען האט ער אויך ליב געהאט לייענען געשיכטע ביכער.

צו דרייצן יאר איז ער אוועקגעפארן קיין סלאבאדקע אין דער ישיבה. א יאר שפעטער איז ער אוועקגעפארן קיין וואלאזשין. ער איז אבער דארטן לאנג ניט פארבליבן. ער איז אפגעפארן קיין ווילנע. דארטן איז ער גוט באקאנט געווארן צווישן דער רעוואלוציאנערער יוגנט. אים איז אבער ניט געווען צום הארצן ווי די רעוואלוציאנערן האבן אנגעפירט זייער אגיטאציע. ער האט געטענהט, אז די רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע צווישן אידן דארף אנגעפירט ווערן אין אידיש און ניט אין רוסיש.

ער האט זיך אומגעקערט אהיים קיין מינסק און אנגעהויבן אגיטירן זיין נאציאנאליסטישן סאציאליזם צווישן די אידישע ארבעטער. אין מינסק איז אויפגעשטאנען א ספעציעלע באוועגונג, וואס האט זיך גערופן וואלטאווישטשינע.

אין דער זעלביקער צייט האט ער געשריבן לידער. זיינע לידער זיינען געווען זייער פאפולער, געגאנגען, איבערגעשריבענע, פון האנט צו האנט.

אין 1897 האט ער פארלאזן רוסלאנד און אנגעקומען קיין אמעריקע. דא, אין ניו־יארק, איז ער באלד צוגעשטאנען צו דער ארבעטער באוועגונג.

אין 1913 איז ליעסין געווארן דער רעדאקטאר פון דער „צוקונפט“ אין „צוקונפט“ פארעפנטלעכט ער, כמעט חודשלעך, לידער. אויך שרייבט ער דארטן יעדן חודש זיינע לייט ארטיקלען.

אברהם ליעסין וואוינט איצט אין די בראנקס, ניו יארק.



אַברהם ליעסין

## שמחת תורה ביינאַכט

אָן אָרימע אָבער אַ גרויסע ציכטיקע קעלער שטוב. די ווענט זיינען פּריש אויסגעקאַלכט, אויף די נידעריקע קליינע פענצטער — ווייסע פאָר־האַנגלעך. ווייניק מעבל, אָבער זייער אַ סך פּאָליצעס מיט ספרים. אַ פּרוי אין די דרייסיקער זיצט באַם טיש און לייענט מיט אַ שטילן אומעטיקן ניגון אַ ווייבערשן עברי־טייטש ספר. ס'ווערט טונקעלער, פייערן ווייזן זיך שוין אין הויף. די פּרוי זיצט נאָך אַלץ באַם טיש. דאָס ספר איז פאַר־מאַכט, און זי זאָגט עפּעס פרום אויף אויסווייניק. עס דערהערן זיך טריט אויף די טרעפּ. די פרוי שטייט אויף און צינדט אָן אַ לאָמפּ. אין דער ליכטיקייט קאָן מען זען דער פרויס געזיכט, אַ קיילעכדיק קלאָר־ווייס פּנים, ליכטיקע בלאָע אויגן און דינע פאַרעקשנטע ליפּן. עס קומט אַריין דער פרויס מאַן. ער פירט באַם האַנט אַ אינגעלע, וואָס זעט אויס אַ פיר יאָר אַלט.

דאָס אינגל האַלט אַ שמחת תורה פאָן אין האַנט, און וויינט. דער פאָטער רעדט צו אים שטיל, וויל אים באַרואיקן, עס העלפט ניט.

דער פאָטער טוט אויס זיין אויבער־מאַנטל און זעצט זיך מיטן קינד באַם טיש. דאָס אינגל כליפּעט נאָך אַלץ, אָבער איינגעהאַלטענער און דער פאָטער רעדט צו אים:

— ס'איז פאַרפאַלן, אברהמעלע, אַזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט: נאָך טאָג קומט נאַכט, נאָך נאַכט — טאָג; נאָך יום טוב — אינ־דערוואָכן. ס'איז איצט אויס שמחת תורה. באַהאַלט די פאָן, לייג זי אַוועק אויף איבעראַיאָר. איבעראַיאָר, אַז גאָט וועט העלפן, וועלן מיר ווידער האָבן שמחת תורה.

דאָס אינגל הערט ניט אויף צו וויינען. ער רעדט מיט אַ כליפּ:

— איך וויל נאָך שמחת תורה.

די מוטער שמייכלט. דער פאָטער רעדט צום קינד ווי צו אַ גרויסן:

— ס'איז שוין אָבער אויס שמחת תורה. דער יום טוב איז אַוועק. ס'איז שוין אינדערוואָכן.

גייט די מוטער צו צום קינד, טוט אים אַ גלעט איבערן קעפּל, און צום פּאָטער זאָגט זי:

— זינג אים אַ זמרל, פאַרלענגער דעם יום טוב.

דער פּאָטער נעמט דאָס אינגל אויף די הענט. אברהמעלע שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפן טאַטנס אַקסל, האַלט הויך די פּאַן אין האַנט, און וואַרט.

דער טאַטע נעמט פאַרציען אַ ניגון, פריער שטיל, איינגעהאַלטן, דערנאָכדעם אַלץ העכער, לעבעדיקער. דאָס אינגל, אַן אויפגעראַמטער, פרואווט נאָכזינגען. די העברייאישע ווערטער זיינען פרעמד, שווער. ביס־לעכווייז אָבער בייסט ער זיי איין און זינגט מיט מיטן טאַטן.

דער פּאָטער ווערט פאַרכאַפּט פון געזאַנג. ער שטעלט זיך אויף מיטן אינגל, האַלט אים אויף די הענט, פאַרוויגט אים מיטן געזאַנג. דאָס קינד שלאָפט איין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. די מאַמע נעמט דאָס קינד פון דעם טאַטנס הענט און לייגט אים אַריין אין בעטעלע.

דער טאַטע זאָגט שטיל צו דער מוטער:

— דוכט זיך נאָך גאָר אַ קינד, און זעסט — וויל ניט קיין וואָכעדי־קייט. גאָט זאָל נאָר געבן, ער זאָל אַלע זיינע יאָרן גלוסטן נאָך פייער־לעכקייט, נאָך יום־טובדיקייט.

דעם פּאָטערס וואונטש איז מקוים געוואָרן. דאָס קליינע אינגעלע איז אויסגעוואָקסן און איז געוואָרן דער באַרימטער אידישער דיכטער, אברהם וואַלט, אָדער, ווי ער איז באַקאַנט אין דער אידישער ליטעראַטור, אברהם ליעסין.

## אַ לאַנגער נאָגל

ס'איז דאָנערשטיק. דער רבי איז נאָך אין שול. אַרום אַ לאַנגן טיש זיצן די חדר אינגלעך מיט אָפענע גמרות און חזרן. אברהמל זיצט לעבן זיין חבר שמואל. שמואל שאָקלט זיך און חזרט מיט אַ ניגון. אברהמל זיצט, שווייגט און קוקט שטאַר אין דער וועלט אַריין. אַלע ווײַלע כאַפּט שמואל אַ קוק אויף זיין חבר, זעט אַז ער חזרט ניט, און איז צופרידן. היינט וועט ער אים שוין כאַפּן באַ אַ גרייז. אברהמל באַמערקט עס ניט. ער איז

פאַרטראָגן, פאַרטאָן אין ווייטע וועלטן. ער האָט די לעצטע נאַכט ניט צו־געמאַכט מיט אַן אויג. זיצט ער איצט בײַ דער גמרא אַ פאַרחלומטער.

מען האָט אויפגעהערט חזרן. דער רבי וועט באַלד קומען פון דאַוונען, וועט ער די חדר אינגלעך פאַרהערן. שמואל טוט זיך אַ קער צו אברהמלען:

— אַהאַ, דו לערנסט ניט, און אַלע זיינען שוין פאַרטיק. נו, איצט טאָרסטו ניט איבערקוקן דעם שיעור.

— האַ, וואָס? — טוט זיך אברהמל אַ כאַפּ.

— מאַך זיך ניט געפייגערט, — ענטפערט דער חבר, — אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט. דאַנערשטיק כאַפּן מיר איינע די אַנדערע אין גרייזן. איצט וועל איך דיך פריער פאַרהערן.

— גוט, פרעג, — ענטפערט אברהמל.

דער חבר הויבט אָן פרעגן. אברהמל ענטפערט. דער חבר זוכט אויס די שווערסטע שטעלן, אָבער אברהמל ענטפערט גלייך, נישט טראַכטנ־דיק.

— ווייטער פאַרלאָרן, — זאָגט דער חבר מיט פאַרדרוס, — ווען האָסטו עס אויסגעחזרט, אברהמל?

— אברהמל חזרט ניט, — ענטפערט דאָס אינגל מיט שטאָלץ, — איינמאָל געהערט, איז גענוג. איצט, ברודערל, לאָמיר דיך נעמען אויפן צימבל.

פרעגט אברהמל, זוכט אויס שטעלן וואָס אַ אינגל קאָן זיי גאָר קיינמאָל ניט באַמערקן. דער חבר פאַרפּלאָנטערט זיך. נאָך יעדן גרייז קריצט אברהמל אויס מיט דעם לאַנגן נאָגל פון זיין גראָבן פינגער אַ קאַרב אויפן טיש. נאָכן פאַרהערן ציילט מען איבער די קאַרבן אויפן טיש: דרייצן גרייזן.

דער רבי קומט אַריין. די קינדער בלייבן שטיל. עס הויבט זיך אָן דאָס פאַרהערעניש. אברהמל זיצט ווייטער פאַרחלומט. קוקט שטאַר אין דער וועלט אַריין. דער רבי פאַרהערט אים ניט. ער ווייס, אַז אברהמל קאָן דעם שיעור. דער רבי איז שוין לאַנג געווען בײַ אמרהמלס טאַטן און אים געזאָגט, ער זאָל אָפּנעמען דאָס אינגל פון חדר. אומזיסטער שכר לימוד. ער דאַרף האָבן אַ גרעסערן רבין; און אפשר גאָרניט קיין רבין. זאָל ער לערנען פאַר זיך, ער האָט אַן אָפּענעם קאָפּ.

און אָט זיצט דאָס אינגל אין חדר און אין שטאַרק פאַרטראַכט. ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנט, פאַרמאַכט די אויגן און חלומט.

א ב ר ה ם  ל י ע ס י ן

## מעשות פון אַמאָל

אברהמל טראַכט וועגן וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן לעצטע נאַכט:

ס'איז שטיל אין הויז. דער טאַטע און די מאַמע שלאָפן שוין לאַנג. איך אברהמל איז וואַך. אויפן טישל ברענט אַ נאַכט לעמפּל, און דאָס אינגל ליגט אין בעט און לייענט אין דער האַלבער טונקלקייט אַ מעשה פון „שארית ישראל":

ס'איז ערב פסח, די אידן אין געטאָ גרייטן זיך צום הייליקן יום טוב. מען נייט, מען שייערט, מען וואַשט, און מען רייניקט, און מען באַקט מצות.

די בלאָטעס טריקענען זיך און עס ווייזן זיך שוין גראָזן אין די גערט־נער. עס שמעקט מיט פרישער מצה און מיט פרילינג... אָבער אָט איז געשען אַן אומגליק. לעבן די טויערן פון געטאָ האָט מען געפונען אַ טויט קריסטלעך אינגל. פּאָליציי איז אַנגעקומען, נישט לאַנג געזוכט און געכאַפּט דעם רב און איין־און־דרייסיק אָנגעזעענע אידן, זיי געבונדן און פאַרשפּאַרט אין געפענקעניש.

אין תפיסה האָט מען זיי געמאַטערט, זיי זאָלן זיך מודה זיין אין דעם פאַרברעכן. די אידן האָבן געטענהט, אַז זיי זיינען אומשולדיק. מען האָט זיי אָבער פאַרמשפּט פאַרברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט.

אין מיטן מאַרק האָט מען פאַנאַנדערגעלייגט טרוקענע צווייגן און האָלץ פאַר אַ פייער. דער מאַרק איז געווען פול מיט מענטשן, מען איז געקומען זען ווי מען וועט פאַרברענען די אידן.

עס האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון אַ פּויק — מען פירט די פאַראורטיילטע...

די איין־און־דרייסיק אידן און דער רב זיינען אַרומגערינגלט מיט סאָל־דאַטן. פאַראויס גייט אַ גלח, און פאָכנדיק מיט אַ צלם רעדט ער:

— באַלד, באַלד און די פלאַמען וועלן אייך פאַרצערן. האָט חרטה, זינדיקע נשמות, זייט זיך מודה: פאַרלאָזט אייער פאַרשאָלטענעם גלויבן, ווערט קריסטן, און מיר וועלן אייך פאַרגעבן אייער גרויסע זינד און אייך לאָזן לעבן.

די אידן ענטפערן ניט, קערן אָפּ די פּנימער פון צלם.

מען דערנענטערט זיך צום שייטער הויפן. מען שטעלט אויס די איין־און־דרייסיק אידן און מען לייגט אָרום זיי אַרום האָלץ. דער תלין צינדט אונטער די טרוקענע צווייגן. עס הויבט זיך אָן שלענגלען אַ רויך. פלאַמען ווייזן זיך. דער רב גיט אַ וואונק צו די אידן און אַלע איין־און־דרייסיק נעמען זיך פאַר די הענט און הויבן אָן זינגען „עלינו לשבח: מיר דאַרפן לויבן גאָט”...

דער בישאָף גיט אַ באַפעל:

— קלאַפט אין די פויקן, זעלנער, פאַרטומלט דאָס געזאַנג פון די פאַרשאָלטענע!

די פויקן קלאַפן, דאָס געזאַנג טראָגט זיך אָבער העכער און העכער.

— נאָך האָלץ, מאַכט גרעסער די פלאַמען, — טוט אַ קאָמאַנדע דער בישאָף.

מען מאַכט גרעסער דאָס פייער און די איין־און־דרייסיק הייליקע אידן מיטן רב ווערן פאַרצערט פון די פלאַמען...

אברהמל ליגט אין בעטל. אים דוכט זיך, אַז ער הערט דאָס געזאַנג פון עלינו לשבח. ער ליגט און ציטערט פון אויפרעגונג:

אַמאָל זיינען אידן געווען גרויס. נאָר גרויסע, הייליקע מענטשן קאָנען אַזוי רואיק גיין צום טויט. וואָלט ער עס געקאָנט? און אברהמל וויל זיך אַליין אויספּרובירן. ער וויל וויסן, צי וואָלט ער געקאָנט גיין אויף קידוש השם, ווי יענע אידן. ער גייט אַראָפּ פון בעט, גייט צו צום לאָמפּ, פאַרמאַכט די אויגן, און בלינדערהייט שטעקט ער אַריין אַ פינגער אין פלאַם פון לאָמפּ. דאָס פייער טוט אַ ברי, ער פאַרבייסט די ליפּן און מורמלט: עלינו לשבח...

אויף מאָרגן זיצט אברהמל אין חדר מיט אַ פאַרבונדענעם פינגער און שעמט זיך פאַר זיך אַליין: — כ'האָב באַלד אָוועקגעכאַפּט דעם פינגער. ניט געקאָנט אויסהאַלטן...

ער קוקט שטאַר און זעט ווייטער — אַ פּראָצעסיע פון אינקוויזיטאָרן, מיט פאַקלען אין די הענט, ציט זי זיך איבער די גאַסן, די גלעקער קלינגען. ער הערט דעם געקלאַנג. ער זעט די קדושים אַרומגערינגלט פון די אינקוויזיטאָרן, די קעפּ פון די אידן אויפגעהויבן. שטאָלצע גייען זיי. זיי גייען זיך מקריב זיין פאַר זייער גלויבן, אומקומען אויף קידוש השם.

דאָס אינגל זיצט אַ פאַרטראַכטער. ער איז אין ווייטע, ווייטע וועלטן. אַרום אים הילכן קינדערשע שטימען, מיטן אַלטן ניגון פון גמרא.

## אין בית מדרש

ס'איז שבת — אין שול באַם דאַוונען. אידן שטייען אַנגעטאָן אין טליתים און שאָקלען זיך פרום. דער שמש טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט אויפן טיש פון דער בימה: קריאת התורה! לייענען. אַ איד גייט צו צום ארון קודש, נעמט אַרויס די ספר תורה. דער עולם טוט אַ ברום די תפילה:

„און עס איז געווען ווען דער ארון האָט געצויגן, האָט משה געזאָגט:
„שטיי אויף, און לאָז זיך הערן,
„און צעשפּרייט זאָל דער קריגספיינט ווערן,
"זאָל דער שונא לויפן פון דיין אַנגעזיכט".

שטייט דער קליינער אברהמל און קוקט אַרום זיך. אידן דאַוונען מיט די טליתים איבער די קעפּ. פון אַלע ליפּן פאַלן אַלטע ווערטער אין אַן אַלטער שפּראַך; די זעלביקע ווערטער האָבן באַנוצט אַנדערע אידן אַמאָל, אַמאָל, ווען זיי זיינען געווען מעכטיקע קריגער. ער מאַכט צו די אויגן און זעט:

„אַ גרויס וואַנדער פאָלק ווייט אין מזרח. הייס מדבר־זאַמד, שבטים־מחנות, פאַנען און קריגער אָן אַן ענד. עס בלאָזן האָרנס, עס שאַלן רערן, דער קריגספיינט איז צעשטעלט אויף די בערג. זיי זיינען באַוואָפנט מיט פייל און בויגן און לאַנגע שווערדן. זיי וואַרטן אויף דער מחנה אידן".

„די מחנה אידישע קריגער דערנעענט זיך צום צופוסנס פון באַרג. עס טוט אַ האָגל אויף איר מיט פיילן. דער פיינט טוט זיך אַ לאָז באַרג אַראָפּ. די אידישע קריגער ווערן צעטומלט. אָבער אָט ווייזט זיך משה; ער פאָראויס, נאָכדעם דער הייליקער ארון אַרומגערינגלט מיט כהנים און לויים. משה הייבט אויף זיין שטים און טוט אַ דונער:

„שטיי אויף, יעהאָוואַ, לאָז זיך הערן,
„און עס זאָל צעשפּרייט דער קריגספיינט ווערן,
„זאָל דער שונא לויפן פון דיין אַנגעזיכט".

„משהס שטים מונטערט אויף די קריגער. אַ געשריי פון נצחון אין דער מחנה. עס שאַלן רערן, עס בלאָזן האָרנס. דער שונא אַנטלויפט. דאָס אידישע חייל, גרינגער פון א הירש, שטאַרקער פון א לייב, יאָגט נאָך".

די תפילה איז געענדיקט. עס שטייט דער בעל קריאה אויף דער בימה און רופט אויף איינעם צו דער תורה. דאָס אינגל עפנט די אויגן און זעט אַרום זיך די קלויז און די דאַוונער; צעטראָגענע, פאַראַרימטע קרעמער, וואָס שטייען אין זייערע קרעמלעך און וואַרטן אַ גאַנצע וואָך אויף לייזונג. ער פאַרשטייט ניט ווי אַזוי עס שטימט דער אַלטער, מעכטיקער קריגס אויס־געשריי מיט די דערנידעריקטע און פאַרשטויסענע אידן אַרום אים. דאָס אינגל שווערט בײַ זיך אין האַרצן, אַז ער וועט זיין אַנדערש, אַנדערש פון די דערשלאָגענע אידן אַרום אים. ער וועט זיין אַ גיבור. ער וועט קעמפן פאַר זיין פאָלק.

יאָרן פליען. דאָס אינגל ווערט עלטער.

## גמרא, טייטש חומש, געשלעגן

אומעטום וויל ער זיין דער ערשטער — אין לערנען, אין שטיפן; צווישן זיינע חברים און צווישן עלטערע אידן אין שול. פון אַלץ ווערט דער יונגער אברהמל באַאיינפלוסט און באַגייסטערט, פון מעשות אין אַן אַלטן ספר, פון דער מאַמעס טייטש חומש, פון אַ טיף שטיקל גמרא און פון פּראָסטע ווערטער אין דאַוונען.

ס'איז אַ זומערדיקער שבת. ס'איז נאָך צו פרי זיך שטעלן דאַוונען. אין שול אָבער איז שוין דאָ אַ גרויסער עולם. אַ טייל אידן רעדט צווישן זיך, אַנדערע זענען מעביר די סדרה, עטלעכע חשובע באַלעבאַטים קוקן אַריין אין גמרות. שטייט זיך אַ איד אַ למדן לעבן זיין שטענדער און ברומט שטיל אַ בלאַט גמרא. ער זעט דעם קליינעם אַברהמעלען אַרומשפּאַצירנדיק איבער דער שול, טוט ער אים אַ רוף. ער וויל אים עפּעס פרעגן. ס'איז אַ שווער שטיקל גמרא. גייט צו אברהמל צום שיינעם אידן. באַלד ווערט אַ רעדל אַרום זיי. דער איד ווייזט אברהמלען אַ שטעל איז דער גמרא און פרעגט אים אַ האַרבע קשיא. דאָס אינגל טוט אַ פיר מיט די אויגן איבער דער גמרא און ענטפערט שנעל:

— ס'איז טאַקע אַ גאַנץ גוטע קשיה, אָבער ס'איז ניט אייערע. ס'איז פון „פני יהושע" (אַזאַ ספר). טאַ זייט־זשע אַזוי גוט, טוט אַ קוק. וואו איר האָט געזען די קשיה, וועט איר געפינען אויך דעם ענטפער.

דער עולם שיסט אַרויס אין אַ געלעכטער. אברהמלס טאַטן פאַרדריסט עס אַביסל — אַ אינגל זאָל האָבן אַזאַ חוצפה. ס'טוט אים אָבער הנאה וואָס אַזאַ יונגער שנעק, אינגאַנצן צען יאָר אַלט, ווייס פון אַזאַ האַרב שטיקל „פני יהושע".

מען שטעלט זיך דאַווענען. דאָס אינגל שטייט שטיל און שאָקלט זיך פרום, דאַוונט און פאַרטיפט זיך אין די ווערטער. ער פאַרמאַכט די אויגן און זאָגט אַרויס יעדעס וואָרט מיט גרויס כוונה. ער הערט דאָס ברומען פון די שול אידן, און אים דוכט זיך, אַז פון אַלע אידנס שטימען ווערט איין קול — און דאָס קול הויבט זיך אויף אַרויף, שפּאַלט הימלען, דערגרייכט ביז צום זיבעטן הימל — וואו גאָט אַליין געפינט זיך. ער שטעלט זיך פאָר: אַ בלאָער הימל, אין מיטן דער בלאָקייט אַ רויט־פייערדיק שטול. אויף דער שטול זיצט גאָט. עס רינגלען אים אַרום מלאכים, זיי זינגען אַ לויב צום אויבערשטן, און אין דעם מלאכים געזאַנג פליסט אַריין דאָס געבעט פון די אידן. און גאָט איז ליבער דאָס געבעט פון די אידן ווי דאָס געזאַנג פון די מלאכים, און גאָט שמייכלט צופרידן:

— „מיינע אידן זינגען אַ לויב צו מיר".

דאָס אינגל פאַלט אַריין אין עקסטאַז. ער דאַוונט געשמאַקער, פייער־דיקער. באַלד אָבער באַפאַלט אים אַ מורא, אַ פינצטערניש: ער זעט קיינעם נישט אין די הימלען, זיי זיינען פוסט . . . אַ ציטער לויפט אַריבער איבער דעם אינגלס קערפּער — וואָס פאַר אַ זינדיקע געדאַנקען! טרערן רינען פון זיינע אויגן. ער הויבט זיך אָן שאָקלען נאָך פרימער.

אַ טרויעריקער גייט אברהמל פון שול. ער פילט זיך זינדיק, אָבער לאַנג האַלט זיין טרויער ניט אָן. אברהמל איז אַ געזונטער, פריילעכער אינגל, פאַרגעסט ער באַלד אינגאַנצן אין זיין פרומקייט, אין זיינע צוויפלען. עס איז אַ העלער זומער טאָג, און ער גייט זיך שפּילן מיט חברים. עס גייען אָן געשלעגן. אברהמל איז דער ערשטער אין פייער. ער טרעט אַרויס „איינס אויף איינס". אים אַרט ניט, טאָמער איז דאָס צווייטע אינגל עלטער, העכער און שטאַרקער פאַר אים.

הײנט איז גאָר אַ װיכטיקע שלאַכט. דער „װילנער קעשעניק", אַ געזונ־טער, הױכער, ברײטפּלײציקער יונג האָט מיט זײן שײקע פאַרנומען צװײ גאַסן און לאָזט קײן אַנדערע אינגלעך ניט דורך. אברהמל האָט צוזאַמענגענומען זײנע חברים און זיך אָװעקגעלאָזט אין דעם װילנער קעשעניקס מלוכה. ס'איז געװען אַן אמתע מלחמה. מען האָט געװאָרפן אײנע אויף די אַנדערע שטעקנס, הער־צער, צעבראָכענע פלעשער, ציגל גאַנצע. בײדע מחנות זײנען גאַנץ שטאַרק. מיטאַמאָל טרעט אַרױס אברהמל און רופט אַרױס דעם װילנער קעשעניק אויף אַ געשלעג אײנס אויף אײנס.

די מחנות זײנען געבליבן שטיל. די צװײ אינגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אײנער אויף דעם אַנדערן. דער װילנער קעשעניק איז געװען מיט אַ קאָפּ העכער פון אברהמלען, און אברהמל האָט אַרײנגעכאַפּט גוטע קלעפּ. האָט אַ צװײט אינגל פון אברהמלס שײקע אים אָפּגעשטופּט און גענומען זיך שלאָגן אײנס אויף אײנס מיטן װילנער קעשעניק. דאָס אינגל איז געװען גאָר אַ שטאַרקער, און ער איז בײגעקומען דעם שונא. אברהמלס מחנה האָט געזיגט.

ס'איז שפּעטלעך נאָכמיטאָג. צײט גײן אַהײם עפּעס איבערכאַפּן.

לױפט אברהמל אַרײן אַ פאַרסאָפּעטער, אַ צעהיצטער אין הױז, כאַפּט אַ ביס אויף גיך, חברה בלײבט באַם טױער װאַרטן. און אברהמל אײלט זיך. טרעפט ער אָבער דער מאַמען זיצן מיטן טײטש חומש. זי לײענט און זינגט אַרױס די װערטער. װערט ער פאַרכאַפּט פון דער מאַמעס לײענען. אמת, טאַקע פּראָסטע געװײנטלעכע װערטער. װאָס קאָן אים דאָס טײטש חומש דערצײלן נײעס ? ער איז דאָך קלאָר אין הונדערטער בלאַט גמרא, אָבער

„די מעשה פלעכט זיך מיט משלים אומגערירט
און מיט שײנע דרשות טוט זי זיך פאַרבינדן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דרשות, גאָלד געװעבט אין אַ װאונדער פאָדים
אַז עס איז צו זען און הערן אַ מחיה"

בלײבט ער שטײן און הערט :

„די מעשה פון דעם װאָלקן
װי ער האָט אַמאָל אין מדבר אונדזער פאָלק באַגלײט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

## אברהם ליעסין

אַ זייל פון וואָלקן טראָגט זיך איבער זיי צעשפרייט
און פון הינטן וואָלקנס, וואָלקנס באַ די זייטן,
וואָס באַשיצט זיי פון שונאים אין די שטרייטן,
און דער גרעסטער פון די וואָלקנס טראָגט זיך ווייט פאָראויס,
טרעפט ער אָן אַ טאָל, דער וואָלקן, נעמט ער און פאַרשיט,
און ישראל גייט זיין וועג באַשירעמט און באַהיט״.

פון גאַס הערט זיך אַ לאַנגער פייף, אַ אינגל פון די חברים. אברהמל וויל שוין לויפן, אָבער דער מאַמעס קול ציט. שטייט ער אויף איין פוס; קייט די חלה און הערט ווייטער, און באַשטימט : נאָך דעם דריטן פייף, וועט ער גיין. ער וויל הערן : „די מעשה פון מרים הנביאה״.

שטייט אַזוי אברהמל, מיט איין אויער הערט ער זיך צו צו דער מאַמעס טייטש חומש און מיט דעם אַנדערן אויער וויל ער אויפכאַפּן דעם דריטן פייף. אָבער קאַ׳טיק אַז דער מאַמעס זאָגן האָט אויפגעוועקט דעם טאַטן. דער טאַטע, אַנגעטאָן אין אַ שלאָפראָק, קומט אַרויס פון אַלקער. ער טוט אַ קוק ווי אברהמל שטייט און הערט זיך צו צו דער מאַמעס טייטש חומש. טוט ער אַ ברום שפּאָטיש :

— זעט נאָר, דער מינסקער עילוי שטייט און הערט זיך צו צו דעם ווייבערישן טייטש חומש.

אברהמל כאַפּט זיך אַרויס אַ פאַרשעמטער אין דרויסן. עס הערט זיך אַ פייפן — חברה לאָזט זיך איבער די גאַסן.

שבת פאַרנאַכט שפּאַצירט אברהמל אַרום אין בית מדרש און איז גרייט וויזן אַ קונץ : „זאָל אימיצער אים אַנצייגן מיטן נאָגל אַ שטעל אין גמרא, וועט ער זאָגן, וואָס פאַר אַ וואָרט שטייט צוואַנציק בלעטער ווייטער אויף דעם זעלביקן פלאָץ״. קיינער וויל זיך אָבער מיט אים ניט פאַרמעסטן. ס׳איז קיין נייעס ניט, אַלע ווייסן אברהמלס וואונדערלעכן זכרון. דאָס אינגל שפּאַצירט אַרום אין בית המדרש מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ — וועער איז צו אים גלייך ? . . .

## אַ מוסרניק

אברהמל איז שוין איבער פערצן יאָר אַלט. מען רופט אים „דער מינס־קער עילוי". מאַמעס בענטשן זיך מיט אים. ווייבער זאָגן: „דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוים". אַ קינד וואָס שטאַמט פון אַזעלכע גרויסע רבנים, האָט פון וועמען זיך צו לערנען. דאָס אינגל אָבער גייט אַרום אַ דערשלאָגענער. ער איז שוין נאָך בר מצוה. ער מוז שוין אַליין טראָגן אַלע זיינע עבירות. ער פאַרטיפט זיך אין אַלטע ספרים, זוכט דעם תכלית פון דער וועלט, די וועגן פון מענטשן. זיין צווייפלען ווערט אַלץ שטאַרקער. ער לערנט אָבער זייער פליסיק.

טרעפט איינמאָל, אַז עס באַזוכט דעם טאַטן אַ סטודענט, אַ שטיקל קרוב. וויל זיך אברהמלס טאַטע אויספיינען מיטן אינגל און אין דערזעלביקער צייט באַווייזן, אַז די וועלטלעכע קענטענישן האָבן ניט ווערט „קיין שאָלעכץ פון אַ קנאָבל".

— נאַ, זע, אַט האָט מיין אברהמל ניט געלרנט אין אייערע שקאָלעס. אָבער פרעג אים נאָר די שווערסטע „זאַדאַטשע" (פּראָבלעמע אין אַריפ־מעטיק) וועסטו זען, אַז ער וועט עס מאַכן אויפן קאָפּ איינס און צוויי.

שמייכלט דער סטודענט:

— לאָמיר טאַקע זען.

פרעגט ער אברהמלען איין פּראָבלעמע, אַ צווייטע, אַ דריטע, און אברהמל טוט אפילו ניט קיין קנייטש מיטן שטערן, ענטפערט באַלד אויפן אָרט.

בלייבט דער סטודענט זיצן אַן איבערראַשטער, אָבער ער זאָגט רואיק:

— נישקשה, אַזאַ פייערדיק קעפּל ווי ער, וועט ניט בלייבן באַ דער גמרא.

דעם סטודענטס ווערטער זיינען אַריינגעגאַנגען דעם טאַטן אין נאָז. טאַקע, מינסק איז פול מיט סטודענטן און גימנאַזיסטן. מען דאַרף אים ערגעץ אָוועקשיקן. ער האָט זיך באַטראַכט, אַז דער בעסטער אָרט פאַרן אינגל איז ווילקאָמיר, דאָרט האָט ער אַ פעטער, אַ איד אַ למדן און אַ פרומען אידן. דער פעטער וועט שוין אַכטונג געבן אויף אברהמלען. גע־זאָגט און געטאָן.

דער פעטער לערנט מיט אברהמלען, און דאָס אינגל לערנט געשמאַק, אָבער די צווייפלען ווערן באַ אים שטאַרקער און שטאַרקער.

אַ קורצע צייט שפּעטער באַקאַנט זיך דאָס אינגל מיט אַ ישיבה בחור, אַ געלער יונגערמאַן מיט זומער־שפּרענקלעך, בלויע, פאַרחלומטע אויגן און אַ גרויסן שטערן פול מיט קנייטשן, „פון צופיל טראַכטן". זיי ווערן גוט באַפריינדעט און אברהמל פאַרטרויט אים זיינע ספיקות און ראַנגלענישן. און דער געלער יונגערמאַן זאָגט צו אברהמלען:

— ס'איז פאַראַן דאָ נאָר איין ישיבה, וואָס וועט דיר קאָנען געבן אַן ענטפער אויף דיינע ספיקות, די סלאָבאָדקער ישיבה באַ די מוסרניקעס.

און אברהמל טראַכט ניט לאַנג און אַנטלויפט קיין סלאָבאָדקע.

די דאָרטיקע ישיבה בחורים האָט מען גערופן מוסרניקעס. דאָס זיינען געווען בחורים, וואָס האָבן זיך ניט באַגנוגט מיט טרוקענעם לערנען פון גמרא. זיי האָבן אויך געלערנט ספרים, וואָס שטראָפן און ווייזן ווי צו גיין אין גאָטס וועגן. זיי האָבן געגלויבט, אַז דער קערפּער איז גאָרנישט. דער עיקר איז די נשמה. יעדער מענטש האָט אין זיך אַ פונק פון געטלעכקייט, דאַרף ער זען פאַנאַנדערבלאָזן דעם פונק. יעדער מענטש דאַרף זיך רייניקן, לייטערן, הייליקן.

באַטאָג האָבן זיי געלערנט צוביסלעך גמרא. אָבער אָט הויבט זיך אָן די זון זעצן, עס ווערט טונקעלער, און יעדער יונגערמאַן האָט זיך פאַר־קליבן מיט זיין מוסר ספר אין אַ ווינקל.

אברהמל זיצט מיטן ספר „מסילת ישרים" אין האַנט און זינגט אַרויס די ווערטער. צום סוף ספר איז צוגעדרוקט דעם ווילנער גאונס בריוו, און אברהמל זינגט אויס:

„און דער וואָס גלוסט צו די פאַרגעניגנס פון דער וועלט, איז געגליכן צו איינעם וואָס איז דורשטיק און טרינקט געזאַלצן וואַסער. וואָס מער ער טרינקט, מער דורשטיק ווערט ער".

דאָס אינגל האַלט פאַרמאַכט די אויגן, שאָקלט זיך, רעדט אַרויס די געדרוקטע ווערטער, ער האָט אָבער זיינע אייגענע זעאונגען. ער זעט:

„די ערד איז בלאָטיק, דער הימל וואָלקנדיק שוואַרץ. דער ווינט פייפט, די וועלט איז פול מיטן טומל פון ניט־גוטע. באַלד אָבער בליצט אויף אַ בליץ — גאָטס פינגער. אַ דונער טוט אַ קלאַפּ — גאָטס קול. עס טוט אַ גאָס אַ רעגן. עס גיסט גאָטס ברכה. די לופט ווערט ריינער, דער

רעגן האָט אַראָפּגעשווענקט די בלאָטע פון דער ערד. עס ווייזן זיך שפּיצן פון בוימער, צווייגן, שטאַמען. אַלץ איז אָפּגעוואַשן געוואָרן — מען זעט גראָז, בלומען. די וועלט ווערט גרין. די וואָלקנס זיינען אינגאַנצן פאַר־שוואונדן און אַרום די גרינקייט — אַ ליכט, אַ פלאַם — די זון! פון איבער דער זון נידערט אַראָפּ אַ געזאַנג און צעשפּרייט זיך איבער דער פרישער ערד. עס ווערט שטיל, הימל און ערד באַהעפטן זיך צוזאַמען. איבער דער וועלט זיינען אויסגעשפּרייט גאַטס בענטשנדיקע הענט, און עס שטראַלן ברכות אָן אַ סוף״.

העכער, פריילעכער ווערט אברהמלס ניגון, ביז שפּעט אין דער נאַכט זינגט ער אַרויס פון זיינע מוסר ספרים און זעט זעאונגען.

ער האָט ווייניק געגעסן, איז נאָך ווייניקער געשלאָפן. ער איז געוואָרן אַלץ בלייכער און בלייכער. קיינער האָט זיך אָבער ניט אומגעקוקט אויף אים — אַ ישיבה בחור דאַרף אויסקוקן בלאַס און שוואַך. דאָס אינגל אָבער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, און ער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. זיין מוטער איז געקומען פון מינסק און אים צוגענומען אַהיים.

## וואָלאָזשין

עס גייען צוויי בחורים. איינער רעדט שטיל:

— דו ווייסט זען, ער זיצט אָן אַ היטל און לערנט גמרא.

וואונדערט זיך דער אַנדערער:

— איך פאַרשטיי ניט: לערנט ער גמרא, דאַרף ער טראָגן אַ היטל; זיצט ער אָן אַ היטל, האַלט ער דאָך ניט פון גמרא, איז צוליב וואָס לערנט ער?

— דערפאַר איז ער דאָך אַן אפּיקורס, — ענטפערט דער ערשטער, — ווייסט דאָך, אויב אַזאַ ווי דער מינסקער עילוי ווערט קאַליע, ווערט ער גאָר אַ גרויסער אַפּיקורוס. נו קום, וועל איך דיר ווייזן.

זיי גייען צו הינטער אַ פענצטער פון אַן אָרים שטיבל. זיי גנבעענן זיך צו און קוקן אַריין.

אברהמל וואָלט, דער מינסקער עילוי, איז געזעסן אָן אַ היטל, געקייט אַ שטיקל חלה און אַריינגעקוקט אין אַ גראָבן ספר.

— נו, דו זעסט? — זאָגט דער ערשטער בחור.
— אָבער ס'איז ניט קיין גמרא, — זאָגט דער צווייטער.
— ס'קוקט אויס ווי אַ גמרא, — ענטפערט דער ערשטער.
— מאַלע, וואָס עס קוקט אויס! עס איז ניט קיין גמרא.

אברהמל וואָלט האָט דערהערט דאָס געשפּרעך. ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום פענצטער און זיי דערזעען:

— קומט אַריין, כניאָקעס, קומט אַריין, — האָט ער צו זיי געזאָגט.

די בחורים זיינען געבליבן שטיין פאַרשעמט.

— שעמט זיך ניט, — האָט אברהם וואָלט ווייטער גערעדט, — קומט אַריין.

— מיר דאַרפן זיך ניט שעמן, — האָבן די בחורים געענטפערט, — דו דאַרפסט זיך שעמן — דער מינסקער עילוי זאָל זיצן אָן אַ היטל און עסן.

— דאָס איז אַ קליינינקע עבירה, — האָט אברהם וואָלט געענטפערט, — איך וועל אייך באַלד ווייזן עפּעס בעסערס. נאַט, זעט — און גלייכגילטיק האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון קעשענע און פאַררויכערט.

— גוי, ס'איז דאָך שבת, — האָבן די בחורים אויסגערופן פאַרציטערט.

— דער מינסקער עילוי האָט אַ גוטן זיכרון. ער ווייס, אַז היינט איז שבת, — האָט אברהם וואָלט געענטפערט רואיק און געבלאָזן דעם רויך פון נאָז, און מיט אַלע כוחות זיך איינגעהאַלטן ניט צו הוסטן.

די בחורים זיינען מיט שרעק אַנטלאָפן.

שבת צונאַכטס האָט דער ראש ישיבה פון וואָלאָזשין אויסגערופן, אַז דער מינסקער עילוי איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן און מען דאַרף זיך פון אים אָפּזונדערן: מען טאָר אים ניט האַלטן אין אַ אידיש הויז; מען טאָר מיט אים ניט קומען אין באַרירונג — ער ליגט אין חרם.

אברהם וואָלט איז געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זיין וואוינונג. ער האָט אויפגעזוכט אַ נייע וואוינונג אויפן עק שטאָט. די שמשים פון רב האָבן זיך אָבער דערוואוסט און געקומען זאָגן דעם באַלעבאָס מיטן האָרבן וואָרט, אַז מען טאָר דעם מינסקער עילוי ניט האַלטן אין אַ אידיש הויז.

קיין איד אין וואָלאָזשין האָט ניט געוואָגט זיך שטעלן אַנטקעגן דעם ראש ישיבה.

אברהם וואָלט האָט אָבער געהאַט אַ סך פריינט. פלעגט ער זיך באַטאָג אַרומדרייען איבער די פעלדער אַרום שטעטל, און באַנאַכט פלעגט ער אַריינקריכן דורך אַ פענצטער צו אַ באַקאַנטן אין אַ הויז און דאָרטן איבער־נעכטיקן.

דעם אינגל איז אָבער מיאוס געוואָרן זיך אויסצובאַהאַלטן און ער האָט פאַרלאָזן די שאָטט.

## אין ווילנע

ס'איז אַ קאַלטער האַרבסט טאָג. אין אַ קליינעם צימער אויפן דריטן שטאָק, גלייך אונטערן דאַך, זיינען געזעסן צוויי סטודענטן און גערעדט:

זאָגט דער סטודענט ראָזנבוים:

— די ראַפּאָפּאָרטס האָבן מיר געגעבן אַ נייעם שילער — אַ ישיבה בחור מיטן נאָמען אברהם וואָלט. אַ מאָדנער יונג. אַ קאָפּ האָט ער אַ פּייער־דיקן, אָבער אַן עקשן אַ געבראָטענער. ער קאָן נישט אויפשרייבן קיין זאַץ אין רוסיש, און רעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט געווען אַ פּראָפעסאָר אין אַן אוניווערסיטעט.

— און ווייס ער וואָס ער רעדט? — פרעגט דער אַנדערער סטודענט.

— יאָ, ער ווייס וואָס ער רעדט. ער איז גוט באַהאַוונט אין געשיכטע, זיך אַנגעלייענט ווי אַ פויק מיט העברייאישע ספרים, און פייאיקייטן האָט ער גוטע. די שווערסטע פּראָבלעמען אין אַלגעברע מאַכט ער אויפן קאָפּ. אַ מאָדנער בחור!

— איך וואָלט זיך וועלן מיט אים באַקענען, — זאָגט דער אַנדערער סטודענט.

— איך ווייס אָבער ניט וואו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן, — האָט גע־ענטפערט ראָזנבוים, — איך האָב מיט אים אָנגעהויבן לערנען רוסיש, האָב איך מיט אים אָפּגעלערנט אַ דריי וואָכן. פּלוצלונג איז ער ניט געוואָרן.

עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. מ. ראָזנבוים שטייט אויף און עפנט די טיר. אברהם וואָלט איז געשטאַנען אויפן שוועל מיט אַ גראָבן ווערטער־בוך אונטערן אָרעם. זיין פּנים מיד, די אויגן ניט אויסגעשלאָפענע.

— זע נאַר, סאַראַ גאַסט! — רופט אויס ראַזנבוים, — קומט אַריין, קומט אַריין!

אברהם וואַלט איז אַריין אין צימער.

— וואו זייט איר עס געווען די גאַנצע צייט? — האַט ראַזנבוים געפרעגט, — אַ מענטש גייט אַוועק אַן אַ זיי־געזונט.

— איך האָב זיך אויסגעלערנט רוסיש.

— וואָס האָט איר זיך אויסגעלערנט אין די פיר וואָכן?

— רוסיש האָב איך זיך אויסגעלערנט. ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק. לערנען פון קינדערשע ביכלעך, האָב איך זיך גענומען אַ ווערטער־בוך און זיך אויסגעלערנט די שפּראַך.

— ווי אַזוי?

— אויסגעחזרט דעם ווערטערבוך פון טאָוול ביז טאָוול.

— אוממעגלעך.

— פרעגט, — ענטפערט אברהם וואַלט רואיק. און דערלאַנגט ראַזנבוימען דעם דיקן ווערטערבוך.

ראַזנבוים טוט אַ בלעטער דעם ווערטערבוך און הויבט אָן פרעגן. וואַלט גיט אים פּינקטלעך דעם טייטש פון יעדן וואָרט. באַלד האָט זיך צעטראָגן די נייעס איבער גאַנץ ווילנע: אַן אויסערגעוויינטלעכער יונגערמאַן איז געקומען פון מינסק, אַ יונגערמאַן וואָס האָט אויסגחזרט אַ ווערטערבוך פון טאָוול ביז טאָוול אין איינע פיר וואָכן.

דער אויפטו פון ווערטערבוך האָט באַלד געעפנט אַלע טירן פאַרן יונגן וואַלט. ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין די קרייזן פון דער שטודירנדיקער יוגנט. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין לערנען וועלטלעכע קענטעניש. זיינע עלטערע חברים האָבן אים באַקאַנט מיטן סאָציאַליסטישן געדאַנק. אברהם וואַלט איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער.

דער יונגער וואַלט האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג ווי צו פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם צווישן אידן. ער האָט שפּעטער געהאַט אויך אַ סך נאָכפאָלגער. מען האָט זיי אויף רוסיש גערופן „וואַלטאָווצי" (וואַלטיאַנער).

אין יענער צייט האָט וואַלט אויך אָנגעהויבן שרייבן לידער אין אידיש. זיינע לידער זיינען געגאַנגען פון מויל צו מויל. מען האָט זיי געזונגען און געלייענט מיט גרויס עקסטאַז. אָבער דאָס געהערט ניט צו ליעסינס קינדער־יאָרן. דאָס איז שוין גאָר אַ באַזונדער מעשה.

# לעאָן קאָברין

לויט מינדלעכע מיטטיילונגען.

# לעאָן קאָברין

לעאָן קאַברין איז געבאָרן געוואָרן אין וויטעבסק אין 1873, בא פּאַר־מעגלעכע עלטערן. דער טאַטע איז געווען אַ קרעמער, דער זיידע אַ פישער, געהאַלטן אין אַרענדע אַזערעס פאַר פיש פאַנג.

אין 1892 האָט קאַברין אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער זיך די ערשטע יאָרן געפּלאָגט. ער האָט געאַרבעט אין שאַפּ אַלץ העמדער נייער, ציגאַרן מאַכער, אויך איז ער געווען אַ צייטונגס פאַר־קויפער. אים האָט אָבער געצויגן צום שרייבן.

אין 1893 דעבוטירט ער אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע" מיט אַן איבערזעצונג פון אויספּעטנעסקיס אַ דערציילונג. פון דאַן אַן הויבט זיך אָן זיין שרייבערישע קאַריערע.

פון קינדווייז אַן האָט קאַברין געהאַט אַ נייגונג צו דער בינע. אין 1897 האָט ער אָפּגעדרוקט זיין ערשטע דראַמע „מינא" אין זשורנאַל „נייע צייט". „מינא" איז באַלד אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. זינט דאַן האָט ער אָנגעשריבן אַרום פינף און דרייסיק דראַמען פאַר דער בינע.

אחוץ זיינע צענדליקע דראַמען און ראָמאַנען און קורצע דערציי־לונגען, האָט קאַברין מיט דער הילף פון זיין פרוי, פּאָולין, איבערזעצט גאַנץ טשעכאָוו, טורגעניעוו, גוי דע מאָפּאַסאַן און נאָך צענדליקער ראָ־מאַנען. אַרום און אַרום האָט קאַברין פאַרעפנטלעכט אַרום נייַנציק ווערק.

לעאָן קאַברין וואוינט איצט אין ברוקלין, ניו יאָרק.



לעאָן קאָברין

## מיטוואָכדיקע אָרים מאָלצייטן

אַ גרויסער שווערער טויער. דער טויער עפנט זיך. אַ ברייטער הויף. פיר שטיבער: דעם זיידנס מיט זיינע דריי זין אהרן, בערע און רפאל.

לייבקע איז נאָך גאָר אַ קליין אינגל. טישן קוקן אויס זייער הויך אין זיינע אויגן.

דער זיידע איז שוין אינגאַנצן גרוי, אָבער די ברייטע פּלייצעס זיינען נאָך ניט געבויגן. די באָבע איז אַ קליינינקע, אַ קורצינקע.

ס'איז מיטוואָך. דער זיידע און די באָבע זיינען פאַרנומען און דאָס קליין אינגעלע פּלאָנטערט זיך צווישן די פיס.

דער הויף איז אויף. מען באַקט, מען קאָכט, מען בראָט, מען גרייט טישן, מען שטעלט אויס בענק. מען גרייט צו דעם מיטוואָכדיקן אָרים מאָל־צייט.

וואָך איין, וואָך אויס, מאַכט דער זיידע אַ מאָלצייט פאַר די אָרימע לייט. מען סערווירט פיש, קרופּניק און גאַנצע בערג מיט ברויט. נאָכן מאָלצייט טיילט די באָבע האַרטע, קופּערנע דרייערס. יעדער אָרימאַן נעמט צו די דריי גראָשן און ווינטשט אָן דער באָבן און דעם זיידן פולע היטלען. דער קליינער לייבל האָט ליב דעם מיטוואָכדיקן טומל. אַזוי פיל אָרימע לייט קומען אָן. אַלטע, יונגע, געזונטע, קראַנקע, פרויען און מענער; רויט בער־דיקע, שוואַרץ בערדיקע, קרומע, ברייט פּלייציקע, אויסגעדאַרטע; לאַנגע טאַרבעס, קאַטערינקעס, זעק און זעקלעך. דאָס אינגל האָט ליב נאָכקוקן אָט די אַלע פּנימער. אים דוכט זיך, אַז יעדער איינער פון די אָרימעלייט האָט צו דערציילן בערג מיט מעשות פון די ווייטע לענדער, וואָס ער האָט אויס־געזען. און מעשות האָט דאָס אינגל ליב...

שוין נאָכן מאָלצייט. דער זיידע לייגט צוזאַמען די טישן, נעמט אַוועק די בענק און דאָס אינגל פּראָבירט אים העלפן. יעדע ווילע טרייבט אים דער זיידע אָפּ. אָבער אומזיסט, לייבקע האָט ליב דעם טומל און רעש אַרום די מיטוואָכדיקע אָרים מאָלצייטן. ער פלעגט אויף זיי וואַרטן מיט אומגעדולד.

לעאָן קאָברין

## דער טאַטע

דער טאַטע, רפאל, איז געווען אַ לוסטיקער, אַ פריילעכער, אַ שיינע מעשה דערציילער און וויצלער. ער האָט קיינמאָל ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט אָפּטאָן אימיצן אַ שפּיצל.

ר׳ רפאל איז געווען אַ חשובער באַלעבאָס, א וואויל־קענער, דער גבאי אין שול. דאָך, האָט עס אים ניט געשטערט מאַכן אַ שפּאַס אָדער אַ טרייב טאָן א קאַטאָוועס. זיין טאַבאַק פּושקעלע האָט געהאַט א נאָמען.

געהאַט האָט ער צווי פּושקעלעך, ענלעך איינס אויף דאָס אַנדערע ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. איין פּושקעלע איז אָבער געווען אַ געוויינטלעכס, אַ פּראָסטס — אַ פּושקעלע ווי אַלע טאַבאַק פּושקעלעך. דאָס צווייטע אָבער איז געווען אַ קונציקס מיט אַ שפּרוזשינע.

גייט צו אַ איד צו ר׳ רפאל ביים דאַוונען און זאָגט:

— נו, גבאי, אַ שמעק טאַבאַק.

שטעקט רפאל אריין די האַנט אין קעשענע און נעמט אַרויס דאָס טאַבאַק פּושקעלע. דער איד ווייס שוין וועגן דעם פּושקעלע מיט דער שפּרוזשינקע. באַוואָרנט ער זיך און זאָגט בייזלעך:

— אָבער, ר׳ רפאל, אָן קונצן. איך האָב פיינט ווען אַ איד מיט אַ באָרד מאַכט זיך נאַריש.

ר׳ רפאל טוט אַ שמייכל:

— מילא, איך זע דאָך שוין, אַז איר זייט אַ קלוגער איד. נו, אייך וועל איך שוין ניט קאָנען אָפּנאַרן.

און ריידנדיק, לייגט ער אריין צוריק דאָס פּושקעלע אין קעשענע און נעמט אַרויס דאָס אַנדערע. עפנט עס און זאָגט אַרויס רואיק:

— נאַט!

דער איד טוט שוין אַ ציִ מיט דער נאָז, גרייט אָן די נאָזלעכער פאַרן געשמאַקן, שאַרפן שמעק טאַבאַק. ר׳ רפאל טוט אַ קוועטש די שפּרוזשינקע און דעם אידנס פינגער ווערן אריינגעכאַפּט ווי אין אַ קלעם.

דער איד דערשרעקט זיך, שפּרינגט אָפּ און רעדט אַרויס מיט כעס:

— פע, ס׳פּאַסט גאָרניט פאַר אַ גבאי!

— נו, ענטפערט ר׳ רפאל געלאַסן, דאָס האָב איך אייך געגעבן אַ פסק. איר האָט עס כשר פאַרדינט. ווייטער, געטרויט אַ אידן. דאָס ערשטע פושקעלע איז געווען דאָס פּראָסטע, אָבער איר האָט מיר ניט געטרויט, האָב איך אייך שוין צוליב געטאָן און אייך אָפּגענאַרט.

אין אַ צייט אַרום איז שוין קיינער ניט געקומען נעמען פון ר׳ רפאלן קיין שמעק טאַבאַק. ס׳איז דאָך אָבער ניט שיין, אַז אַ גבאי זאָל ניט צו־שטעלן קיין שמעק־טאַבאַק. האָט ר׳ רפאל געמוזט אַריינשיטן דעם טאַבאַק אין אַ פּראָסטער קאָרענער פושקעלע אָן אַ דעקל, און לאָזן עס שטיין בײַ זיך אויפן שטענדער, אָפן פאַר אַלעמען.

## די מאַמע

די מאַמע, רחל לאה, איז געווען אַ מערקווירדיקע פרוי, אַ קלוגע, אַ גוטע בעל־חשבונטע און אַ געניטע געשעפטס פירערין. שרייבן האָט זי ניט געקאָנט, דערפאַר האָט זי געפירט די גרויסע רעכענונגען פון קראָם אויפן קאָפּ.

דער טאַטע איז געווען שטענדיק פאַרנומען מיט קהלשע זאַכן, ליב געהאַט זיך שטעלן ברייט פאַר לייטן און אַלעמאָל געווען פאַרנומען מיט פרעמדע צרות. אין געשעפט האָט ער זיך כמעט ווי ניט געמישט, נאָר אַז עס איז געקומען אונטערצושרייבן אַ קאָנטראַקט מיט אַ סוחר, אָדער אונטער־צושרייבן אַ הלואה, וואָס די מאַמע האָט געקראָגן פון צייטלינען דעם באַנ־קיר, האָט דער טאַטע אונטערגעשריבן די אָפיציעלע פּאַפּירן. די חתימה מוז דאָך זיין פון אַ מאַנצביל.

און חתמענענדיק די פּאַפּירן האָט דער טאַטע אָנגעצויגן אַ מינע פון אַ גרויסן געשעפטסמאַן, אַ פּאָזע פון אַ גרויסן סוחר — אַט זעט, אָן אים קאָן מען דאָך ניט אויסקומען. די מאַמע האָט געשמייכלט און געשוויגן.

די מאַמע האָט פאַרשטאַנען זיינע שוואַכקייטן. זי האָט ליב געהאַט זיין אָנשטעל. זי האָט זיך געמאַכט אַז זי גלויבט זיינע איבערטרייבונגען. זי האָט שטענדיק מיטגעשפּילט מיט אים.

אַט איז ר׳ רפאל געגאַנגען אין שניט קראָם איינקויפן סחורה אויף ווינטערדיקע מלבושים. ער האָט מיטגענומען לייבקען.

זיי קומען אָן אין קראָם. דער קרעמער נעמט זיי אויף שיין. ער ווייס אז ר׳ רפאל שטעלט זיך ברייט. באַלד זינגט טאַקע ר׳ רפאל אַרויס:

— נו, דערלאַנגט מיר עפּעס רעכטס. אָבער טאַקע גאָר, גאָר רעכטס. איז נאָך אַ האַלב קערבל אויפן אַרשין. איך וויל אַ סחורהלע ווייך ווי פּוטער, גרינג ווי אַ פּעדער און וואַרעם ווי אַ פּערענע.

נעמט דער קרעמער אַראָפּ אַ שטיקל וואַרע, צעשפּרייט עס אויפן טיש און גיט אַ זאָג:

— נאָט, ר׳ רפאל, אָט האָט איר אַן אַנטיקל. אינגאַנצן פינף רובל אַן אַרשין.

— פינף רובל, קווענקלט זיך ר׳ רפאל, איז אַביסל צופיל.

— וואָס רעדט איר, צעהיצט זיך דער קרעמער. ווערמען מיינט איר צייג איך אַזאַ וואַרע? איך ווייז עס נאָר צו גאָר, גאָר גוטע קונדן. איך האָב פון דער זעלבער שטיק וואַרע אָפּגעשניטן פאַר אַן אַנצוג צייט־לינען דעם באַנקיר. פאַרשטייט זיך, אַז אים האָב איך גערעכנט אַביסל מער ווי פינף רובל אַן אַרשין. אָבער איך קאָן מען ניט אָפּנאַרן. איר ווייט דאָך אַ איד אַ סוחר.

ר׳ רפאל איז שוין אָן אָפּגעקויפטער. דער קרעמער אַליין האָט דאָך צוגעגעבן, אַז ער, ר׳ רפאל, איז ניט אַבי ווער, ער איז אַ איד אַ סוחר, אַ מבין. הייסט ער זיך אָפּשנײַדן די סחורה און טראָגט זי אַהיים ברייטלעך, צופרידן.

אויפן וועג באַוואָרנט ער זיך אָבער מיטן זונס שווייגן.

— געדענק זשע, לייבקע, זאָגט ער אים אָן, דערצייל ניט דער מאַמען וויפיל איך האָב באַצאָלט. דאָס וואָס מאַנצבילן טוען אָפּ צווישן זיך דאַרפן ווייבער ניט וויסן.

— ווער וועט עפּעס דערציילן דער מאַמען? ענטפערט לייבקע. וואָס בין איך עפּעס, אַן עופהלע? איך ווייס ווי אַזוי מען האַלט דאָס מויל פאַרמאַכט.

און דאָס אינגל האַלט וואָרט.

אָבער דער מאַמען נאַרט מען ניט אָפּ אַזוי גרינג.

ר׳ רפאל קומט אַריין צו דער ווייב אין קראָם, טוט אַ לייג די סחורה אויפן טיש און זאָגט זיך אַרויס ברייטלעך:

— נו, רחל לאה, זע וואָס איך האָב איינגעהאַנדלט. טו נאָר אַ שאַץ אָפּ וויפיל דאָס איז ווערט אַן אַרשין.

די מאַמע טאַפּט דורך די סחורה און טוט אַ זאָג:

— גאַנץ נישקשהדיקע וואַרע.

— באַ איר איז די סחורה נאָר נשקשהדיק, בייזערט זיך דער טאַטע. באַטראַכט נאָר דעם געוואַנט אַקוראַט. דער קרעמער האָט געבראַכט די סחורה ספּעציעל פאַר מיר. אונדזער באַנקיר צייטלין האָט דערזען דעם געוואַנט און געוואָלט עס נעמען פאַר זיך אויף אַ קאָסטיום, האָט דער קרע־מער אים אָפּגעזאָגט, געהאַלטן עס פאַר מיר. דו בעסער זאָג: וויפיל אַן ארשין?

לייבקע זעט אַז די מאַמע פאַרשטייט, אַז דער טאַטע טרייבט איבער. אָבער די מאַמע רעדט רואיק:

— נו, אַז ער האָט עס ספּעציעל געבראַכט פאַר דיר האָסטו איבער־געצאָלט. ס׳איז ווערט אַ זעקס רובל אַן ארשין, אָבער דו האָסט דאָך מסתמא געצאָלט זיבן.

אויף ר׳ רפאלן ציט זיך אָן אַ נייע הויט.

נו, מיין גרויסע סוחרטע, ניט געטראָפן. איך האָב פאַרגעסן דיר זאָגן, אַז איך האָב געכאַפּט א מציאה. איך האָב געצאָלט ניט מער ווי פינף רובל אַן ארשין. געוואָלט האָט ער טאָקע זיבן רובל אַן ארשין, אָבער פּוליען נאַרט מען ניט אָפּ.

די מאַמע שמייכלט:

— ניין, ניין, איך וויס, אויף דיר קאָן מען זיך פאַרלאָזן.

אַ שטונדע שפּעטער איז רחל לאה אַוועק צום קרעמער. זי איז צוריק־געקומען א שמייכלענדיקע. זי האָט צוריקגעבראַכט אַ טערקישן שאַל, זיידנס אויף אַ קלייד און עטלעכע ציכלעך פאַר די קישנס. זי האָט געלאַכט צום אינגל:

— לייבקע, דאָס קאָסט מיך ניט קיין גראָשן. דאָס האָט מיר דער קרעמער געגעבן אַ צוגאָב צום טאַטנס מציאה.

## בלומבערג די באַקנבאַרדן

א שיינע משפחה — אַ שיינער טאַטע, אַן אָנגעזעענער זיידע, די פּע־טערס בכבודיקע באַלעבאַטים. דאָס אינגל אָבער האָט געקראָגן אַ שלעכטן

נאָמען אין שטעטל. מען האָט אים געגעבן אַ מיאוסן צונעמעניש — לייביצקע די ווילדע בריאה. דעם אמת מוז מען אָבער צוגעבן — דאָס אינגל האָט די צונעמעניש כשר פאַרדינט.

די צונעמעניש האָט ער געקראָגן צוליב בלומבערג די באָקנבאַרדן.

בלומבערג איז געווען אַ רייכער באַלעבאָס; ער האָט געהאַט אַ געהילץ געשעפט, פאַרמאָגט אַ גרויס הויז און געפירט זיך ברייט, שיין ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר. ער איז געווען אַ גאַליציאַנער איד, גערעדט האַלב דייטש, האַלב אידיש; געגאַנגען שטענדיק אָנגעטאָן מעשה דייטש מיט א צעלינדער, און די באָרד געגאָלט אינמיטן און פוןביידע זייטן געלאָזן באַקנבאַרדן — פונקט ווי פראַנץ יאָזעף דער קייסער פון עסטרייך. טאַקע צוליב זיין מאָד־נעם גאָלן זיך האָט ער געקראָגן דעם צונעמעניש „באַקנבאַרדן״. אין שטאָט האָט מען פון אים שטארק ניט געהאַלטן, א איד גאָלט די באָרד, גייט אָנגעטאָן ווי אַ דייטש, רעדט ניט גוט קיין אידיש און היט ניט אָפּ שטאָרק שבת — איז אַ האַלבער גוי.

טאָמער האָט זיך אַ אינגל אין שטעטל ניט אויפגעפירט ווי געהעריק, האָט מען אים באַלד געוואָרנט:

וואַקס ניט קיין בלומבערג באַקנבאַרדן!

האָט לייבקע ניט געהאַלטן פון בלומבערגן. לייבקע האָט געגלויבט אז אַזאַ איד איז גאָר קיין איד ניט.

איינמאָל אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, זעט דאָס אינגל, אין שול צו מעריב קומט אריין בלומבערג. דער שמש נעמט אים אויף גאַנץ ברייטלעך און שטעלט אים אוועק לעבן מזרח וואַנט. גלויבט ניט דאָס אינגל זיינע אייגענע אויגן. עס קומט צו מעריב שטעלט זיך בלומבערג צום עמוד.

— טאַטע — זאָגט דאָס אינגל שטיל, בלומבערג וועט דאַווענען באַם עמוד?

— יע, לייבקע, ענטפערט דער טאַטע.

— אָבער ער איז דאָך אַ האַלבער גוי...

— אָן אמת טאַקע, ענטפערט דער טאַטע. אַ האַלבער גוי, אָבער ער איז דאָך אַ גאַנצער גביר.

פאַרשטייט עס ניט דאָס אינגל. ער טראַכט, דער טאַטע וויל עפּעס אָפּטאָן איינע פון זיינע שפּיצלעך. ווי וועט ער עס דערלאָזן אַז בלומבערג זאָל דאַווענען באַם עמוד? אָבער בלומבערג שטייט באַם עמוד, דאַוונט מעריב

און קיינער זאָגט ניט קיין וואָרט. דאָס אינגל ווערט אַן אָנגעצונדענער. סטייטש, ווי לאָזט מען אַ האַלבן גוי דאַוונען באַם עמוד ?

לויפט דאָס אינגל אַרויס אין שול הויף, געפינט אַ שטיין, וויקלט איין דעם שטיין אין אַ נאַסן האַנטוך, וואָס איז געהאַנגען באַם האַנדפאַס, און וואַרפט עס גלייך אויף בלומבערגן.

א גליק וואָס דער שטיין האָט אים געטראָפן אין פּלייצע. ווען דער שטיין פאַלט אים אין קאָפּ, צעפּלעט ער אים דעם מוח.

ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ ליאַרעם. אידן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום אינגל און אים געוואָלט צערייסן אויף שטיקער. לייבל אָבער האָט אויס־געשריען :

— בלומבערג איז א גוי ! און איז אַנטלאָפן.

אינדערהיים האָט דער טאַטע גוט אָנגעקלאַפּט די ביינער. אָבער דעם יונג האָט זיך געדוכט, אַז דער טאַטע שלאָגט אָן חשק. ער איז עפּעס ניט צופיל אין כעס.

אין שטעטל האָט אַ לאַנגע צייט געקאָכט מיט דער פּאַסירונג. א סך אידן האָבן געגעבן דעם אינגל גערעכט. אָבער אַלע האָבן צוגעגעבן, אַז אַ אינגל אַ שנעק, זיבן יאָר אַלט, וואָס קאָן וואַרפן אַ דערוואַקסענעם מענטשן א שטיין אין פּלייצע, און טאַקע אין שול נאָך — אַזאַ אינגל איז אַ ווילדע בריאה.

דאָס צונעמעניש האָט זיך צוגעקלעפּט.

## קנעפּלעך

אַלץ האָט דאָס אינגל גענומען טויט ערנסט. אין יעדער שפּיל האָט ער זיך אריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן. דאָס האָט אים גאַנץ אָפט פאַר־שאַפט אַ סך צרות. אַז ער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר אַכט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט קנעפּלעך.

עס זיינען דאָ אַלערליי קנעפּלעך : פּראָסטע קנעפּלעך — בלעכענע. אביסל בעסערע — ביינערנע. נאָך עטוואָס בעסערע — שוואַרצע, גלאַנציקע, פיר אויגיקע קנעפּלעך ; גוטע קנעפּלעך — ראַגאָווענע, שוואַרצע קיילעכדיקע קנעפּלעך געמאַכט פון פּאַצירטע ביין ; אָט די קענפּלעך זיינען דורכזיכטיק

# לעאָן סאָברין

און גלאַנציק, מיט איין לעכל אונטן. די בעסטע זיינען אָבער סאָלדאַטסקע קנעפּלעך, געמאַכט פון קופער, אויבן מיט אַן אָדלער. פּוצט מען אָפּ מיט קרייד אַ סאָלדאַטסקע קנעפּל, בלישטשעט עס ווי גאָלד. פאַר איין סאָלדאַטסקן קנעפּל קריגט מען דריי ראַגאָוועס. פאַר איין ראַגאָוועס קנעפּל קריגט מען דריי ביינערנע, פאַר איין ביינערנעם קנעפּל קריגט מען פיר בלעכענע. קיינער וועט אָבער ניט אויסבייטן קיין סאָלדאַטסקן קנעפּל אויף ביינערנע אָדער בלעכענע קנעפּלעך.

אין קנעפּלעך דאַרף מען קאָנען שפּילן. דאָס אינגל וואַרפט זיך אריין אין שפּיל מיט אלע זיינע קינדערישע חושים. ער שפּילט ווען נאָר ער האָט אַביסל צייט. אויב עס איז ניטאָ מיט וועמען צו שפּילן, שפּילט ער מיט זיך אַליין. ער פּראַקטיצירט. געווינט ער טאַקע שטענדיק. זיינע קעשענעס זיינען איבערגעפּאַקט. נייט ער אויף אַ זעקעלע. דערנאָך אַ צווייטן. ער האָט שוין דריי זעקעלעך אָנגעשטאָפּט מיט קנעפּלעך. ער היט זיי אָפּ. ער פּוצט די קנעפּלעך, ער סאָרטירט, ער ניזשעט זיי אַן אויף שטריקלעך. ער האַלט די זעקעלעך מיט קנעפּלעך לעבן זיך און קיינער טאָר זיך צו זיי ניט צורירן.

ווען ער זעט ווי אַנדערע אינגלעך האַלטן די קנעפּלעך אין קעשענע, אלערליי קנעפּלעך צונויפגעמישט, קאָן ער דאָס ניט פאַרלידן:

— זע נאָר ווער עס האָט קנעפּלעך. דו ווייסט דאָך אפילו ניט ווי אויסצולייגן זיי.

שפּילט ער זיך מיט די אינגלעך אין קנעפּלעך, שפּילט ער נאָר אויף צו געווינען. געווינט ער, איז גוט. טאָמער פאַרלירט ער, שרייט ער אז ער האָט געשפּילט אויף צו פּלייסן. ער שרייט אזוי שטאַרק, אַז ער הויבט אָן אליין צו גלויבן דעם ליגן. ווייל טאַקע, ווי לאָזט מען איבער גוטע סאָל־דאַטסקע קנעפּלעך אויף אזעלכע הענט?

פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלעמאָל וויל דאָס אינגל אָפּגעבן צוריק דאָס געוואונענע. לייבקע אָבער האָט אַ פּאָר שטאַרקע הענט, נעמט ער אָפּ מיט גוואַלד. ער נעמט אָפּ נאָך מער וויפיל ער האָט פאַרלאָרן. ווערט אַ געשלעג. צעמזיקט ער דאָס אינגל. קריגט לייבקע נאָך אַן ערגערן נאָמען. מאַמעס זאָגן אָן די קינדער, אַז זיי זאָלן זיך ניט שפּילן מיט לייביצקען די ווילדע בריאה.

און באַ לייבקען מערן זיך די קנעפּלעך. ער האָט פולע זעקעלעך. ער באַהאַלט זיי אונטערן בעט. באַנאַכט חלומט ער, אַז דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט קנעפּלעך. ער האָט אָפּגעוואונען גאָר די קנעפּלעך פון דער וועלט

און אלע קומען און בעטן זיך: גיב אונדז אַ פּאָר קנעפּלעך. מיר קאָנען ערגעץ וואו ניט קריגן קיין קנעפּל אויף אַ רפואה, און אָן קנעפּלעך, ווייסט דאָך, קאָן מען ניט אויסקומען.

און אים איז גוט. די גאַנצע וועלט דאַרף צו אים אָנקומען...

## מלחמות און מעשׂות

אין חדר האָט לייבקע ניט ליב געהאַט גיין. ער פלעגט טאַקע גאַנץ אָפט ניט קומען אין חדר. איז ער שוין דאָרטן יאָ געווען, איז זיין קאָפּ געלעגן ערגעץ אַנדערש. ער פלעגט זיך שטענדיק פאַרקוקן אויף „נעכטיקע טעג און פליענדיקע פויגעלעך".

ס'איז דאַן געווען באַלד נאָך דער טערקיש־רוסישער קריג. די אינגלעך האָבן זיך געשפּילט אין מלחמות. מען האָט זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: די רוסן און טערקן, און געהאַלטן מלחמה.

לייבקע איז אלעמאָל געווען דער גענעראל. זיין „ארמיי" האָט שטענדיק געוואונען. ער האָט, ווי געוויינטלעך, זיך אריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן לייב און לעבן אין שפּיל. באַנאַכט נאָך די געשלעגן פלעגט ער גאַנץ אָפט חלומען אז ער איז אַן אמתער גענעראל, אַט פונקט ווי „סקאָבעלאָוו". ער פאָרט רייטנדיק אויף אַ פערד, האַלט אין האַנט אַן אנטבלויזטע שווערד און אַטאַקירט דעם שונא.

און אז ער איז אַן אמתער גענעראל, דאַרף ער פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן. ווען דאָס געשלעג האָט זיך צעפלאַקערט, האָט ער זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. ער פלעגט זיך אריינרייסן אין „שונאס" לאַגער שלאָגן רעכטס און לינקס מיט וואָס נאָר ער האָט געקראָגן אונטערן האַנט. אָפט פלעגט ער גאַנץ גוט צעבלוטיקן אַ אינגל. און מאַמעס האָבן ווייטער געשריען אויף זייערע קינדער:

— וויפיל מאָל האָבן מיר אייך אָנגעזאָגט, אַז איר זאָלט זיך ניט שפּילן מיט לייביצקען די ווילדע בריאה, און איר קריכט נאָך אַלץ אין פייער.

מען פלעגט קומען זיך קלאָגן פארן טאַטן. דער טאַטע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: אין הויז איז דאָס אינגל שטיל און רואיק. ס'פאַרדריסט נאָר וואָס דער יונג וויל ניט גיין אין חדר און האָט ליב לייענען וועלטלעכע ספרים.

## לעאָן קאָברין

אין יענער צייט האָט דאָס אינגל אָנגעהויבן שלינגען די עטלעכע מוסר ספרים, וואָס האָבן זיך געפונען אין הויז, אין אַלמער. אין אָט די מוסר ספרים האָט ער געפונען א סך שיינע מעשות. פלעגט ער זיך פארקלייבן אין א ווינקל און לייענען מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם.

לייענענדיק די ספרים האָט זיך באַ אים דערוועקט א חשק אָנצושרייבן עפּעס מעשות. ער האָט טאַקע אָנגעשריבן א מעשה — א מעשה מיט א ציג. פאַר וועמען קאָן מען אָבער פארלייענען א מעשה אין אידיש? פאָלט אים איין פאַרלייענען פאַר דעם שטוב מיידל. זי איז געווען די איינציקע אין הויף, וואָס האָט געלייענט מעשה ביכלעך.

לייענען אירע מעשה ביכלעך פלעגט זי אמייסטן פרייטיק צונאַכט. איינ־מאָל האָט זי דעם אינגל גוט איבערגעשראָקן.

ס'איז געווען שפּעט פרייטיק באַנאַכט. אַלע אין הויז זיינען געשלאָפן. עפּעס אַ גערויש האָט אויפגעוועקט לייבקען פון שלאָף. ער עפנט די אויגן. די טיר פון צימער וואו ער שלאָפט איז אָפן. דאָס שטוב מיידל, לאהקע, זיצט באַם טיש אין עס צימער. זי זיצט באַם טיש, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויףביידע הענט און לייענט אַ ביכל. קיין ווערטער הערט ניט דאָס אינגל, נאָר אַ ניגון, אַן אומעטיקן ניגון, יעדער ווילע אונטערגעבראָכן פון אַ זיפּ־צעריי.

די ליכט אין די לייכטערס גייען אויס. אַ טונקלקייט שפּרייט זיך פון אַלע ווינקלען. לאהקע הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט מיט צעשראָקענע אויגן אויף די צאַנקנדיקע ליכט. זי מישט די בלעטלעך און זוכט און זוכט דעם סוף פון דער מעשה.

זי דערמישט ביזן סוף. דער פלאַם פון דעם לעצטן ליכט טוט זיך אַ טונק און ווערט אויסגעלאָשן.

לאהקע ברעכט אויס אין אַ געוויין.

לייבקע איז אַ אינגל פון אַ יאָר ניין. דערשרעקט ער זיך. ער פאַרבייסט אָבער די ליפּן און שווייגט.

לאהקעס געוויין ווערט שטאַרקער. דאָס אינגל דערשרעקט זיך אויף אַן אמתן און שרייט אויס:

— לאהקע, איך האָב מורא!

— וואָס האָסטו מורא, לייבקע, שאַ, שאַ, וועק ניט אויף די שטוביקע. דאָס בין איך, לאהקע. און זי גייט אריין צום אינגל אין צימער.

— פאַרוואָס האָסטו געוויינט ? פרעגט איר דאָס אינגל מיט אַ פּאָר־שטיקטן קול.

און זי דערציילט :

אַזאַ דימענט איז ער. אַ גוטינקער, אַן ערלעכער און זיי האָבן אים אונ־טערגעוואָרפן פאַלשע ברילִיאַנטן, ווער ווייס וואָס מיט אים וועט דאַרטן טרעפן.

— מיט וועמען ? פרעגט דאָס אינגל.

זי זעצט זיך אַוועק לעבן אים און דערציילט די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביזן סוף. זי דערציילט מיט האַרץ, זיפצט און שעלט די שלעכטע מענטשן וואָס ווילן אומגליקלעך מאַכן אַזאַ טייערן בריליאַנט ווי דער העלד פון ביכל. דאָס אינגל שלאָפט איין.

אויף מאָרגן לייענט ער איר פאָר זיין מעשה. זי הערט אים אויס און טוט אַ קרים מיטן נאָז :

— אויך מיר אַ מעשה, גאָר מיט אַ ציג. א מעשה דאַרף מען דערציילן פון פּרינצן, גראַפן, און פּרינצעסנס, גענעראַלן און מיליאָנערן. נאָ דיר גאָר אַ מעשה מיט אַ ציג. נאָר לייביצקען דער ווילדער בריאה קאָן איינפאַלן אַזאַ משוגעת.

שווייגט דאָס אינגל. זי איז דאָך גערעכט. אָבער דער חשק צום שרייבן איז גרויס, און עס ווילט זיך אים שרייבן נאָר פון זאַכן וואָס ער קאָן און זעט. באַשרייבט ער זיין מומען מיט אירע פּאָקן גריבלעך. דאָס לייענט ער פאַרן טאַטן. ער ווייס אַז דער טאַטע האָט ניט איבעריקס ליב דער מומען. דעם טאַטן איז די באַשרייבונג געפעלן און דאָס אינגל איז אין זיבעטן הימל.

## די שטאָטישע רוסישע שול

מען האָט אים אָפּגעגעבן אין דער שטאָטישער רוסישער שול. אין חדר האָט ער ניט געוואָלט גיין.

— קיין רב וועט לייביצקע ניט זיין. די שטאָט איז מיט אים פול. אַ סוף, אַן עק, אפשר וועט ער ווערן אַ מענטש אין דער שטאָטישער שול, האָט דער פאָטער געטראַכט.

דעם אינגל איז עס גאָר געפעלן געוואָרן. ער איז עפּעס דאָך אַנדערש ווי אַלע אַנדערע אינגלעך. אמת, קיין אוניפאָרם מיט בלישטשענדיקע קנעפּלעך

## לעאָן קאַברין

טראָגט ער ניט, אָבער ער גייט דאָך פּונקט ווי אַ גימנאַזיסט אין אַ רוסישער שול, און פאַר אַ גימנאַזיסט האָבן אַלע אַפּשיי.

היינט די לערן ביכלעך. אַזעלכע וואונדערבאַרע שיינע מעשות אין זיי. און די שטאָט ביבליאָטעק איז אָפן פאַר די רוסישע שילער. ס'האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט, אַ שיינע וועלט, אַ בלענדנדיקע וועלט.

ער איז באַלד געוואָרן סטאַטעטשנער. ער האָט זיך אָנגעהויבן פּוצן. ער איז געוואָרן שטילער, געלאַסענער.

ס'זיינען אָבער באַ אים נאָך פאַרבליבן אַ סך ווילדקייטן. ער האָט זיך ניט אויסגעמענטשלט ביז ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער מיט באַריס זשיטלאָווסקין, דר. חיים זשיטלאָווסקיס ברודער. ווען ער איז געוואָרן אַן אָפטער אריינגייער צו די זשיטלאָווסקיס איז ער שוין געוואָרן גאָר אַן אַנדער יונג.

## אַנסקיס עצה

זשיטלאָווסקיס הויז איז געווען דער פּלאַץ, וואו די גאַנצע אידישע יוגנט פון שטאָט האָט זיך צוזאַמענגעקליבן. דאָרטן האָט מען געקאָנט טרעפן די נייסטע רוסישע ביכער און זשורנאַלן. פאַר די אויסדערוויילטע זיינען געווען אפילו פאַרבאָטענע ביכער און זשורנאַלן.

פאַר קאַברינען האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט, אַ וועלט וואו יעדער איינער זאָרגט פאַר אַלעמען.

באַ די זשיטלאָווסקיס האָט ער אויך געפונען אויפמערקזאַמע צוהערער. ער האָט געקאָנט פאַרלייענען זיינע זאַכן ווען ער האָט נאָר געוואָלט.

ער האָט דאַן אַ סך געשריבן און אַ סך געלייענט. פאַרשטייט זיך, אז געשריבן האָט ער אין רוסיש און געלייענט האָט ער אויך רוסיש. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט די פּויערים וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן זיידן אויף די אַזערעס. האָט דער יונגער קאַברין געשריבן דערציילונגען פון לעבן פון דעם רוסישן דאָרף, ווי די מאָדע איז געווען.

ער האָט אפילו געוואָגט שיקן זיינע מאַנוסקריפּטן אין דער דעמאָלסטיקער באַרימטער רוסיש־אידישער וואָכנשריפט „וואָסכאָד". מען האָט זיי אָבער ניט געדרוקט.

ס׳האָט אים אָבער ניט אָפּגעהאַלטן פון ווייטער צו שרייבן. ער האָט געוואוסט אז אַ שרייבער דאַרף קעמפן פאַר אנערקענונג.

און דער יונגער קאָברין האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין שרייבן מיט דעמזעלביקן ברען ווי אין קנעפּלעך שפּיל, אָדער אין זיינע מלחמות. זיין גאַנץ לעבן איז געוואָרן פול מיט שרייבעריי.

אין יענער צייט האָט זיין לאַנדסמאַן, דער באַוואוסטער ש. אַנסקי, פאַרעפנטלעכט אין רוסיש אַ דערציילונג מיטן נאָמען „אין אַ אידיש הויזגעזינט“. אַנסקיס דערציילונג האָט געמאַכט אַ רושם. די רוסישע קריטיקער האָבן אים פאַרגליכן מיט די גרעסטע רוסישע שרייבער. אַנסקי איז דאַן געקומען קיין וויטעבסק אויף אַ באַזוך.

באַריס זשיטלאָווסקי האָט געטראָפן דעם יונג אין גאַס און געזאָגט:

— איך ווייס, לעאָ, אַז דו וואָלסט געוואָלט הערן אַ מיינונג פון אַן אמתן שרייבער וועגן דיינע דערציילונגען, האָב איך טאַקע געבעטן אַנסקין ער זאָל אויסהערן דיינע אַ דערציילונג. קום מאָרגן דריי אַזייגער צו אונדז אין הויז. מיר וועלן אויף דיר וואַרטן.

צוויי מאָל האָט מען דעם יונג ניט געדאַרפט בעטן.

יענע נאַכט איז קאָברין ניט געשלאָפן. עפּעס אַ קליינינקייט באַגעגענען אַן אמתן שרייבער. האַלב וואַך האָט ער געזען דאָס הויז וואו אַנסקי שטייט אין. אַ הויך הויז, זשיטלאָווסקיס הויז מיט די אַכצן פענצטער צו דער גאַס. לעבן הויז אָבער שטייט אַ גרויסער, משונהדיקער מענטש. אַ קאָפּ די גרויס ווי אַ מויער, אָקסלען שפּאַרן אָן אין הימל, דער מענטש פילט אָן די גאַנצע וועלט. מיט איין פינגער קאָן ער צעשטערן אַ וועלט, אָבער ער קאָן אויך מיט דעם קלענסטן פינגער שאַפן מענטשן, געשטאַלטן וואָס זאָלן לעבן אייביק. דער מענטש קוקט אויף אים מיט ליבשאַפט און שמייכלט.

— דו אויך באַלאַנגסט צו דער ריזן משפחה. דו וועסט אויך שאַפן אייביקע וועלטן.

אינדערפרי האָט ער קיין פרישטיק ניט געגעסן. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אין שטאָט גאָרטן. דער מיטאָג איז אים ניט געקראָכן אין האַלדז. קוים זיך דערוואַרט אויף דריי אַזייגער.

אַנסקי האָט אויף אים געוואַרט. ער איז געשטאַנען לעבן אַ פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף דער דווינאַ און גערויכערט. ער האָט זיך מיטן יונג גאַנץ פריינטלעך באַגריסט און געזאָגט קורץ:

— לייענט.

קאָברין האָט אָנגעהויבן לייענען. אין אָנהויב ער האָט זיך אַלע ווײַלע פֿאַרהאַקט. באַלד אָבער האָט ער זיך דערוואָרעמט און געלייענט ווי אַ וואַסער.

אַנסקי האָט אים אויסגעהערט ניט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט. אַז ער האָט געענדיקט האָט ער זיך אַ קער געטאָן אַן אַרויסגערעדט שאַרף:

— יונגערמאַן, די דווינא איז אַ גרויסער און טיפער טײַך. ער קאָן פֿאַרשלינגען אַלץ. וואַרפֿט אַרײַן אײַער שרײַבעכץ אין דווינא און פֿאַרגעסט אָן דעם. קיינער וועט אײַך אײַער יוגנט ניט דערמאָנען.

קאָברין איז אַרויס פֿון הויז ווי אַ צעדולטער. ער האָט זיך געשעמט ווײַזן פֿאַר די חברים און זיך אַרומגעטראָגן מיט זעלבסטמאָרד געדאַנקען.

ער איז אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט צו דער אַזערע, וואָס זײַן פֿאָטער האָט געהאַלטן אין אַרענדע. דאָרטן, צווישן די פּראָסטע פּויערים האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרגעסן אַביסל אין זײַן אומגליק. ס'האָט אים אָבער גענומען אַ לאַנגע צײַט זיך צו באַפֿרײַען פֿון אַנסקיס מיינונג.

## אַן איבערשרײַבער אין אַ טעאַטער

אין יענעם ווינטער האָט דער שטאָטישער טעאַטער אַנאָנסירט פֿאַר אַן איבערשרײַבער. קאָברין האָט געקראָגן די שטעלע. צאָלן האָט מען ניט געצאָלט, דערפֿאַר אָבער האָט ער געקראָגן שטענדיקע פֿרײַע בילעטן, און ער האָט זיך באַקענט מיט די בעסטע שאַפֿונגען פֿון דער רוסישער בינע.

ער האָט פֿלײַסיק געלערנט און געלייענט. טיף אין האַרצן האָט באַ אים געטליעט די האָפֿענונג צו ווערן אַ שרײַבער. פֿאַרשטייט זיך, אין רוסיש. מען זאָל קאָנען שרײַבן אין אידיש, איז אים אפֿילו ניט אײַנגעפֿאַלן. ער האָט טאַקע עפּעס געהערט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ אידישע ליטעראַטור, אָבער זי איז אים געווען אינגאַנצן פֿרעמד. ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אַ ליטעראַטור פֿאַר אַזעלכע לייענער ווי דאָס שטוב מיידל לאַהקע. זײַן מיינונג האָט ער ערשט געביטן ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָס איז שוין אָבער גאָר אַן אַנדער מעשה.

# דוד פינסקי

לויט מינדלעכע מיטטיילונגען.

# דוד פינסקי

דוד פינסקי איז געבארן געווארן אין מאהיליעוו אויפן דניעפער, רוסלאנד, אין 1872. זיינע עלטערן זיינען געווען פארמעגלעכע און דאס אינגל האט געקראגן א גוטע דערציאונג. ווען ער איז אלט געווארן דרייצן יאר האבן זיך זיינע עלטערן אריבערגעקליבן קיין מאסקווע, דארטן האט ער אנגעהויבן באזוכן א רוסישע גימנאזיע.

אין 1891 איז דוד פינסקי אפגעפארן קיין ווין מיטן געדאנק ארייני צוטרעטן אין אוניווערסיטעט שטודירן מעדיצין. אין יענער צייט אבער האט די צארישע רעגירונג פון רוסלאנד ארויסגעטריבן די אידן פון מאסקווע. די פאמיליע פינסקי איז פארארימט געווארן און דער יונגער דוד האט זיך געמוזט צוריקקערן פון ווין.

ער האט זיך באזעצט אין ווארשע און אפגעגעבן זיך מיט לערעריי, ער האט זיך דאן באקענט מיט י. ל. פרצן און אינאיינעם ארויסגעגעבן די באוואוסטע יום־טוב בלעטלעך.

אין 1896 האט פינסקי זיך באזעצט אין בערלין און באזוכט דעם אוניווערסיטעט דארטן. אין דערזעלביקער צייט האט ער געשריבן דערציילונגען און פעליעטאנען אונטער זיין אייגענעם נאמען און אונטער פארשידענע פסעוודאנימען.

אין 1899 האט ער עמיגרירט קיין אמעריקע. ער איז געווארן מיט־רעדאקטאר פון „אבענד בלאט" און „ארבעטער צייטונג". שפעטער געווען פארבונדן מיט „דעם ארבעטער". ער האט אויך צוזאמען מיט יוסף שלאסבערגן ארויסגעגעבן „די אידישע וואכנשריפט". שפעטער צו איז ער געווארן רעדאקטאר פון דער טאג צייטונג „די צייט", וואס איז ארויס־געגעבן געווארן פון דער פארטיי פועלי ציון.

דוד פינסקי האט אנגעשריבן צענדליקער דערציילונגען און דראמעס. זיינע דראמעס זיינען אויפגעפירט געווארן אויף דער אידישער, רוסישער, ענגלישער, דייטשער און העברייאישער בינע.

דוד פינסקי וואוינט איצט אין ניו יארק.



דוד פינסקי

# חדר יאָרן

די היגע אַמעריקאַנער קינדער ווערן געבוירן אין זיידענע העמדלעך. וואָס ווייסן זיי פון אַ יאָך פון אַ רבין, אָדער יאָך פון חדר? זיי גייען אין שול פון ניין ביז דריי, אינמיטן האָבן זיי צייט צו עסן מיטאָג. אויב אַ אידיש קינד גייט אין אַ אידישער שול, קלאָגט די מאַמע אויפן קינדס מזל — ס'איז עפּעס אַ קליינקייט, באַזוכן אַ שול נאָכמיטאָג! ווען וועט זיך איר סעמעלע שפּילן? אַט וועל איך אייך דערציילן ווי דוד פינסקי האָט געלערנט, ווען ער איז געווען אַ קינד.

ער איז דאָן אַלט געווען אַ יאָר אַכט. ער פלעגט מוזן אויפשטיין זיבן אַזייגער אינדערפרי. ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל-וואַסער און ארום פינף מינוט נאָך זיין אויפשטיין זיך געזעצט לערנען. געלערנט האָט מיט אים אַ ישיבה בחור, וואָס האָט געוואוינט באַ די פינסקיס אין הויז. דעם ישיבה בחור האָט מען געגעבן עסן און נאַכטלעגער, דערפאַר האָט ער געדאַרפט לערנען מיטן קליינעם דוד'ן פון זיבן ביז האַלב נאָך אַכט אינדערפרי. פון האַלב נאָך אַכט ביז ניין האָט דאָס אינגל געדאַוונט, באַלד נאָכן דאַוונען אָפּגעגעסן און געגאַנגען אין חדר. זומער איז ער געזעסן אין חדר ביז פאַר־נאַכט. ווינטער ביז אַזייגער אַכט אָדער ניין ביינאַכט.

אַזייגער ניין אין אָוונט פלעגט ער קומען אַהיים און ערשט דאָן זיך געזעצט לייענען די העברייאישע צייטונג „המליץ" און אַמאָל אַ העברייאיש ביכל, וואָס זיין מאַמע האָט פאַר אים איינגעקויפט.

גרינג צו זאָגן „לייענען דעם המליץ". דער קליינער דודל איז געווען שוין דער גליקלעכער, אַ רייכן טאַטנס אַ זונדל. דודלס טאַטע איז געווען רייך גענוג אויסצושרייבן אַ צייטונג פאַר זיך אַליין. אַ קליינקייט אַ צייטונג אויסצושרייבן! אפשר זיינען געווען נאָך עטלעכע געציילטע מענטשן אין גאַנץ מאָהיליעוו, וואָס האָבן זיך עס פאַרגונען. געוויינטלעך פלעגן זיך צוזאַמענלייגן זעקס, זיבן אידן און אויסשרייבן „אַ צייטונג". דוד פלעגט איבערלייענען די צייטונג און באַלד פלעגט דער שכן איר צונעמען. דער־

נאָכדעם איז זי געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. עס זייַנען געווען מענטשן, וואָס האָבן געלייענט דעם „המליץ״ אַ וואָך שפּעטער, נאָכדעם ווי ער איז דערשינען.

דאָס באַליבסטע ביכל איז בײַ דודלען געווען קלמן שולמאַנס „דברי ימי עולם״, די געשיכטע פון דער וועלט. דאָס קליינע אינגל האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו געשיכטע. זיין ערשטע שאַפונג איז געווען אַ היסטאָרישע דראַמע. דער קליינער פּינסקי איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר עלף. פאַר דער דראַמע האָט דאָס אינגל געשריבן היסטאָרישע דערציילונגען און ביבלישע מעשות. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיינע היסטאָרישע געשיכטעס באַלד ווי ער האָט אָנגעהויבן לערנען תנ״ך (טאַנאַך, ביבל). דאָס אינגל האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַזעלכע פּסוקים: „און די איבעריקע פּאַסירונגען, און אַלץ וואָס דער קעניג האָט אויפגעטאָן, זיינען פאַרשריבן אין די היסטאָרישע ביכער פון די קעניגער פון יהודה אָדער ישראל״. דאָס אינגל האָט געפרעגט דעם רבין:

— און וואו זיינען די היסטאָרישע ביכער, וואָס זיינען דערמאָנט אין תנ״ך?

און דער רבי האָט געענטפערט קורץ:

— די ספרים זיינען ניטאָ. פאַרלאָרן געגאַנגען.

דער ענטפער האָט גערייצט דעם אינגלס פאַנטאַזיע. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס האָט טאַקע ווייטער פּאַסירט?

און דאָס אינגל איז ניט געווען פויל און זיך געזעצט און אָנגעשריבן די ווייטערדיקע פּאַסירונגען, וואָס זיינען אויסגעלאָזן געוואָרן אין תנ״ך.

דאָס זענען געווען דוד פינסקיס ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון.

## דאָס ביסטו דאָס אידל?

דוד איך שוין אַ בחור פון אַ יאָר פערצן.

דעם טאַטנס געשעפטן האָבן זיך פאַרבעסערט און די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין מאָסקווע. דוד האָט זיך געגרייט צו אָן עקזאַמען אויף פיר קלאַסן גימנאַזיע. דאָס אינגל האָט געקנאַקט רוסיש, געלייענט די

רוסישע ליטעראַטור, געשריבן לידער, דערציילונגען אויף רוסיש און געחלומט צו ווערן אַ נייער לערמאָנטאָוו אָדער גאָגאָל (באַרימטע רוסישע פּאָעטן).

דער טאָג פון עקזאַמענס איז געקומען. עקזאַמענס אין אַמאָליקן רוס־לאַנד איז קיין פאַרגלייך ניט צו די עקזאַמענס דאָ אין אַמעריקע. באַ אונדז, דאָ אין אמעריקע, קריגט יעדער סטודענט אַ פראַגע־בויגן, נאָ נעם און ענטפער די פראַגעס. דערנאָך נעמט מען די אָנגעשריבענע בויגנס און מען שיקט זיי אַוועק צו די עקזאַמינאַטאָרס. די עקזאַמינאַטאָרס קאָנען ניט דעם סטודענט. יעדער בויגן איז מיט אַ נומער. אַנדערש איז געווען אין אַמאָליקן רוסלאַנד. דער עקזאַמען איז געווען אַמייסטן אַ מינדלעכער, און דער עקזאַמינאַטאָר איז געווען דער גאַנצער באַלעבאָס. ער האָט געקאָנט דורכוואַרפן וועמען ער האָט געוואָלט. אידן האָט מען פיינט געהאַט, האָט מען זיי אַלעמאָל דורכגעוואָרפן. פון אידישע סטודענטן פלעגן אויסהאַלטן די עקזאַמענס נאָר עטלעכע געציילטע. עס פלעגן ניט דורכפאַלן גאָר אויס־ערגעוויינטלעכע סטודענטן, פייערדיקע קעפּ, וואָס מען האָט זיי קיינמאָל ניט געקאָנט כאַפּן באַ אַ גרייז; אָדער גאָר רייכע יונגען, וואָס זייערע טאַ־טעס האָבן „געשמירט", געגעבן כאַבאַר.

קומט פינסקי צו די עקזאַמענס און גלייך מיט אים אויך אַ לעט מיטן נאָמען בעזופאַרדיס. בעזופאַרדיס קלינגט אידיש און דער לעט האָט טאַקע אויסגעקוקט ווי אַ איד: אַ געבויגענע נאָז, שוואַרצע געקרייזלטע האָר — אַ טיפּישער איד. דער נאָמען דאַוויד פינסקי קלינגט עפּעס יאָ אידיש און ניט אידיש. גיכער קלינגט עס פויליש, און דודס אויסזען איז אויך ניט אינגאַנצן קיין אידישער.

דער עקזאַמענאַטאָר האָט געוואוסט, אַז אין זיין גרופּע געפינט זיך אַ אידיש אינגל. ער האָט אָבער ניט געוואוסט ווער ער איז. זיין אויג איז געפאַלן אויפן לעט.

נו, נו, האָט זיך דאָס אינגל אָנגעליטן. מען האָט אים פאַרמוטשעט אויף טויט. וואָס פאַר אַן ענטפער דער יונג האָט געגעבן האָט אַלץ ניט געטויגט. ס'איז געווען אַ צער צו קוקן אויף אים. פינסקין האָט דער לערער ניט באַלעסטיקט. געפרעגט, געענטפערט, פאַרשריבן און פאַרטיק.

ס'איז שווין דער לעצטער טאָג פון עקזאַמען. דודס האַרץ איז פול מיט פרייד. ער האָט זיכער אויסגעהאַלטן. איין געגנשטאַנד איז נאָך גע־

בליבן — קאָמפּאָזיציע. שרייבן קאָמפּאָזיציע אויך אַ קונץ! אין שרייבן איז ער דאָך ווי אַ פיש אין וואַסער.

פינסקי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט צוגעטראָגן די קאָמפּאָזיציע צום עקזאַמענאַטאָר.

דעם לערער איז עפּעס אַריין אין נאָז. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאַפּיר, אַ קוק געטאָן אויפן אינגל און גערעדט צו זיך: דאַוויד פּינסקי, דאַוויד פּינסקי — אַ, קליינער, — האָט ער זיך אָנגערופן ביטער, — דאָס ביסטו גאָר דאָס אידל?

דעם יונג איז געוואָרן קאַלט און וואַרעם. ער האָט געענטפערט:

— יאָ, מיין הער, איך בין אַ איד.

— נו, האָסטו אידישן מזל, — האָט דער עקזאַמענאַטאָר געענטפערט, —גיי!

פּינסקי האָט די עקזאַמענס אויסגעהאַלטן, בעזפאָרדיס איז דורכגעפאַלן, אָבער די ווערטער: „דאָס ביסטו גאָר דאָס אידל" האָבן דעם אינגל אויסגעניכטערט. מיט קינדערישן ברען האָט ער זיך געגעבן אַ שבועה:

יאָ, איך בין דאָס אידל, און איך וועל בלייבן אַ איד!

ער האָט אויפגעהערט חלומען צו ווערן אַ רוסישער שרייבער, ער האָט אָנגעהויבן טרוימען פון שרייבן אידיש פאַר אידן...

## די ערשטע באַגעגעניש מיט י. ל. פּרץ

אין 1891 גייט אַרויס „די אידישע ביבליאָטעק" רעדאַקטירט פון י. ל. פּרץ. פּינסקי איז דאַן געווען אין וויטעבסק. ער איז אַלט געווען ניינצן יאָר. ס'איז געווען נאָכדעם ווי אידן זייען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מאָסקווע. זיין פאָטער איז געווען פון די אַרויסגעטריבענע.

ס'איז געווען אַ טרויעריקע צייט פאַר דער אידישער יוגנט. ס'איז געבליבן נאָר איין טריסט — די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. באַאיינפלוסט פון דער רוסישער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", איז צווישן דער אידישער יוגנט געוואָרן אַ שטאַרקע באַוועגונג „צוריק צום פאָלק". „מיר האָבן געחלומט", דערציילט פּינסקי, „וועגן שאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק זאָל פאַרשטיין, אַ ליטעראַטור אין אידיש.

אין מיטן דערינען דערהאַלט מען אין וויטעבסק די „אידישע ביבליאָ־טעק" רעדאַקטירט פון י. ל. פרץ.

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ שטורם פון באַגייסטערונג צווישן די וויטעב־סקער ארבעטער און אינטעליגענטן. י. ל. פרץ שרייבט:

„מיר ווילן בילדן דאָס פאָלק, מאַכן פון נאַראָנים — קלוגע, פון פאַ־נאַטיקער — געבילדעטע מענטשן, פון ליידיקגייער און לופט־שלינגער — אַרבעטער; נוצלעכע, אָרנטלעכע מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר זיך, און דעם פאָלק קומט דערפון אַרויס אַ טובה". דאָס זיינען יווערטער!

היינט פרצעס דערציילונגען און לידער!

דריי זיינען זיי געווען: מאַכלין, שיינקין און פינסקי. דריי יונגע, פייערדיקע בחורים. זיינען זיי געגאַנגען איבער די גאַסן פון וויטעבסק און גערעדט פון פרצן מיט גרויס באַגייסטערונג.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער זיינען מאַכלין און פינסקי דורכגעפאָרן וואַרשע. ריידן זיי צווישן זיך:

— ווי פּאַסט עס דורכפאָרן וואַרשע און ניט אַריין זען פרצן?

כאַפּן זיי זיך אַראָפּ פון באַן און לויפן זען דעם דיכטער.

ס'איז געווען אַ קאַלטער, כמאַרנער פאַרנאַכט. אַ רעגן האָט אָנגע־הויבן זיפן.ביידע זיינען געגאַנגען מיט אויפגעשטעלטע קאָלנערס און איינגענורעטע קעפּ צו „צעגלאַנע" נומער איינס — די גאַס וואו פרץ האָט געוואוינט. זיי האָבן אָנגעקלונגען. אַ פּויליש דינסטמיידל האָט געעפנט די טיר. די יונגען האָבן געפרעגט צי זיי קאָנען זען פרצן.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט פריינטלעך, — קומט אַריין.

קאַנטיק, אַז געסט זיינען ניט קיין נאָווינע אין הויז.

זי האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ היפשן צימער. ס'איז שוין געווען גאַנץ טונקל. לעבן אויוון איז געשטאַנען אַ האַלב גרויער מאַן און זיך געוואַרעמט.

די יונגען זיינען געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט.

— וואָס דאַרפט איר, יונגעלייט? — האָט דער מאַן געפרעגט.

— מיר האָבן געוואָלט זען פרצן, — האָבן זיי ביידע אַרויסגעשאָסן.

— איך בין פרץ, — האָט דער גרויער מאַן געענטפערט רואיק.

די דינסט האָט אַריינגעבראַכט אַ לאָמפּ און הייסע טיי. אַלע דריי האָבן זיך געזעצט אַרום טיש. פּרץ האָט אָנגעהויבן ריידן. ס'זיינען פאַרשוואונדן די גרויע האָר, ס'איז פאַרשוואונדן דער מיטליאָריקער מאַן, וואָס וואָרעמט זיך בײַ דעם אויוון. ס'איז געזעסן אַן אומרואיקער רעוואָלוציאָנערער דיכטער, וואָס האָט געהאַט גאָר גרויסע פּלענער.

די יונגען זיינען אַרויס פון הויז דערהויבענע, דערפרישטע. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ לאַנג־יאָריקער פריינטשאַפט. צוויי יאָר שפּעטער האָבן ביידע צוזאַמען, פּרץ און פּינסקי, אָנגעהויבן אַרויסגעבן די יום־טוב בלעטלעך, וועלכע האָבן געלאָזן אַזעלכע טיפע שפּורן אין דער אידישער ליטעראַטור.

## אַ באַגעגעניש

פּינסקי האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע. ער האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן „די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן". עס זיינען געווען אַזעלכע קאָמיטעטן אין ווילנע, וויטעבסק, מאָהיליעוו און אַנדערע שטעט. זייער צוועק איז געווען צו פאַרשפּרייטן די נייע אידישע ליטעראַטור. די קאָמיטעטן האָבן צוגעשיקט גאַנץ היפּשע סומעס פאַר די „יום־טוב בלעטלעך". פּינסקי פלעגט זייער אָפט זיך דורכפאָרן אויף אַ פּאָר טעג אין איינער פון די שטעט. אין וויטעבסק האָט ער געהאַט אַ מאָדנע באַגעגעניש.

ער איז געגאַנגען אין גאַס און געזען אַ בלינדן אַלטן מאַן. דער בלינדער איז געגאַנגען און געטאַפּט מיטן שטעקן. זיין געשטאַלט האָט פּינסקין אויסגעקוקט באַקאַנט. ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט צום בלינדן. יאָ, דאָס איז דאָך משה, זיין ערשטער גמרא־מלמד. פּינסקי איז צוגעגאַנגען צום אַלטן און געזאָגט:

— שלום עליכם, רבי!

— און ווער ביסטו, — האָט געפרעגט דער אַלטער.

— איך בין דוד שרה שפרהס, פון מאָהיליעוו.

—אַזוי, דאָס ביסטו דודל שרה שפרהס? אַי, דו דאַרפסט שוין זיין אַ גרויסער בחור. נו, וואָס איז פון דיר אויסגעוואַקסן? האָסט דאָך געהאַט אַ פייערדיק קעפּל. איך געדענק נאָך ווי היינט. דו ביסט געזעסן אויפן טיש

און דיין מאַמע האָט דיר אַנגעטאָן דיינע שיכלעך. דו ביסט אַזוי קליין, אַז דו קאָנסט נאָך זיי אַליין ניט אָנטאָן. טוט זי דיר אָן די שיכלעך און דו זאָגסט תורה. טייטשט אויס אַ פסוק אין תהילים. ס'איז געווען ווערט צו פאַרשרייבן, גאַר ווי ניט פון אַ קינד. האָב איך עס פאַרשריבן. ס'איז געווען הפלא ופלא (וואונדער איבער וואונדער), זאָג איך דיר.

און פינסקי האָט אים געפרעגט:

— האָט איר עס נאָך, רבי?

— אוודאי האָב איך עס. איך היט עס ווי אָן אויג אין קאָפּ.

— קאָנט איר עס מיר ווייזן, רבי? ס'איז מיר טשיקאַווע זען, וואָס פאַר אַ תורה איך האָב געזאָגט ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר זעקס.

— וואַרט אַ ווײַלע, — האָט געזאָגט דער אַלטער, — קום נאָר אַהער. פינסקי איז צוגעגאַנגען.

דער אַלטער האָט אים באַטאַפּט. אַ פיר געטאָן מיטן האַנט איבערן פינסקיס פּנים און האָט זיך פאַרקרימט:

— גיי, גיי, יונגאַטש. דו ביסט דאָך אָן אַ באָרד, אָן פּיאות. ביסט דאָך מסתם אויך איינער פון די „ציציליסטן", וואָס גלויבן ניט אין גאָט. גו, גיי זיך, דו ביסט ניט ווערט זען די תורה, וואָס דו האָסט געזאָגט מיט דיין ריינעם, כשרן, קינדישן מויל.

פינסקי איז געבליבן שטיין אַ פאַרלאָרענער. דער אַלטער איז אַוועק, קלאַפּנדיק מיט זיין שטעקן.

## אַמאָליקע הילפלאָזיקייט פון די אַרבעטער

דער עלטערער דור האָט פון דעם יונגוואַרג ניט געהאַלטן. דער אַרבעטער איז געווען הילפלאָז. ס'איז שווער זיך אויסצומאָלן אונטער וואָס פאַר אַ אומשטענדן די אידישע יוגנט האָט געטאָן איר אַרבעט. ס'זיינען ניט געווען קיין לאָקאַלן, וואו זיך צוזאַמענצוקומען. דער איינציקער פּלאַץ איז געווען דער בית מדרש. גיי אַגיטיר דאָרטן סאָציאַליזם. דער אַרבעטער האָט אויך ניט געהאַט קיין צייט אײַנמיטן וואָך. זומער האָט ער געאַרבעט פון פינצטער ביז פינצטער, ווינטער — ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער איינציקער פרייער טאָג איז געווען שבת.

מען פלעגט אויסנוצן דעם שבת. מען פלעגט זיך פאַרקלייבן ערגעץ אין אַ צימערל באַ איינעם פון די אַרבעטער; אין אַ קליין צימערל וואו עס פלעגן קאָנען זיצן באַקוועם פינף, זעקס מענטשן, פלעגן זיך אָנפּאַקן פערציק, פופציק מענטשן. מען פלעגט שטיין צוזאַמענגעפּרעסטע, קאָפּ אויף קאָפּ. אויפן טיש, אויפן בעט, דריי פיר אויף אַ שטול, אויף די פענצ־טער. דער אַגיטאַטאָר פלעגט שטיין צוזאַמענגעקוועטשט אין מיטן, אַ ביכל אויף אַ חברס פּלייצע און לייענען און דערקלערן אַ קאַפּיטל קאַרל מאַרקס.

שטייט פינסקי איינמאָל אַזוי אין אַ צימערל און טייטשט אויס גאַנץ פייערדיק דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". הערט זיך מיטאַמאָל אַ קלאַפּ אין טיר און באַלד אַ זידל וואָרט. מען עפנט. עס גייט אַריין דער הויז־וועכטער און צעשרייט זיך:

— איר אַזוינע און אַזוינע, וואָס מיינט איר, זיך מאַכן דאָ גאַנצע פאַר־זאַמלונגען און ריידן אַנטקעגן גאָט און קייסער? באַלד, טאַקע באַלד רוף איך די פּאָליציי.

טרעט אַרויס איינער פון די פאַרזאַמלטע, הויבט אויף אַ האַנט און פאַרפאַרט אים גלייך אין פּנים אַריין, וואַרפט אים אַרויס פון צימערל און אין פינצטערן קאָרידאָר זאָגט ער צו אים:

— נאַ, אָט איז אַ רובל פאַר דיר. (אַ רובל איז דאַן געווען גאָר אַ היפּשע מטבע). מיר זיינען וואוילע יונגען, ווערסטו זיין אַ מענטש, קריגסטו אַ רובל יעדע וואָך. ווערסטו זיך אָבער אָנהויבן מיט דער פּאָליציי, געדענק זשע, ביסטו ניט זיכער מיטן לעבן. אַ מסורס לעבן איז באַ אונדז ניט ווערט קיין שמעק טאַבאַק.

דער הויז־וועכטער האָט זיך גענומען צלמען:

— גאָט איז מיט דיר, הרגע מיך ניט, גיב בעסער אַ רובל יעדע וואָך.

אַ לאַנגע צייט איז יענע וואוינונג געווען אַ זיכערע. אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט מען געביטן דעם הויז־וועכטער און מען האָט געדאַרפט זוכן אַ נייע דירה.

פאַרשטייט זיך, אַז גאָר לאַנג האָט פינסקי קיין אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער ניט געקאָנט אָנפירן. די רוסישע פּאָליציי האָט אים גענומען פאַר־פאָלגן. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד. אָבער דאָס, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

# אַברהם רייזען

לויט מינדלעכע מיטטיילונגען און רייזענס ווערק.

# אַברהם רייזען

אברהם רייזען איז געבארן געווארן אין 1876 אין קאידענאוו, רוסלאנד. זיין פאטער קלמן איז געווען אַ תבואה סוחר, אַ איד אַ משכיל, מע האט אים געהאלטן פאר דעם שטעטלשן פריידענקער. דער יונגער רייזען האט געקראגן זיין דערציאונג אין א חדר באַ זיין פעטער ר׳ הירש למדן. דער פאטער האט מיט אים געלערנט העברייאיש, רוסיש און דייטש.

אברהם רייזען האט אנגעהויבן שרייבן פרי, ווען ער איז אלט געווען אַ יאר ניין.

אין 1891, ווען רייזען איז נאך קיין פופצן יאר נית אלט געווען, האט זיך אפגעדרוקט זיינס אַ ליד אין דער „אידישער ביבליאטעק", וואס איז ארויסגעגעבן געווארן פון י. ל. פרץ. א האלב יאר שפעטער איז ער אפגעפארן קיין מינסק.

אין מינסק האט ער זיך זייער שטארק געפלאגט, כדי פארדינען עפעס האט ער אנגעשריבן א דערציילונג און עס אפגעשיקט קיין ווילנע צום ארויסגעבער מ״ץ, וואס האט געדרוקט מעשה־ביכלעך. די דערציילונג איז פארעפנטלעכט געווארן אין א באזונדער ביכעלע אונטערן נאמען „א כפרה די נאז, אבי אַ גאלדענער זייגער מיט 300 רובל נדן".

רייזען האט געשיקט לידער צו שלום עליכמען פאר זיין צייט־שריפט „קול מבשר". שלום עליכם האט אים געענטפערט מיט א באגייסטערטן בריוו און צוגעשיקט די לידער קיין פילאדעלפיע, אמעריקע, צו א אידי־שער צייטונג, די לידער זיינען אפגעדרוקט געווארן אונטערן טיטל „טרויע־ריקע מאטיוון, געווידמעט ארימע לייט". די לידער האבן געמאכט דעם דיכטער אַ נאמען אין אמעריקע.

רייזען האט אנגעשריבן צענדליקע בענד דערציילונגען און לידער, חוץ דעם האט ער רעדאקטירט זשורנאלן אין פאריז, קראקע, און ניו יארק.

אין 1914 איז רייזען געקומען צום דריטן מאל קיין אמעריקע, באזעצט זיך אין ניו־יארק, וואו ער וואוינט אויך איצט.



אַברהם רייזען

## דער פּאָטער, קלמן מאָשע קלמנס

שבת פּאַרנאַכט. דאָס גאַנצע שטעטל איז אין שול. ס'איז די צייט ווען מען זאָגט תהילים. אַ איד שטייט פאַרן עמוד און זאָגט פיר, הויך אויפן קול, אַ פּסוק פון תהילים און אַלע זאָגן איבער דעם פּסוק מיט אַ ניגון.

ס'איז גוט פינצטערלעך. מען זאָגט דעם תהילים אויף אויסווייניק. מען זאָגט מיט אַ האַרציקן, טרויעריקן ניגון. די פענצטער פון דער שול זיינען אָפן. טראָגט זיך דער ניגון אַרויס און דערגרייכט צו די אויערן פון אַ אינגל, וואָס שטייט באַהאַלטן אין פאַרהויז פון זיין טאַטנס שטוב. דאָס אינגל איז צעשראָקן: אַלע אידן זיינען אין שול און זאָגן תהילים, טוען תפילה צו גאָט, און זיין טאַטע איז אין דער היים, שטייט גאָר באַם פענצטער און לייענט מיט אַ ניגון פון תהילים דייטשישע לידער פון שילער און געהטע.

עס באַפאַלט דעם אינגל אַ שרעק. גאָט וועט דאָך ניט פאַרשווייגן דעם טאַטנס זינד. דער טאַטע וועט דאָך גוט באַשטראָפט ווערן אויף יענער וועלט. מען וועט אים שמייסן מיט אייזערנע ריטער. דאָס אינגל וויינט אין זיך: ווי ראַטעוועט מען דעם טאַטן פון אַזאַ אומגליק?

ס'איז געוואָרן גוט פינצטער. דער ניגון אין שול האָט זיך איינגע-שטילט. דער טאַטע האָט פאַרמאַכט דאָס ביכל און אָנגעהויבן זיך קלייבן אין שול. דאָס אינגל האָט פריי אָפּגעאָטעמט. דער טאַטע איז נאָך ניט אַזוי שטאַרק זינדיק, ער גייט דאָך אין שול. אין שול האָט ער נאָכגעקוקט דעם טאַטן צי ער דאַוונט. יאָ, ער דאַוונט טאַקע. באַם אינגל איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

אויף מאָרגן האָט דאָס אינגל ווייטער געכאַפּט דעם טאַטן באַ אַן עבירה. ס'איז געווען גאַנץ פרי. מען האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און די מאַמע האָט צוגעשטעלט קאָכן קאַרטאָפל. דער טאַטע האָט אָנגעטאָן טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאַוונען. די מאַמע האָט זיך געפּאַרעט אַ ווײַלע אין שטוב און איז אַרויס אין מאַרק. ווי נאָר די מאַמע איז אַרויס

פון שטוב, האָט דער טאַטע אויסגעטאָן טלית און תפילין און זיך געזעצט באַם טיש און זיך פאַרטיפט אין אַ דייטש ביכל. דאָס אינגל אברהמל איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער. דער טאַטע האָט דאָך גאָרניט געדאַוונט! שפּעטערצו האָט דאָס אינגל זיך נאָך מער דערשראָקן: ער וואָלט גע־שוואוירן, אַז ווען דער טאַטע האָט זיך געוואַשן עסן האָט ער ניט געזאָגט קיין „שאו ידיכם", אַזאַ תפילה וואָס מען זאָגט באַם וואַשן די הענט.

דאָס אינגל איז געזעסן באַם טיש און זיך געוואָרגן מיטן ביסן. ווײַ, ווײַ, ווי זינדיק דער טאַטע איז. ווײס ער ניט, אַז גאָט וועט אים באַשטראָפן?

אַ גאַנצן טאָג איז דאָס אינגל אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי נאָכן טויט זיצן אַלע, ער, אברהמל, די מאַמע, די ברידער און שוועסטער, אין גן עדן. זיי עסן טײַערע פישן און גוטע פליישן. גייען אָנגעטאָן אין גאָלד און זיידנס. איבער זיי, די בלויקייט פון הימל און העלקייט פון דער זון. יעדער האָט, וואָס זיין הארץ גלוסט, ער דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט ווערט זיין פאַרלאַנג דערפילט. מלאכים שוועבן אַרום גרייט יעדן צדיק צו באַדינען. אָבער ערגעץ טיף אין דער ערד ברענט אַ שטענדיק פייער. דאָרטן שטראָפט מען די זינדיקע. לאַפּיטוטן מיט לאַנגע עקן לויפן אַרום מיט אָנגעברענטע אײַזערנע ריטער. מען שלאָגט, מען שמײַסט, אַלע די וואָס זײַנען אויף דער וועלט ניט געווען פרום. און דאָס אינגל באַשטימט באַ זיך: ניין, ער וועט ניט לאָזן דעם טאַטן אָפּקומען אויף יענער וועלט. ער וועט אים ראַטעווען פון גיהנום.

דאָס אינגל שפּילט פאַנאַנדער זיין רעקל, נעמט אָן אַ ציצה פון טלית־קטן. מיט דער ציצה אין האַנט פאַר אָן עדות, שענקט ער אַוועק זיין אייגענעם חלק עולם הבא (יענע וועלט) דעם טאַטן. דאָס אינגל באַרואיקט זיך, וויפיל דער טאַטע וועט ניט זינדיקן, וועט ער אַלץ האָבן אַ חלק אויף יענער וועלט...

אין אָוונט פאַרן שלאָפן, לייענט דאָס אינגל קריאת שמע, די תפילה פאַרן שלאָפן גיין. ער לייענט פרום, ציילט די ווערטער. ער זאָגט „אין דיינע הענט גיב איך איבער מיין נשמה", און שטעלט זיך אָפּ אַ דערשראָ־קענער. ער גייט שלאָפן און ער גיט איבער גאָט די נשמה. ווי, אַז גאָט וועט ניט וועלן אומקערן אים צוריק די נשמה אין דער פרי פאַרן אויפשטיין? ווי, אַז גאָט וועט וועלן, אַז ער, אברהמל, זאָל גאָר שטאַרבן היינטיקע נאַכט אין שלאָף? ער וועט שטאַרבן און קומען פאַר גאָט אַ נאַקעטער

אַן מצוות. (גוטע טאָטן). אַ נאַקעטע נשמה, וואָס האָט קיין איין מצוה ניט, לאָזט מען ניט אַריין אין גיהנום אפילו. און ער, אברהמל, וועט דאַרפן זיין אין כף הקל, (קאַפּהאַקאַל), אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט אַן אַ ציל. שטענדיק זיך אַרומשלעפּן איבער אַלע וויסטענישן, וואו טאָגן ניט נעכטיקן. אַ שוידער באַפאַלט דעם אינגל, און ער ברעכט אויס אין אַ געוויין. די שטוביקע דערשרעקן זיך. מען לויפט צו צום קינד, מען הויבט אים אָן אויספרעגן, וואָס טוט אים וויי. דאָס אינגל ענטפערט ניט. ווי קאָן ער זיי דערציילן דעם אמת וועגן טאָטן ? אַלע וועלן זיך דערוויסן, אַז דער טאַטע איז אַ זינדיקער. פאַרגייט זיך דאָס אינגל אין אַ גרעסערן געוויין און ענטפערט ניט.

קוים מיט צרות געלינגט דעם טאָטן, אין דער שטיל, אַרויסצוקריגן פון אינגל דעם אמת.

דער טאַטע לאַכט זיך אויס פון אינגלס שרעק. ער גיט זיך אַזוי שפּאַסיק אַ זאָג:

— איך גיב דיר צוריק דיין חלק פון יענער וועלט און מיינעם אויך.

דאָס אינגל שעפּטשעט שטיל:

— דיין חלק וויל איך ניט. דיינעם ניט, און מיינעם וויל איך אויך ניט צוריק אינגאַנצן. נאָר אַ העלפט נעם איך צוריק, איך זאָל ניט קומען קיין נאַקעטער אויף יענער וועלט.

דאָס אינגל ענדיקט לייענען קריאת שמע און שלאָפט איין מיט אַ קינ־דערישן, געשמאַקן שלאָף.

דאָס אינגל אברהמל איז דער איצטיקער באַרימטער שרייבער אברהם רייזען. ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר זעקס.

## דאָס אינגל מאַכט נאָך דעם טאַטן

אברהמעלעס טאַטע איז געווען אַ קליין־הענדלער, געהאַנדלט מיט פלאַקס, האָבער, וויין; אויפגעקויפט פון די פּויערים אין מאַרק, דערנאָך עס פאַרקויפט צו די גרויסע הענדלער. און זיי פלעגן די סחורה עקספּאָר־טירן קיין אויסלאַנד. די גרויסע סוחרים האָבן געוואוסט, אַז די קליינע מאַרק־הענדלער האָבן ניט קיין אייגענעם קאַפּיטאַל, אַז זיי דרייען זיך מיט

געבאָרגט געלט, פלעגן די גרויסע סוחרים צאָלן דעם קלענסטן פּרייז פאַר דער סחורה, וואָס מען האָט זיי געבראַכט. זיי האָבן געוואוסט, אַז דער קליינער הענדלער האָט קיין אַנדער ברירה ניט, מוז אומקערן דאָס געבאָרגטע געלט צו דעם באַשטימטן טאָג און קאָן די תבואה לאַנג ניט האַלטן.

אברהמעלעס טאַטן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. ער איז געווען אַ לייענער פון „הצפירה", אַ העברייאישע צייטונג. און אין דער צייטונג איז געווען אַ רובריק „האַנדל", דאָרטן פלעגט אָנגעגעבן ווערן ווי דער מאַרק פון תבואה האַלט אין קעניגסבערג, דייטשלאַנד, וואוהין מען האָט עקספּאָרטירט די סחורה. פלעגט אברהמעלעס טאַטע קומען מיט פּאַרדרוס צום גרויסן סוחר און טייטלען מיטן פינגער:

— נאָט, זעט. איר זאָגט, אַז קאָרן האַלט נידעריק, שוואַך. איר באַט מיר אַן אַזאַ פּרייז, אַז איך דאַרף נאָך צולייגן צו מיין האַנדל, און דאָ אין דער צייטונג שטייט, אַז קאָרן אין קעניגסבערג איז פעסט.

דער סוחר זיצט זיך רואיק אויף זיין ווייכער טול, רויכערט דעם גראָבן ציגאַר און ענטפערט געלאַסן:

— איך וויל איר זאָלט וויסן, ר' קלמן, אַז דאָ אין שטעטל שטעל איך דעם מקח (פּרייז) ניט די „צפירה". ווילט איר, פאַרקויפט. ניט, האַלט עס ביז עס וועט טייערער ווערן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער גרויסער סוחר האָט אויסגעפירט. קלמן האָט די סחורה ניט געקאָנט האַלטן.

איינמאָל האָט אברהמעלעס טאַטע זיך פאַרמאָסטן אויף אַ קאַמף מיט די גרויסע סוחרים. ער האָט געפּלאַנעוועט אָנצוזאַמלען אַ גאַנצן וואַגאָן פלאַקס, און אַליין, אָן אַ פאַרמיטלער, עקספּאָרטירן עס קיין קעניגסבערג. אָבער אַ גאַנצער וואַגאָן פלאַקס איז אַן אוצר מיט געלט. ווי קאָן ער עס אַליין באַווייזן? האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט נאָך עטלעכע קליינע סוחרים און געמאַכט מיט זיי שותפות.

אָבער איינקויפן אַ גאַנצן וואַגאָן פלאַקס איז אפילו פאַר פינף קליינע הענדלער אַ שווערע זאַך. עס האָט גענומען שיינע עטלעכע וואָכן ביז עס האָט זיך באַ זיי אָנגעזאַמלט אַ גאַנצער וואַגאָן. דערוויל איז פלאַקס געפאַלן, און דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ.

— וואָס האָב איך געהאַט צו פיר בלוטיקע אָרימע לייט? — האָט ער גערעדט צו זיך, — איך האָב זיי דאָך אומגליקלעך געמאַכט.

ער האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן צו די גרעסערע סוחרים און זיך געבעטן. — נעמט צו די פלאַקס, איך וועל פאַרלירן מיין חלק, אָבער לאָמיך ראַטעווען פרעמד געלט.

די גרויסע סוחרים האָבן זיך אָבער ניט געאיילט. זיי האָבן געוואָלט אָנלערנען א אידן אַ שייגעץ; און פון ערגערניש איז קלמן געוואָרן אומרואיק, און איז ניט געשלאָפן קיין נעכט.

דער קליינער אברהמל פלעגט אינמיטן נאַכט הערן, ווי דער טאַטע קרעכצט. דאָס אינגל פלעגט הערן ווי דער טאַטע שפּרייזט אַרום אַהין און צוריק אין סאַליע, רויכערט איין ציגאַרעט נאָך דעם אַנדערן, און קאָן ניט שלאָפן ; דאָס אינגל האָט אויך ניט געקאָנט שלאָפן.

אינדערפרי איז דער טאַטע געזעסן באַם טיש און געטרונקען הייסע טיי. צוגערופן דאָס אינגל צו זיך :

— נאָ, זע, אברהמל, איך האָב אָנגעשריבן א נייעם שיר (ליד) ביינאַכט.

דאָס אינגל האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן, אין אַזאַ שלעכטער צייט פאַרגעסט דער טאַטע אַלע צרות און שרייבט גאָר שירים.

אברהמל האָט אָנגעהויבן נאָכמאַכן דעם טאַטן. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. דער טאַטע האָט געשריבן אין העברייאיש, דאָס אינגל — אין אידיש. אָט איז איינע פון אברהמלס קינדערישע לידער :

## „דער אָרימאַן"

„ווער פאַרשטייט נאָר און ווייס
ווי דעם אָרימאַן איז שלעכט.
ער האָרעוועט מיט שוויס
ער שלאָפט ניט קיין נעכט.
אויף זיין ביטערן שיקזאַל
טוט ער נעבעך קלאָגן,
וואָס ער איז פאַרגעסן פון אַל (אַלעמען)
און טוט נאָר צרות טראָגן".

דאָס ליד האָט אברהמל אנגעשריבן ווען ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין צען יאָר.

א ב ר ה ם  ר י י ז ע ן

# אָרימקייט און טרוימען

אברהמל איז געווען אַ שטיפער, די גאַנצע גאַס איז געווען מיט אים פול. ער האָט געוויזן קונצן. איינמאָל איז ער אַרויף אויפן בוידעם פון זיין שטיבל און אַראָפּגעשפּרונגען. די שטוביקע זיינען אַרויסגעלאָפן צע־שראָקענע אויף טויט, זיי האָבן געמיינט אַז דאָס אינגל איז אַראָפּגעפאַלן פון בוידעם. אברהמל האָט זיך אָבער אויפגעהויבן ווי ניט אים מיינט מען, און איז אַנטלאָפן.

שבת פלעגט זיך דאָס אינגל אָפּט אַריינגנבענען אין שול און אָפּטאָן אַ שפּיצל דעם אונטער־שמש. אברהמל האָט ניט גוט געלעבט מיטן אונטער־שמש. דער אונטער־שמש איז געווען אַ האַלב שטומער, אַלטער בחור, און איז שטענדיק געווען בייז. קיינמאָל איז אים ניט געפעלן געווען ווי אַ אינגל שטייט, גייט, אָדער דאַוונט. אַלעמאָל געבייזערט זיך מיטן האַלב שטומען צונג. אברהמל האָט אים ניט געקאָנט פאַרליידן. וואָס אַרט דעם אונטער־שמש, אַז אינגלעך פאַרקלייבן זיך הינטערן אויוון און דערציילן זיך שטיל מעשות? וואָס טרייבט ער זיי? אָדער וואָס אַרט אים, אַז אַ אינגל הויבט אָן נאָכמאָכן איינעם פון די שיינע באַלעבאַטים, און אַלע אינגלעך שטיקן זיך פון געלעכטער?

דערפאַר פלעגט טאָקע אברהמל גאַנץ אָפּט אין אַ שבת בייטאָג זיך אַריינגנבענען אין שול אַריין, איבערקערן די שטענדערס, אָנשפּאַרן איין שטענדער אָן דעם אַנדערן, דערנאָך אַ שלעפּ טאָן דעם לעצטן שטענדער, פלעגן אַלע שטענדערס אומפאַלן מיט אַזאַ בראַזג, אַז די שול פלעגט אַ ציטער טאָן. דער אונטער־שמש, וואָס איז געשלאָפן אויבן אין דער ווייבערשער שול, פלעגט זיך אויפכאַפּן און אויסשרייען אויף זיין האַלב שטום לשון:

— וואַד, דון, טעטעטעט! (גוואַלד אידן, ראַטעוועט!)

אברהמל איז שוין אָבער געווען אויף דער צענטער גאַס.

שטענדיק נאָך אַזאַ שטיפעריי פלעגט דאָס אינגל אַריינפאַלן אין אָן אומעט, האָט גערעדט צו זיך:

— „איך האָב אומזיסט און אומנישט אימיצן ווי געטאָן". צו פאַר־טרייבן זיינע געדאַנקען האָט ער געזונגען זיינע אייגענע לידער מיט „מאָ־ראַלישע" מעלאָדיעס, וואָס ער האָט צו זיי צוגעפּאַסט, אויך אַנדערע, פרעמדע, וואָס ער האָט געקאָנט אויף אויסווייניק.

גאָר פרי איז דאָס אינגל געוואָרן אויס פרום. ער האָט געהיפּערט אָפּט אין דאַוונען. אָט פונקט ווי דער טאַטע זיינער. אָבער אין צוויי זאַכן האָט ער געגלויבט: אין עולם הבא (יענע וועלט) און אין משיחן.

ער האָט ליב געהאַט, אין אַ זומער טאָג, זיצן אין דער זון, קוקן אָט אַזוי גלאָט אין דער וועלט אַריין און חלומען פון דער צייט ווען משיח וועט קומען. ער זעט פון אַלע עקן וועלט ציען זיך מחנות. זיי קומען צו אַ גרויסן טייך. איבערן טייך זיינען צוויי בריקן. איין בריק אַן אייזערנער, און איין בריק אַ פּאַפּירענער. גאָט וועט זאָגן: „זאָל יעדער איינער אַריבער דעם טייך אויף וועלכן בריק ער וויל! די שלעכטע, די רשעים וועלן גיין איבערן אייזערנעם בריק. די פרומע, די צדיקים וועלן גיין איבערן פּאַפּירענעם בריק. דער אייזערנער בריק וועט איינפאַלן און אַלע שלעכטע מענטשן, אַלע רשעים וועלן דערטרונקען ווערן. דער פּאַפּירענער בריק וועט אויסהאַלטן, און אַלע פרומע, און אָרימע מענטשן וועלן אַריבערגיין דעם טייך בשלום.

אברהמלען פאַרדריסט, וואָס אַזויפיל מענטשן וועלן נעבעך דער־טרונקען ווערן. ער באַשטימט, אַז שטילערהייד וועט ער אַלעמען וואָרענען, אַז זיי זאָלן גיין איבערן פּאַפּירענעם בריק.

די אַלע מחנות חלומט דאָס אינגל ווייטער, וועלן קומען קיין ארץ ישראל, קיין ירושלים. אין ירושלים וועט קעניגן אַ אידישער קעניג. ער וועט רעגירן מיט גערעכטיקייט און איינזעעניש. די גאַנצע וועלט וועט זיך צוהערן צו זיין געבאָט.

פרידן וועט הערשן אויף דער וועלט. ס'וועט ניט זיין קיין אָרעם און קיין רייך, קיין גוי און קיין איד. די גאַנצע וועלט וועט זיין איין פאָלק, אַלע וועלן ריידן איין שפּראַך. יעדערער וועט פאַרשטיין די נויטן און פאַר־לאַנגען פון דעם אַנדערן, און עס וועט ניט זיין קיין שלעכטסקייט אויף דער וועלט.

גאַנץ אָפט האָט דאָס אינגל געחלומט פון יענער וועלט. ער האָט אפילו אין מיטן העלן טאָג געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אויף יענער וועלט. ער האָט נאָר געדאַרפט פאַרמאַכן די אויגן, האָט ער געזען:

אַלע אָרימע, דערנידעריקטע זיינען אויף יענער וועלט דערהויבן גע־וואָרן. זיי זיצן אין גן עדן, וואו אין יעדן ווינקל געפינט זיך אַכציק מאָל צען טויזנט בוימער. דער פּראָסטסטער בוים אין גן עדן שמעקט שענער פון

אַלע רויזן פון אונדזער וועלט. אין יעדן ווינקל זיינען דאָ זעכציק מאָל צען טויזנט מלאכים, וואָס זינגען מיט זיסע שטימעס אַ לויב צו גאָט. און אין מיטן גאָרטן שטייט דער בוים פון לעבן. זיינע צווייגן זיינען אויסגעשפּרייט איבער אַלע בוימער, און ער האָט הונדערט מאָל צען טויזנט פאַרשידענע פּרוכטן. דער געשמאַק און דער אַראָמאַט פון יעדער פּרוכט איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע פּרוכטן. איבערן בוים פון לעבן הענגען וואָלקנס וואָס האָבן אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן. פון די וואָלקנס בלאָזן ווינטן אויפן בוים פון לעבן און פאַרשפּרייטן די זיסע ריחות פון די פּרוכטן איבער גאָר דער וועלט. די מענטשן דאַרפן ניט עסן, דער אַראָמאַט פון די פּרוכטן מאַכן יעדן זאַט...

אין גן עדן געפינען זיך אַלע גוטע און פרומע מענטשן, אַלע אָרימע און דערנידעריקטע. אַלע, וואָס האָבן געליטן יסורים אויף דער וועלט.

דאָס אינגל האָט אַלץ געטרוימט פון משיחס צייטן און יענער וועלט, ווייל דאָס לעבן אַרום אים איז געווען אָרים און מיאוס. דעם טאַטנס געשעפטן זיינען געגאַנגען שלעכט. דאָס יונגע עלף־יאָריקע אינגל פלעגט דאַרפן אַרויסהעלפן דעם טאַטן אין האַנדל. ער פלעגט אַרומלויפן איבערן מאַרק זוכן באַקאַנטע פּויערים, וואָס האָבן געבראַכט תבואה אין שטעטל, און פּרובירן זיי ברענגען מיט די פורן צום טאַטן אויפן הויף. ער פלעגט דאַרפן צוזאָגן די פּויערים גאָלדענע בערג, און ריידן צו זיי מיט גלאַטע ריידעלעך. דאָס האָט אים זייער שטאַרק געערגערט. און די מאַמע האָט אין אַ מאַרק־טאָג געהאָלפן אין האַנדל: געוואויגן, געמאָסטן די תבואה און דאַך האָט אַלץ געפעלט אין הויז דאָס נויטיקסטע.

צו צוועלף יאָר האָט שוין אברהמל ניט געוואָלט פאָלן צו לאַסט אויפן טאַטן. אין יענער צייט האָט אברהמל זיך פאַרדונגען, פאַר פּסח, אין אַ פּאַדריאַד (אַ מצה בעקעריי). ער האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַ געהילפס רעדלער. ער איז אַוועק אין פּאַדריאַד, וואָס איז געווען ווייט פון זיין הויז, אַזוי אַז די שכנים זאָלן ניט זען, אַז אברהמל קלמנס אַרבעט אין אַ פּאַדריאַד ווי אַ געהילף רעדלער. טאָמער איז אַ שכן גראַד פאַרבייגעגאַנגען און דערזען אברהמלען שטיין באַם בלעך, האָט ער געקאָנט מיינען, אַז דאָס אינגל האָט זיך גלאַט אַזוי אַריינגעכאַפּט אויף אַ ווײלע אַ שטיף טאָן, ווייזן וואָס ער קאָן.

אין אַ פּאַדריאַד אַרבעט מען שפּעט און שווער. אָבער אפילו פון דער שווערער אַרבעט פון מצה רעדלערײַ האָט דאָס אינגל פּרובירט מאַכן אַ שפּיל. ער האָט געוועלדלט אַנדערש ווי אַלע אַנדערע רעדלער. ער האָט אויסגערעדלט קוויטן און בוימער אויף די מצות. דאָס אינגל איז געווען אין זיבעטן הימל ווען דער „זעצער" האָט אַרויסגענומען אַ מצה פון אויוון און זיך געשפּיגלט אין איר און אויסגערופן:

— זעט נאָר וואָס פאַר אַ גאָלדענע הענטלעך אברהמל האָט. די מצה קאָן מען דאָך ווייזן אויף אַ „וויסטאַווקע" (אויסשטעלונג).

## דאָס חדר און דער פעטער הירש למדן

אברהמל האָט, ווי אַלע אידישע אינגלעך, געלערנט אין חדר. אָוועקגיין פלעגט מען אַוועקגיין אין חדר פרי און קומען גאַנץ שפּעט אין אָוונט. ווינטער פלעגט מען לערנען ביז אַזייגער ניין אָדער צען אין אָוונט. געוויינטלעך איז דער רבי געווען אַ פאַרביטערטער. ס'האָט שטענדיק אויסגעפעלט דאָס נויטיקסטע אין הויז. די רביצן פלעגט מאַנען אויף דער הוצאה, דער רבי האָט ניט געהאַט, פלעגט ווערן אַ קריגערײַ, האָט ער אויסגעלאָזן זיין ביטער האַרץ צו די קינדער.

איינמאָל פּאַסירט, אַז דער רבי האָט אַ זעץ געטאָן אברהמלען מיט אַ שווערער גמרא און שיר ניט צעשפּאָלטן דעם אינגל דעם קאָפּ. דער טאַטע האָט טאַקע אים באַלד אָפּגענומען פון יענעם רבין. אָבער דאָך, געדענקט רייזען נאָר די פריילעכע זאַכן פון חדר. ער געדענקט, אַז ווינטער נאָך אַ טאָג און אָוונט לערנען פלעגן די קינדער גיין פון חדר מיט לאַמטערנעס אין די הענט און זינגען. אָרום און אָרום איז פינצטער, די הייזער שטייען מיט טויט־בלינדע פענצטער. די גאַסן זיינען שמאָל, דער הימל איז טיף און שוואַרץ. אין דער שטילקייט פון שטעטל הילכן די קינדערישע געזאַנגען. ווייניק לידער האָבן די קינדער געקאָנט, האָבן זיי יעדעס ליד איבערגעזונגען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. וואו ניט וואו איז נאָך אַ קראָם אָפן, אַ קרעמער זיצט אַ מידער, אַ פאַרשלאָפענער. די קינדערס געזאַנג וועקט אים אויף. דערמאָנט ער זיך: שוין צייט פאַרמאַכן דאָס קרעמל, ס'איז שוין שפּעט. די קינדער גייען פון חדר.

די קינדער זינגען אַלץ העכער און העכער, וואו ניט וואו ווינקט אַ פּייערל אין אַ פענצטער — אַ מאַמע וואַרט אויפן חדר אינגל.

אברהמל פאַלט אַריין אין הויז אַ פריילעכער, אַ דערוואַרעמטער. די מאַמע קומט אים אַנטקעגן מיט אַ טעפּעלע געקעכץ, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר אים אַנגעוואַרעמט, צווישן די קישנס.

זומער פאַרנאַכט. חברה לאָזט זיך אַרויס מיט אַ טומל, אַ געשריי. ס'איז נאָך ניט אינגאַנצן פינצטער. מען קאָן נאָך אַריינכאַפּן אַ שפּיל. מען שפּילט זיך „ציגעלע וואָלף", און „שלי שלך". אין „ציגעל וואָלף" בלייבט שטענדיק אברהמל דער לעצטער און אין „שלי שלך" איז ער דער גענעראַל און האָט די גרעסטע אַרמיי.

ווינטער, שבת בייטאָג. די אינגלעך זיינען פריי. חברה לאָזט זיך אַרויס גליטשן. לעבן שול איז אַ גרויסע בלאָטע. זומער שטייט די בלאָטע צוגעדעקט מיט אַ גרינעם יויער — אַזאַ פאַרשימלטע גרינס. מענטשן מיידן אויס די בלאָטע. דאָס וואַסער שמעקט ניט אַזוי גוט. מען רופט די בלאָטע מיטן העברייאישן נאָמען מצולה — טיפעניש. אין שטעטל רעדט מען אַז אַלע קראַנקהייטן נעמען זיך פון אָט דער בלאָטע. מען האָט זי געדאַרפט פאַרשיטן. וואו צו נעמען געלט אויף פאַרשיטן די בלאָטע איז ניטאָ. שטייט אַזוי דער זומפּ שוין יאָרן אין שטעטל און זומער איז עס אַן אומגליק; ווינטער אָבער איז אַ מחיה זיך צו גליטשן אויף דער מצולה. אברהמל קאָן ווייזן גאָר גרויסע קונצן. ער קאָן אויסגליטשן אַן אַכט. קאָן זיך אַ לאָז טאָן אויפן גליטש און בלייבן שטיין שמונה עשרה (שמוינעעסרע)—זיך גליטשן אין אַזאַ קליינעם קרייז, אַז עס זאָל זיך אויסדוכטן, אַז ער שטייט אויף איין אָרט. היינט אויף אויסרייבן אַ גליטש איז אברהמל געווען גאָר אַ מאַדים!

גאַנץ אָפט דערציילט דער רבי די קינדער מעשות. פאַרנאַכט בלייבט ער זיצן מיט זיי אין דער פינצטער און דערציילט מעשות. ער דערציילט פון פאַרכישופטע פּאַלאַצן, פון פאַרבאַרגענע היילן, פון שדים, וואָס טאַנצן אין פוסטקעס — פאַרלאָזענע ליידיקע הייזער. ס'איז שטיל און פינצטער, די קינדערישע הערצער קלאַפּן שנעלער. דער רבי דערציילט אַלץ שרעקלעכערע זאַכן. פּלוצים צעוויינט זיך אַ אינגל: איך האָב מורא: אַלעמען ווערט אומהיימלעך. אפילו די גרעסערע אינגלעך שרעקן זיך. דער רבי כאַפּט און צינדט אָן אַ ליכטל. עס ווערט ליכטיק אין שטיבל. די קינדער אָטעמען אָפּ פרייער — ניטאָ מער קיין שדים, קיין מכשפות און קיין גייסטער, דאָס

ליכט האָט זיי פאַרטריבן. שפּעטער, ווען אברהמל איז געוואָרן דער באַ־רימטער אידישער דיכטער, אברהם רייזען, האָט ער וועגן דעם אָנגעשריבן אַ ליד מיטן נאָמען „ליכט”.

אברהמל פלעגט וואָרטן מיט אומגעדולד אויף די שיינע, שרעקלעכע מעשות.

אפילו די טרוקענע גמרא פלעגט אברהמל אויסטייטשן אויף זיין אופן. אַט לערנט מען אַ שטיקל גמרא וואָס רופט זיך „מרובה”. אַ שווער שטיקל גמרא. דאָרטן ווערט גערעדט וועגן אַ גנב, וואָס מען האָט אים געכאַפּט ווען ער האָט געגנבעט אַ שעפּסעלע. שפּאַרן זיך די געלערנטע מענטשן אין דער גמרא צי דער גנב דאַרף באַצאָלן איינמאָל פאַרן שעפּסל, צי צוויי מאָל אַזויפיל ווי דאָס שעפּסל איז ווערט, אָדער מ׳דאַרף גאָר אים באַשטראָפן מיט פינף מאָל אַזויפיל. פאַרשטייט עס ניט אברהמל. וואָס שפּאַרן זיך אַזוי די געלערנטע וויפיל דער גנב דאַרף באַצאָלן. אַז אַ איד גנבעט איז ער דאָך אַן אָרימאַן, וואָס האָט ניט וואָס צו עסן. נעבעך אַן אָרעם מענטשעלע גנבעט אַ שעפּסעלע. שלעפּט עס אויף די פּלייצעס. דאָס שעפּסעלע מעקעט און בריקעט מיט די פיסלעך. אַ רחמנות אויפן אָרימאַן און אַ רחמנות אויפן שעפּסעלע. די קלוגע לייט פון גמרא שפּאַרן זיך מיט וויפיל צו באַשטראָפן דעם אָרימאַן, און פאַרשטייען ניט, אַז מען גנבעט ניט פון וואוילטיק. זאָלן זיי בעסער זען, אַז דער אָרימאַן זאָל האָבן וואָס צו עסן.

מען קאָן עס אָבער דעם רבין ניט פרעגן. ער וועט גאָר לאַכן און זאָגן: דו ביסט אַ פּויערישע קאָפּ, ס׳ליגן דיר אין זינען נאַרישקייטן.

לאַנג איז דאָס אינגל ניט געגאַנגען אין חדר. פריער האָט דער טאַטע אים אָפּגענומען פון חדר און מיט אים אַליין געלערנט. אַביסל שפּעטער האָט מיטן אינגל געלערנט זיין פעטער—הירש דער למדן. (לאָמדן מיינט א קע־נער, אַ געלערנטער, אַזוי האָט מען גערופן דעם טאַטנס שוואָגער).

באַ דעם פעטער הירש אין שטוב האָט דאָס אינגל געלערנט זיך פריי און גוט. דער פעטער האָט געלעבט אָרעם אָבער רואיק. ער האָט געצויגן זיין חיונה פון לערנען מיט געציילטע תלמידים. ער איז געווען פאַרנומען נאָר אויף אַ פּאָר שעה אין טאָג. די איבעריקע צייט האָט ער אַליין געלערנט און געלייענט. ער האָט שטענדיק אַריינגעקוקט אין אַ ספר. אויסער די גע־ווינטלעכע ספרים, וואָס אַ פרומער איד האָט אין הויז, האָט ער אויך פאַר־מאָגט „פעדאָן” פון מענדלסאָנען אין העברייאיש. ער האָט אויך געהאַט

עפעס אַ ביכל געשריבן פון אַ גלח און איבערגעזעצט אין העברייאיש. דער נאָמען פון ביכל איז געווען „די לערע פון יענער וועלט נאָך נאַטור געזעצן". ער האָט אויך פאַרמאָגט דעם „כוזרי" און „מורה נבוכים". שטענדיק האָט דער פעטער זיך געגריבלט אין די פילאָזאָפישע ביכער. ער אַליין האָט אויך געשריבן פילאָזאָפיע — אָדער ווי ער האָט עס גערופן אין העברייאיש „הגיונות". ער פלעגט שרייבן מיט אַ גענזענער פעדער אויף לאַנגע בויגנס פאַפיר. דער פעטער פלעגט זיצן לעבן דעם קאָמאָד, וואָס איז געווען אָפּגע־צוימט פון דעם גאַנצן הויז מיטן אַלמער פון ספרים, אַזוי אַז עס האָט אויסגעזען ווי אַ באַזונדער צימער פאַר זיך. ער איז געזעסן איבער דעם קאָמאָד, געצופּט דאָס בערדל און זיך געשאָקלט. אין האַנט די גענזענע פעדער און געציקלט פּערלדיקע אותיות. אָפט ווען ער האָט זיך פאַרטיפט אין אַ געדאַנק, האָט ער געוואָלט פאַררויכערן. רויכערן, האָט ער געזאָגט, מאַכט אים קלאָר די געדאַנקען. זיין ווייב, וואָס האָט אים זייער שטאַרק ליב געהאַט, און פאַרשטאַנען זיינע פאַרלאַנגען אויפן וואונק, האָט אים צוגעטראָגן אַ הייסע קויל אויף אַ טעלער, ער זאָל פאַררויכערן דעם פּאַפּי־ראָס. ער פלעגט אַזוי ניט קוקנדיק, בלינד פאַררויכערן דעם פּאַפּיראָס און זיך נאָך מער פאַרטיפן אין געדאַנקען.

דער פעטער האָט געהאַט אויך ביכלעך אין אידיש. ער האָט געהאַט דעם „ים הקרח", דער אייז ים, פון א. מ. דיקס, אַ קאַלענדאַר צוזאַמענ־געשטעלט פון מענדעלע מוכר ספרים, דעם זיידן פון דער אידישער ליטע־ראַטור. דאָרטן, אין קאַלענדאַר, איז געווען אַ באַשרייבונג פון אַ לופט באַלאָן. דער פעטער האָט געלייענט די באַשרייבונג און זיך געוואונדערט: אַה, אַה, דאָס ביכעלע איז דאָך אין „זשאַרגאָן" און אַזוי געשמאַק געשריבן. אברהמל, האָט אויך געפונען באַם פעטער אין אַלמער פון ספרים אַ געשיכטע ביכל, „די צעשטערונג פון ביתר", „הריסות ביתר", פון קלמן שולמאַן, און פון זעלביקן קלמן שולמאַן, זיין בוך „דברי ימי עולם", וועלט געשיכטע.

דאָס אינגל האָט געשלונגען יעדעס בוך, וואָס איז אים געקומען אונטערן האַנט. ער האָט איבערגעלייענט אַלץ וואָס ער האָט געקראָגן באַם טאַטן אין הויז און באַם פעטער. ער האָט אפילו אָנגעשפּאַרט אין שטיבל (אַ בית מדרש, אַ שול וואו חסידים דאַוונען). דאָרטן זיינען געווען גאָר עפּעס אַנדערע ספרים. געשריבן זיינען זיי געווען אין אַ גרינגן העברייאיש אָדער גאָר אין אידיש. און אין די קליינע, דינינקע ביכלעך זיינען געווען מעשות

פון „גוטע אידן". וואונדערלעכע, אויסטערלישע מעשות. אין שטעטל האָט מען ניט שטאַרק געהאַלטן פון די חסידים און אברהמל האָט זיי דוקא ליב געהאַט. זיי זיינען אַלעמאָל געווען פריילעך, לעבעדיק, פלעגן שטענדיק געפינען אַן אויסרייד שיקן נאָך אַביסל משקה, פלעגן נעמען צו קעלישיקלעך שנאַפּס און דערנאָך ווערן אויפגעלייגט, פריילעך, זינגען, טאַנצן און דער־ציילן מעשות. איבערהויפּט איז דעם אינגל געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס די חסידים פלעגן שטענדיק צולייגן צום סוף: „ניין, ניין, זיי קאָנען". דאָס מיינט די „גוטע אידן" האָבן געקאָנט באַווייזן וואונדער.

וואָס לענגער אברהמל האָט פאַרבראַכט מיט די חסידים, האָט ער אַלץ ווייניקער פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען לאַכט פון זיי. באַם „גוטן־אידן", רעב אַרעלע, וואָס האָט געוואוינט אין שטעטל, איז שטענדיק געווען פריילעך שבת צום טיש פלעגן די חסידים זינגען זיס און האַרציק, דער קליינער אברהמל פלעגט זיך ניט קענען אָפּרייסן פון זיי.

## דאָס אינגל וואַקסט אויף

גאָר יונג האָט אברהמל אָנגעהויבן שרייבן, און דאָס שרייבן איז בא אים געוואָרן אַזאַ געוואוינהייט, אַז אויב ער האָט אַ טאָג, צוויי, ניט געשריבן, פלעגט ער אַרומגיין אַן אומעטיקער. אים האָט עפּעס געפעלט, ער האָט געבענקט, זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט. ער פלעגט אַרומבלאָנדזשען איבערן שטעטל, אַוועק אין פעלד, פאַרקריכן טיף אין וואַלד, ווייט פון שטעטל און אַרומבלאָנקען גאַנצע טעג איינער אַליין. דער טאַטע האָט זיך געבייזערט:

— וואָס קריכסטו אַרום איבער וועלדער און פעלדער, פּטרסט צייט אויף גאָרנישט מיט גאָרנישט.

אברהמל פלעגט וואָרטן ביז דער טאַטע איז שטילער געוואָרן. נאָכדעם פלעגט דאָס אינגל אַרויסשלעפּן פון בוזים קעשענע אַ פאַרשריבענעם פּאַפּיר.

— נאָ, טאַטע, זע, איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד.

דער טאַטע פלעגט אַ כאַפּ טאָן דעם בויגן פּאַפּיר, איבערלייענען און, ניט קיין צופרידענער אַרויסריידן:

— נו, ס'איז דאָך ניט אין לשון קודש. וואָס קומט אַרויס פון דעם וואָס דו שרייבסט גוט? ווער לייענט עס זשאַרגאָן?

אָבער דאָס אינגל האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס וויל דער טאַטע מען זאָל שרייבן נאָר אין העברייאיש. אַלע אידן וואָס ער, אברהמל, קען ריידן דאָך אידיש, און זינגען אידיש. ווי קאָן מען שרייבן אמתע זאַכן אין אַן אַנדער שפּראַך?

און דער טאַטע אַליין האָט דען ניט הנאה פון אַ גוטן אידישן בוך? אַט האָט ניט לאַנג געטראָפן אַ מעשה מיט דעם ביכל „די קליאַטשע" פון מענדעלע מוכר ספרים.

ס'איז געווען אַזוי:

אברהמל פלעגט נעמען ביכער צום לייענען באַם ריקאָווער מלמד. דער ריקאָווער מלמד איז געווען אַ מאָדנער מענטשל. ער איז געווען דער איינציקער מלמד אין שטעטל וואָס האָט געטראָגן אַ געפּרעסט העמד מיט אַ קראַגן. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ סאַמאָוואַר אין הויז, אַ גרויסער לוק־סוס אין אַ קליין שטעטל, אַ לוקסוס וואָס נאָר די רייכע באַלעבאַטים האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען.

צו קאָנען לעבן ווי אַ מענטש איז קנעלן אַליין געווען ווייניק, און דער ריקאָווער מלמד האָט זיך פאַרנומען מיט אַרויסגעבן מעשה ביכלעך אויף פּראָקאָט. ער האָט געהאַט אין אויבערשטן שופלאַד פון זיין קאָמאָד אַ זעכציק, זיבעציק אַזוינע ביכלעך אויף אידיש פאַר די שטעטלשע מיידלעך, וואָס האָבן באַ אים גענומען, יעדן פרייטיק, אַ ביכל אויף שבת.

אברהמל איז געווען פון די שטענדיקע לייענער. מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה, אַז דער ריקאָווער מלמד פאָרט אַוועק אין דער גרויסער שטאָט צו אַ דאָקטאָר און קויפט דאָרטן דערווייל אַ ניי פּעקל ביכער. אברהמל איז געווען פון די ערשטע, וואָס זיינען געקומען זען דעם נייעם טראַנספּאָרט ביכער. און דער ריקאָווער מלמד זאָגט צו אים גאַנץ וויכטיק:

— דאָס זיינען גאָר אַנדערע מינים ביכלעך, אברהמל, צווישן די ביכלעך איז באַ מיר אויך דאָ „די קליאַטשע".

— „די קליאַטשע"? — פרעגט אברהמל, — וואָס איז אַזוינס „די קליאַטשע"?

— דו טו נאָר אַ פרעג דעם טאַטן דיינעם, וועט ער שוין דיר זאָגן וואָס „די קליאַטשע" איז. איך האָב עס טאַקע געבראַכט פאַר אַזוינע מענטשן ווי דיין טאַטע, פאַר מענטשן וואָס פאַרשטייען.

און אברהמל קומט אַהיים און זאָגט צום טאַטן מיט אַ האַלבן מויל, ניט גלויבנדיק אַז דער טאַטע וועט זיך אינטערעסירן מיט אַ ביכל געשריבן אין „זשאַרגאָן״:

— דער ריקאָווער מלמד האָט געזאָגט, אַז ער האָט געבראַכט „די קליאַטשע״. ער האָט עס געבראַכט, האָט ער געזאָגט, פאַר אַזעלכע מענטשן ווי דו, פאַר מענטשן וואָס פאַרשטייען.

אין שטוב איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער.

— הער נאָר הער, די קליאַטשע האָט מען געבראַכט. דאָס בחורל איז משוגע געוואָרן פון די ביכלעך. נאַ דיר אַ קליאַטשע! אַ פערד! אַ לאָשקל! אַ בהמה!

אָבער דער טאַטע לאַכט ניט. ער שטילט אַלעמען איין און זאָגט רואיק אַרויס:

— אַזוי, „די קליאַטשע״ האָט ער געבראַכט. זעסט, דאָס איז ניט קיין נאַריש ביכל. זאָג אים, אַז איך וועל אים געבן פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס פאַר איבערלייענען.

אברהמל איז אַוועקגעלאָפן אָנזאָגן דעם ריקאָווער מלמד, אַז דער טאַטע וויל נעמען „די קליאַטשע״ איבער שבת.

פרייטיק צו נאַכט, ווען עס האָט געהאַלטן ביי ליכט בענטשן, האָט דער טאַטע אָנגעגאָסן אַ פול לעמפּל מיט קעראָסין. דאָס האָט געמיינט, אַז דער טאַטע וועט זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און לייענען.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דער טאַטע איז געזעסן ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, געבויגן איבערן ביכל און געלייענט.

נו, אַז דער טאַטע אַליין האָט געקאָנט זיצן ביז גאַנץ שפּעט און לייענען אַ מעשה ביכל אויף אידיש, קאָן ער שוין ניט זיין אַזוי שטרענג צו אברהמלען, וואָס שרייבט אויף אידיש. און דאָס אינגל זעט, אַז דער טאַטע בייזערט זיך ניט, וואַרפט ער זיך אַריין מיט מער ברען אין שרייבן אויף אידיש.

אין יענער צייט גיט שוין דער טאַטע ניט אַזוי שטאַרק אַכטונג אויף אברהמלען. דאָס אינגל איז אַלט אַ יאָר דרייצן און פאַרדינט אויף זיין אויסקומעניש. ער גיט לעקציעס אין אידיש און אין רוסיש. ער לערנט אפילו איין אינגל דייטש. דעם אינגלס טאַטע איז געווען אַ דייטשער אינ־זשינער, געלעבט יאָרן און יאָרן אין רוסלאַנד. זיין אינגל האָט ניט פאַר־

שטאַנען קיין וואָרט דייטש, האָט דער פֿאָטער געוואָלט, אַז זיין זון זאָל קאָנען די שפּראַך פֿון זיין פֿאָטערלאַנד, האָט ער אָנגעשטעלט אברהמלען, וואָס האָט געקאָנט אַביסל דייטש, לערנען מיטן אינגל.

אין יענער צייט איז אויך אָנגעקומען אין שטעטל פֿאַר אַ לערער, דער שריפֿטשטעלער יאַקנאַהאָז (יכנה״ז), רייזען האָט געהאַט מיט ווּעמען צו שמועסן וועגן שרייבן. דער יונגער רייזען האָט דאַן פֿאַרעפֿנטלעכט אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענציעס אין „יידישן פֿאָלקסבלאַט". ער האָט אויך צוגעשיקט אַהין אַ גאַנצן פּאַק לידער. ס'האָט אָבער פּאַסירט, אַז די צייטשריפֿט „דאָס „יודישע פֿאָלקסבלאַט", וואָס איז דאַן געווען די איינציקע פּעריאָדישע שריפֿט אין רוסלאַנד, האָט זיך פֿאַרמאַכט און רייזענס לידער זיינען געבליבן ניט פֿאַרעפֿנטלעכט. רייזען שרייבט אָבער אַ סך און ער הויבט אָן אַרויסגעבן אַליין אַ געשריבענע צייטונג. ער האָט דאַן אָנגעהויבן זיך דורכשרייבן מיט די באַרימטע שרייבער דינעזאָן און פּרץ. שפּעטערצו ווען פּרץ האָט אַרויס־געגעבן די „יודישע ביבליאָטעק", האָט רייזען דאָרטן אָפּגעדרוקט זיינס אַ ליד. רייזען איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר פֿופֿצן.

אַרום יענער צייט איז געשטאָרבן רייזענס מוטער. די היים פֿון דעם יונגן אידישן דיכטער איז צעשטערט געוואָרן. רייזען איז געוואָרן אַ לערער אין אַ דערבייאיקן שטעטל. נאָכדעם איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין מינסק. דאָרטן האָט ער אָנגעשריבן אַ לענגערע דערציילונג מיט נאָמען „אַ גאָלדענער זייגער", וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אַ באַזונדער בראָשורקע אונטערן מאָדנעם נאָמען „אַ כפּרה די נאָז, אַבי אַ גאָלדענער זייגער מיט 300 רובל נדן". דאָס אַלץ זיינען געווען די ערשטע ליטעראַרישע פּראָבעס. זיין אמתע ליטעראַרישע אַרבעט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן דורכשרייבן מיטן באַרימטן שרייבער שלום עליכם, וואָס האָט דאַן אַרויסגעגעבן דאָס זאַמלהעפֿט „קול מבשר".

רייזען איז שנעל באַרימט געוואָרן. שלום עליכם האָט צוגעשיקט רייזענס לידער צו די אַמעריקאַנער אידישע צייטונגען, די לידער זיינען גע־דרוקט געוואָרן און מען האָט זיי געלויבט אין הימל אַריין.

מיר קאָנען זיך דאָ טאַקע אָפּשטעלן און באַצייכענען עס אַלס דעם סוף פֿון רייזענס קינדער יאָרן.

# פרץ הירשביין

לויט מינדלעכע מיטטיילונגען און הירשביינס בוך
„מיינע קינדער יאָרן."

# פרץ הירשביין

פרץ הירשביין איז געבארן געווארן אין 1882 אויף א ישוב ניט ווייט פון שטעטל קלעשטשעל, גראדנער גובערניע, רוסלאנד. הירשביינס פאטער, וואס איז געווען א מילנער, האט געוואלט, אז זיין מוזיניקל זאל זיין א רב. דאס אינגל האט זיך טאקע גוט געלערנט, פריער אין חדרים, נאכדעם אין די ישיבות פון די דערבייאיקע שטעטלעך. ווען ער איז אלט געווען א יאר פערצן האט ער אנגעשאפרט אין ווילנע.

צו זעכצן יאר האט הירשביין פארעפנטלעכט א ליד אין א העברייאישן זאמלבוך.

אין 1908 האט ער אין ארעס געגרינדעט א טרופע פון יונגע אידישע שוישפילער מיטן צוועק צו פארבעסערן דעם מצב פון אידישן טעאטער, און אין דערזעלביקער צייט אויך שפילן זיינע אייגענע דראמעס. די טרופע האט לאנג ניט אנגעהאלטן. א קורצע צייט נאכדעם איז ער אפ־געפארן קיין אמעריקע.

אין אמעריקע זיינען זיינע דראמעס צו ערשט אויפגעפירט געווארן פון פארשידענע דראמאטישע קלובן. עטלעכע יאר שפעטער האט מארים שווארץ פון אידישן קונסט טעאטער אויפגעפירט הירשביינס דראמעס.

הירשביין האט זייער ליב ארומרייזן. ער האט באזוכט ארגענטינע, געווען אין בראזיליע, געררייזט איבער אפריקע, געלעבט אין רוסלאנד, גע־וואנדערט איבער אלע אייראפייאישע לענדער. ער האט אנגעשפארט אפילו קיין כינע, יאפאן, און געמאכט א לענגערן טור איבער ארץ ישראל.

הירשביין האט אויך געשריבן א סך פאר קינדער.

איצט וואוינט הירשביין אין ניו־יארק.



פרץ הירשביין

## ליפּעס מיל

צווישן ביאַליסטאָק און בריסק אין אַמאָליקן רוסלאַנד, איצטיקן פּוילן, אַ דריי קילאָמעטער פונם קליין שטעטעלע קלעשטשעל, איז געשטאַנען ליפּעס וואַסער מיל.

צווישן זומפּן און געדיכטע קאַרטשעס איז ליפּעס מיל געשטאַנען. די שטוב, וואו די פאַמילע האָט געוואוינט איז געווען אינאיינעם מיט דער מיל, דעריבער איז די שטוב געשטאַנען אויף סלופּעס, הויך איבערן וואַסער. אַז די מיל איז געגאַנגען האָט דאָס וואַסער געררישט אונטער דער שטוב. אַלע ווענט האָבן געציטערט און דאָס הויז איז געוואָרן פול מיט וואַסער גערויש און וואַסער געמורמל.

דאָס איננגסטע אינגל איז פּרץ. נאָך גאָר אַן עופּהלע, ער קען נאָך גרינג גיין אונטערן טיש. ער פּלאָנטערט זיך אַלעמען אונטער די פיס. אָט זעט ער, אַז דער טאַטע, די ברידער, די מאַמע און אפילו די שוועסטער זיינען ווייס — אויסגעשמירט אין מעל. נעמט אויך דאָס קינד מעל פון אַ זעקל און שמירט זיך אויס — ער וויל זיין ווייס ווי דער טאַטע, ווי אַלע גרויסע. דערזעט עס דער טאַטע, ווערט ער בייז און טוט אַ שמיץ דעם אינגעלע מיט דער יאַרמולקע. צעוויינט זיך דאָס קינד מיט אַ געשמאַקן געוויין און ווישט די טרערן איבער דעם פאַמערליקטן פּנים.

לאַנג אָבער וויינט ניט דאָס קינד. ער ווערט באַלד פאַרכאַפּט פון דעם שטענדיקן קלאַפּן פון מיל, טלא, טלא, טא, טא, טלא, טא — ווער מאַכט די מיל קלאַפּן אַזוי?

און רעדער דרייען זיך. קליינע, גרויסע רעדער.

ער קוקט און הערט: עס קלאַפּן און טרייסלען זיך די בייטלען, די זיפּן הוידן זיך. ווער טרייבט זיי אַזוי?

פאַרקוקט ער זיך אויף דער מיל און באַלד אויף דיביימער אַרום מיל. הויכע, גלייכע, טונקעלע אַלשענעס — דאָס זיינען טאַטעס, באַשטימט באַ זיך דאָס אינגל. ברייט צעצווייגטע ווערבעס, איינגעבויגענע איבערן וואַסער — דאָס זיינען מאַמעס. שטייען די ווערבעס מיט אַראָפּגעהאַנגענע צווייגן

אין סטאַוו. וויגן זיך די צווייגן הין און צוריק, דאָס וואַסער רוישט שטיל, אַ פויגל טוט אַ צוויטשער, אַ פלי, אַ טוק זיך אין טייך. ס'איז שטיל, נאָר די מיל קלאַפּט טא, טלא, טא, טא, טלא, טא. דאָס קלאַפּן שלעפערט איין. דאָס קינד שלאָפט איין, אַט אַזוי זיצנדיק אויפן גראָז.

אַלע האָבן ליב דעם מוזיניקל. ליבער ווי אַלע האָט אים דער זיידע. דער זיידע יהושע איז אַ זקן, באַלד הונדערט יאָר אַלט. אַ נידעריקער, אַן אויסגעדאַרטער, כאָטש כמעט מיט אַלע ציין אין מויל און די האָר אינגאַנצן בלאָנד, דאָך דערמאָנט ער פּרצן אָן דעם קאַרשנבוים, וואָס וואַקסט אין הויף. שטייט דער קאַרשנבוים נידעריק צו דער ערד מיט טרוקענע צווייגן, וואָס דערווינט האָט איינציקווייז אָפּגעבראָכן. שטייט דער אַלטער בוים אַ טרוקענער, אָן בלעטער, אָן אָנגעבויגענער. דער זיידע איז אויך אָנגע־בויגן, מיטן קאָפּ שטענדיק צו דער ערד, אַ דאַרער, ניט קיין פלינקער, שאַרט ער זיך אַרום איבערן הויז.

און דער אונטערגעוואַקסענער פּרץ האָט ליב באַדינען דעם זיידן, געוואוסט וואו צו געפינען אין דיקן סידור, וואָס דער זיידע האָט אָן שפּאַ־קולן ניט געקענט געפינען. און דער זיידע האָט ליב זיך צו שפּילן מיטן מוזיניקל. נעמט ער דאָס קינד צווישן די קני און לערנט אים ניגונים. ער לערנט אים זינגען דעם בלויען ניגון, דעם געלן ניגון און די גרינעם ניגון. דער הויפּט האָט אָבער דער זיידע ליב געהאַט דעם רויטן ניגון.

הויבט אָן דער זיידע זינגען מיט זיין אַלטן צעבראָכענעם קול און דאָס אינגל מיט זיין הויכער, דינער שטים העלפט אים צו. שטיל, שטיל, באַדאַרף מען אָנהויבן דעם רויטן ניגון, איינמאָל שטיל, דערנאָך העכער, לעבעדיקער. פינף מאָל אַזוי. אַלעמאָל וואַרימער, ברענענדיקער. דעם לעצטן מאָל זינגט מען עס פייערדיק און מען טופּעט צו מיט די פיס און מען פּליעסקעט צו מיט די הענט.

## שרעק

אין שטוב האָט מען שטאַרק מורא געהאַט פאַר שדים און ניט־גוטע. בייטאָג איז מען געווען באַקאַנט מיט יעדן בוים, מיט יעדן זייטיקן וואַסערל און זיין גערויש. ווער רעדט נאָך זומער, האָט קיינער ניט מורא געהאַט

צו פאַרקריכן אין די ווייטסטע בלאָטעס אין די פאַרוואָרפנסטע וועלדלעך, דאָס אַלץ איז געווען בייטאָג. ווי אָבער עס איז אָנגעקומען די נאַכט און פאַרטונקלט דעם דרויסן אַרום מיל, האָט מען אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַרן אייגענעם שאָטן. יעדער שטוביקער האָט געהאַט צו דערציילן מעשות פון ניט־גוטע, וואָס האָבן אים אָפּגעטאָן שפּיצלעך. דער טאַטע, דער ברור־דער קלמן און דער עלטערער ברודער משה, אַלע האָבן געהאַט באַגעגענישן מיט יענע חברה.

איינמאָל איז געקומען דער פעטער צוגאַסט, ער איז אַריינגעפאַלן אין הויז אַ פאַרסאָפּעטער, אַ צעשראָקענער, און דערציילט אַט אַזאַ מין מעשה, וואָס האָט מיט אים נאָר וואָס פאַסירט:

איך פאָר זיך איבערן שליאַך פּאַמעלעך, דאָס פערד קוים וואָס עס שלעפּט זיך, דער וואָגן איז אָנגעפּאַקט מיט זעקלעך קאָרן. גייט דאָס פערד פּאַמעלעך און איך דרימל איין. וויגט זיך דער וואָגן און שלעפערט מיך איין. מיטאַמאָל פיל איך אַז דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, עפן איך די אויגן, טו אַ קוק, זע איך אין מיטן שליאַך ליגט אַ געבונדענער באַראַן, ליגט און מעקעט. שפּיי איך אויס און זאָג:

— צו אַלדי שוואַרצע יאָרן. אַ פויער איז געפאָרן און פאַרלאָרן אַ באַראַן. דער פויער איז געווען מסתמא שיכור. מען קאָן דאָך ניט לאָזן אַזאַ טייערן באַראַן ליגן אין מיטן וועג. קריך איך אַראָפּ פון וואָגן, הויב אויף דעם באַראַן און לייג אים אַרויף אויף די זעקלעך קאָרן, און זעץ זיך אויף דער קעלנע אַ צופרידענער — אַזאַ באַראַן.

איך טו אַ צי די לייצעס, אַ טרייב דאָס פערד, דאָס פערד איילט זיך ניט. גייט פּאַמעלעך, קוים וואָס עס שלעפּט די פיס. וואונדער איך זיך, דער וואָגן איז גאָר ניט אַזוי שווער. נעם איך די בייטש און דערלאַנג דעם פערד אַזוי גוט, איין מאָל און צוויי מאָל. טוט עס אַ צי מיטן גאַנצן כח, אָבער שנעלער גיין קאָן עס ניט. וואונדער איך זיך, מאָדנע, עפּעס איז ניט גלאַט. דער וואָגן איז גאָר ניט אַזוי שווער. שלאָג איך מער ניט די שטומע חיה, און זי גייט און סאָפּעט. שלעפּט דעם וואָגן און סאָפּעט מיט די לעצטע כוחות. גייט עס מיר אַריין אין נאָז. איך טו אַ טראַכט אפשר, אפשר דער באַראַן — איך כאַפּ אַ קוק אויפן באַראַן, דוכט זיך מיר אַז דער שעפּס לאַכט. שפּיי איך אויס — נאַרישקייטן, ווער האָט עס ווען עס איז געזען אַ שעפּס לאַכן?

פאַר איך ווייטער. דאָס פערד ווערט באַגאָסן מיט שווייס — אַלץ איז נאַס אויף אים, דער כאָמוט, די לייצעס. דאַנקען גאָט, אָבי מיר זיינען שוין אַרויס פון וועלדל. אַט וועל איך באַלד דערזען פייערן פון דאָרף. איך אָטעם אָפּ גרינגער. אָבער ווי נאָר איך האָב דערזען דעם ערשטן דאָרף פייער, האָט זיך דער וואָגן אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. טראַכט איך מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ חתונה? איך קער אום דעם קאָפּ און טו אַ קוק, אויף מיין באַראַן — ערשט ס׳איז ניט קיין באַראַן, ס׳איז אַ קעלבעל. ווי קומט אַהער מיט אַמאָל אַ קעלבל? און פּלוצים ווערט פון קעלבל אַ פויגל — אַ גרויסער שוואַרצער פויגל — אַ רויש מיט די פליגלען און אויס, ניטאָ. איך הער נאָר אַ משונהדיקן געלעכטער אָפּהילכן פון וועלדל. איך טו אַ שמיץ דעם פערד, דאָס פערד צעטראָגט זיך... קוים מיטן לעבן אַריינגעפאַלן אין הויז.

דער קליינער פּרץ זיצט און הערט זיך צו. עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס הויז איז אַרומגערינגלט מיט מחנות שדים. זיי היטן און וואַרטן ביז איינער וועט נאָר אַרויס פון הויז.

און טאַקע ביינאַכט האָט קיינער ניט געוואַגט אַרויס אַליין פון הויז. פון קלענסטן ביזן גרעסטן.

אָבער אַ אינגל דאַרף גיין אין חדר. דער חדר איז געווען אין שטעטל. אינדערפרי פלעגט דאָס אינגל גיין אַליין אין חדר. אין אָוונט פלעגט מען נאָך אים שיקן אַן עלטערן ברודער אָדער די עלטערע שוועסטער. אָבער אפילו אין צווייען פלעגן זיי זיך שרעקן גיין ביינאַכט אין פעלד. ווי נאָר די קינדער פלעגן אַרויס פון שטעטל פלעגן זיי שטעלן פיס, לויפן אָן אָטעם. זיי האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט אַרויסשפּרינגען אַ רוסאַלקע פון אַן אָזערע, אָדער אַ שד וועט אַראָפּשפּרינגען פון אַ בוים. זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו לויפן ביז עס האָבן זיך באַוויזן די פייערלעך פון זייער הויז, און עס האָט זיך צו זיי צעטראָגן דאָס קלאַפּן פון מיל. ווען זיי האָבן דערזען פונדערווייטנס דעם מיל־ראָד איז זיי געוואָרן היימלעכער — זיי זיינען שוין באַלד אין הויז, אין טאַטנס שטוב.

## דער טאַטע

דער טאַטע איז געווען אַ שווייגער. אַלעמאָל אומעטיק. זעלטן ווען ער טוט אַ שמייכל. מיט אים האָבן אין דער יוגנט פּאַסירט עטלעכע שרעקלעכע זאַכן. איינמאָל האָט מען אים שיר ניט דערשאָסן. אַ צווייטן מאָל האָט מען אים כמעט דערשלאָגן צום טויט.

דאָס האָט פּאַסירט ווען דער טאַטע האָט געוואוינט אין אַ דאָרף. ער האָט געהאַלטן ווינט מילן, וואָס ער האָט געדונגען באַם פּריץ. עס איז געווען אין פרילינג. דער טאַטע איז אַוועק אין הויף עפּעס בעטן באַם פּריץ.

דערווייל איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג קאָזאַקן צורייטן אויף פערד (ס'איז געווען אין דער צייט ווען די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד און זייער אָפּט האָט די רוסישע רעגירונג אַרויסגעשיקט שטראָף עקספּעדיציעס). די קאָזאַקן האָבן אָנגעהויבן שיסן אויפן הויף. אין הויף איז געווען אַ ברויז, וואו מען מאַכט בראָנפן, דער טאַטע איז אַריינגעלאָפן אין ברויז אַריין אינאיינעם מיטן מייסטער. זיי זיינען אַראָפּ אין קעלער. זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ פינצטערן ווינקל און זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן. פּלוצים האָט אַ קויל געטראָפן דעם מייסטער פון ברויז, און ווי זיי זיינען איינגעטוליעט איינער אין דעם אַנדערן, האָט דאָס הייסע בלוט פון מייסטער געשטראָמט אויפן טאַטן און אים דורכגעווייקט ביזן לייב.

אין דרויסן איז שטיל געוואָרן. קיין שיסעריי האָט מען מער ניט געהערט. נאָר פּלוצים האָט אָנגעהויבן ברענען די געביידע אין וועלכער דער טאַטע איז געלעגן אַן אויסגעווייקטער אין בלוט. די קאָזאַקן האָבן אונטערגעצונדן די ברויז. דאָס פייער קנאַקט און כאַפּט אַרום די ווענט פון אַלע זייטן. דער רויך שפּאַרט אין קעלער אַריין. דער טאַטע קאָן שוין מער די היץ ניט אַריבערטראָגן און ער איז אַרויס אין דרויסן. אין דרויסן איז געווען שטיל, קיינער איז מער ניט געווען, האָט ער אָנגעהויבן לויפן אַהיים.

שוין אַרויסגייענדיק פון הויף זעט ער—דער פּריץ אין איין העמד, ליגט אין אַ קאַלושע בלוט. דער פּריץ ווינקט צום טאַטן ער זאָל צוגיין.

ווי דער טאַטע איז צו אים צוגעגאַנגען, זיך איבערגעבויגן איבער אים הערן וואָס ער וויל זאָגן, איז מיטאַמאָל ווי פון אונטער דער ערד אויסגע־וואַקסן אַ קאָזאַק אויף אַ ווייס פערד, די שאַרפע פּיקע אינדערהויך — גרייט דורכצושטעכן דעם טאַטן.

דער טאַטע איז געפאַלן צו דער ערד, געבעטן דעם קאָזאַק ער זאָל אים לאָזן לעבן, ווייל ער איז דאָ נאָר אַ דורכגייער. דער קאָזאַק האָט אַ קער געטאָן די פּיקע, דורכגעשטאָכן דעם פּריץ און אַפּגעלאָזט דעם טאַטן. דער טאַטע איז אַנטלאָפן אַהיים.

אַביסל שפּעטער, אין יענער צייט, האָט מען דערוואַרט אין דאָרף אַ ליקוי חמה (עקליפּס). דער טאַטע איז געווען איין איד אין דאָרף. זומער איז עס געווען. אינמיטן העלן טאָג איז די זון פאַרדעקט געוואָרן. שטערן האָבן זיך געוויזן אין הימל. די קי און אָקסן אין פעלד זיינען אומרואיק געוואָרן. צעשראָקענע און צעווילדעוועטע זיינען זיי געלאָפן פון פעלד אַהיים, אין דאָרף אַריין. איין אָקס האָט מיט די הערנער איינגעבראָכן דעם פּלויט פאַרן טאַטנס שטוב.

האָבן די פּויערים באַקלערט: דער אָקס האָט מיט די הערנער צע־בראָכן דעם פּלויט באַם אידן, איז אַ סימן, אַז דער איד איז שולדיק אין דעם וואָס אינמיטן העלן טאָג איז געוואָרן נאַכט.

די פּויערים האָבן דעם טאַטן אַרויסגענומען פון שטוב און האָבן אים געשלאָגן מיט וואָס זיי איז צוגעקומען אונטערן האַנט. זיי האָבן שיר דעם טאַטן ניט דערשלאָגן צום טויט.

ער איז געלעגן אַ לאַנגע צייט קראַנק. ער איז אויפגעשטאַנען פון דער קרענק אַ שווייגנדיקער, אַן אומעטיקער. זעלטן גערעדט אָדער געשמייכלט. נאָר, אַז פּרץ איז אונטערגעוואַקסן און די מלמדים האָבן אים אָנגעהויבן לויבן אין הימל אַריין, האָט זיך געוויזן אַ שמייכל באַם טאַטן. ער פלעגט אָפט זאָגן: פּרצל וואַקסט באַ מיר אַ רב.

די מאַמע איז ניט געווען שטאַרק צופרידן פון דעם טאַטנס רייד. פאַר איר איז נאָך ניט קלאָר געווען, וואָס זי וואָלט געוואָלט איר קינד זאָל זיין.

אליין אַ קליינינקע, א דינע ווי א בויגיק ביימעלע, שמאָל פּנימדיק מיט גוטע, טונקעלע אויגן און טונקעלע האָר, האָט זי געקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן אויף דער וועלט. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דער ברייטער וועלט. זי האָט ליב געהאַט דעם דרויסן. ווי נאָר דער פרילינג איז געקומען האָט

זי באַמערקט די קלענסטע ענדערונג אין דעם בליענדיקן וואַלד אַרום איר. זי ווייזט אָן די קינדער:

— זעט, קינדערלעך, דיביימער זיינען האַ־יאָר געדיכט מיט בלעטער.

— זעט, קינדערלעך, א צווייג אָט אויף יענער ווערבע האָט אָנגע־הויבן קרום וואַקסן.

אָבער אין דערזעלבער צייט האָט זי זיך געשראָקן פאַר דער דרויסנ־דיקער וועלט.

גייען אַמאָל מאַמע און זון פון מיל אין שטעטל. דער הימל האָט א דונער געטאָן נידעריק איבער זייערע קעפּ. דער מאַמען האָט אָ צי געטאָן צו דער ערד. זי איז געבליבן זיצן אַזוי באַם וועג. דאָס אינגל האָט געטאָן דאָס אייגענע. די מאַמע איז געוואָרן בלייך ווי קרייד און גערעדט ציטערנ־דיק:

— אָט פאַר וואָס, מיין קינד, איך האָב מורא. איך פאַרשטיי עס ניט. א סך זאַכן, מיין קינד, פאַרשטיי איך ניט. איך האָף, אַז דו וועסט וויסן מער פאַר מיר. דיר וועט שוין זיין גרינגער צום לעבן.

יאָ, איר איז ניט געגאַנגען אין לעבן אַז איר קינד זאָל אויסוואַקסן א רב. איר איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס מען וואַרפט אַרויף אַזאַ שווערן יאָך אויפן קינד. זי האָט נאָר געוואָלט, אַז ער וועט אויסוואַקסן זאָל ער וויסן מער ווי זי וויים, און ער זאָל גרינגער לעבן.

## אין דער פרעמד

דער טאַטע וויל פּרץ זאָל זיין א רב; פאַר דער מאַמען איז נאָך דער וועג ניט קלאָר, בָאַ פּרצן — אויך ניט. אָבער אַלע ווייסן, אַז א אידיש אינגל דאַרף לערנען תורה, און לערנען תורה דאַרף מען אין דער פרעמד. איז בּאַ אַלעמען געבליבן אַז נאָך פּסח זאָל מען דעם עלף־יאָריקן אינגל אוועקשיקן קיין בריסק צו א גרויסן מלמד.

אין בריסק איז דעם יונגן פּרצן אומעטיק. עס נעמט אים ניט דאָס לערנען. ער האָט בעסער ליב צו זיצן לעבן די ברעגעס פון דעם מוראַ־וויצער טייך און חלומען פון ליפּעס מיל און סטאַוו.

ער זיצט בא די ברעגעס פון דעם פרעמדן טייך און הערט ווי זיין אינגערער טייך, וואָס לויפט פאַרביי ליפּעס מיל, רעדט:

— געגומען און מיך איבערגעלאָזן איצטער, ווען עס איז אזוי שיין לעבן מיינע ברעגעס. די ווערבע גרינט, די טשערמעשע בליט, די טונקל־שטאַמיקע אלשענעס האָבן שוין אויף די צווייגן פּעטע, רונדע בלעטלעך.

ער פאַרטראַכט זיך אין זיך זעלבסט, אַזוי אַז ער הערט דאָס פריילעכע קלאַפּן פון דער מיל, דעם זינגעוודיקן רויש פון וואַסער אונטער דעם מיל־ראָד.

דער גרויסער בריסקער טייך קוקט אים אויס פרעמד, פּונקט ווי די גרויס־שטאָטישע מענטשן, וואָס ער זעט ארומוואַנדערנדיק איבער די זאַמדיקע גאַסן.

עס האָט אים געצויגן אַהיים. ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויף דעם סוף זומער ווען מען האָט אים אַריינגעזעצט אין באַן און אים אַפּגעשיקט אַהיים.

דאָס אינגל איז אַפּגעווען אין דער היים אַ ווינטער און אַ זומער. ער האָט געלערנט באַ אַ נייעם מלמד, וואָס איז אַנגעקומען אין שטעטל. זומער איז ער געוואָרן בר מצוה און די עלטערן זיינען אומרואיק געוואָרן. באַם טאַטן איז געווען דער וועג קלאָר. פּרץ וועט זיין א רב. באַ דער מאַמען איז דעם אינגלס וועג נאָך ניט געווען קלאָר, אָבער זי האָט אויך געוואוסט, אַז בלייבן אינדערהיים איז ניט קיין תכלית פאַרן קינד. וואָס וועט פון אים ווערן, אַ מילנער? זאָל ער פאַרן אין דער פרעמד זיין צווישן מענטשן, וועט ער זיך אויסרייבן און ווערן אַ לייט.

וואוהין שיקט מען אָבער דעם אינגל? יעדער קרוב שלאָגט פאָר אַן אַנדער שטעטל. ס'איז געבליבן אים צו שיקן קיין מעלייטשיטש, דער מאַמעס געבוירן שטעטל.

באַלד נאָך יום טוב האָט די מאַמע אָוועקגעפירט איר זון קיין מעלייטשיטש. קיין מעלייטשיטש זיינען מאַמע און זון געגאַנגען צו פוס. אין שטעטל האָבן געוואוינט דער מאַמעס טאַטע און איר שוועסטער בראַשע. די מאַמע איז פאַרגאַנגען צו איר טאַטן. דער קליינער פּרץ האָט געקוקט פאַרחידושט אויף דעם זיידנס הויז. אַ גאַנצע שטוב אַנגעשטעלט מיט גמרות און אַנדערע ספרים. פּרץ פאַרקוקט זיך אויף די ספרים און די מאַמע דערציילט, אַז זי האָט געבראַכט פּרצן לערנען אין שטעטל און זי וואָלט וועלן באַשטעלן פאַר אים טעג באַ באַקאַנטע.

די באָבע און די מומע בראשע האָבן דערפון ניט געוואָלט הערן:
— וואָס הייסט, עסן טעג אין מעלייטשיטש? ער וועט בא מיר עסן, איז די באָבע באַשטאַנען.
— ער וועט בא מיר עסן, האָט די מומע ניט נאָכגעגעבן.
דער זיידע האָט געגלעט די באָרד און געהייסן די ווייבער זיין שטיל. ער האָט געלאָסן אַרויסגערעדט:
— וואָס מיינט איר עסן טעג איז בעטלען? ס'איז ניט קיין שאַנד. פאַרקערט, אויב מען וויל לערנען תורה, באַדאַרף מען ניט לעבן אין רחבות. אויב ניט עסן קיין טעג, צו וואָס האָט מען אים באַדאַרפט ברענגען קיין מעלייטשיטש? אינדערהיים פעלט אים צו עסן? און עס איז ניטאָ קיין בית מדרש דאָרטן אין שטעטל? די מאַמע האָט אים געבראַכט אַהער דער־פאַר, וואָס נאָר אין דער פרעמד ווערט פון אַ קינד אַ לייט און טאַקע דערפאַר דאַרף ער עסן טעג און שלאָפן אין בית המדרש.
די מאַמע האָט געשוויגן און דער זיידע האָט ווייטער גערעדט:
— וואָס מיר היים? וואָס מיר זיידע, באָבע, פעטער, מומע? אין דער פרעמד איז די בעסטע היים.
און אזוי איז עס געבליבן. פרץ האָט זיך באַזעצט אין בית המדרש און איז געוואָרן אַ מתמיד. דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיט אים געקלונגען.
אַ פאָר מאָל איז פרץ געקומען אַהיים צוגאַסט, אָבער די היים איז שוין ניט געווען אייגנס, עפעס האָט געפעלט. די שטוביקע האָבן געקוקט אויף אים מיט אַפשיי. אים, דעם אינגל, האָט זיך געדוכט, אַז אפילו דאָס וואַסער האָט שוין אַנדערש געגרווישט.
אַ יאָר שפּעטער איז פרץ געפאָרן לערנען קיין ווויסאָקע. נאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אָרלע. אין אָרלע האָט ער אָנגעטראָפן זיין חבר יצחק, און יענער האָט אויף אים געהאַט זייער אַ שטאַרקע ווירקונג.

## יצחק סענדערס דעם רב

פרץ איז שוין אַ יאָר פופצן. ער האָט זיך שוין אויסגעוואָלגערט אין דריי ישיבות. קאָן גוט לערנען. ער איז נאָך אַלץ אַ מתמיד, אָבער זיין האַרץ איז שוין ניט אינגאַנצן אין בית המדרש. ספיקות, ספיקות און ספיקות.

די וועלט איז אַזאַ גרויסע, אַזויפיל פרעמדע און אומבאַקאַנטע זאַכן זיינען דאָ, איז עס אַ תכלית זיין פאַרשלאָפן אין די פיר איילן פון בית מדרש? ער איז שוין ניט אַזוי פרום און דאַוונט ניט אַזוי געשמאַק, טראָגט זיך אַרום מיט מאָדנע געדאַנקען.

ער ווייס ניט וואָס ער וויל, אָבער אין בית מדרש ווערט אים ענג.

אין יענער צייט האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט זיין חבר יצחק סענדערס דעם רב.

ס'איז געווען אַזוי. פרץ האָט געלערנט אין נייעם בית מדרש, וואָס איז געשטאַנען האַרט באַם אַלטן בית מדרש. זיצט פרץ באַם שטענדער און לערנט גמרא. ער לערנט ווי אַלעמאָל, הויך מיט אַ ניגון. מיט אַמאָל קומט צו אים אַריבער פון דער גאַס פון אַלטן בית מדרש אַ ווידערקול פון זיין אייגענעם ניגון. ניין, ניט קיין ווידערקול, נאָר אַן אמתע שטים. פרץ פאַר־גנבט אַ בליק אין פענצטער. ווער זינגט עס דאָרטן?

זעט ער, אַ פערצן, פופצן יאָריקער אינגל שטייט באַם פענצטער און זינגט אַרויס דעם זעלבן גמרא ניגון. דאָס אינגל איז קליין געוואַקסן אָבער זיין שטים איז אַ פולע, אַ ברוסטיקע, אַ שטים פון אַ דערוואַקסענעם.

וואונדערט זיך פרץ אַז אַזאַ קליין אינגל זאָל האָבן אַזאַ דערוואַקסענע שטים. ווערט ער נייגעריק און פרעגט דעם שמש:

— ווער לערנט עס אַזוי געשמאַק אין אַלטן בית מדרש?

ענטפערט דער שמש:

דאָס איז יצחק דעם פאַרשטאָרבענעם רבס, ר' סענדערס זון. אַ שאַרפער קאָפּ. האָט געקאָנט איבערשטייגן דעם טאַטן זיינעם. אָבער ער איז אַראָפּ פון גלייכן וועג.

— וואָס הייסט אַראָפּ פון גלייכן וועג? ער לערנט דאָך געשמאַק.

— ווער ווייסט צי עס וועט לאַנג אָנהאַלטן, ענטפערט דער שמש, ניט לאַנג צוריק איז ער פאַרשוואונדן. אוועקגעפאָרן איבער דער וועלט. אָנגע־שלאָגן אַזוי ווייט ווי לאָנדאָן. איצט איז ער צוריקגעקומען און ווידער זיך גענומען צום לערנען. האַלט זיך אויף ביי דער מאַמען. אָבער ווער ווייס צי עס האָט אַ ממשות?

— וואָס הייסט אָנגעשלאָגן אין לאָנדאָן? פרעגט פרץ. ער קוקט נאָך אויס ווי אַ קינד, אַ אינגל פון אַ יאָר פערצן.

— ער איז ניט אַזוי יונג. ער איז שוין אַ יאָר צוואַנציק, ענטפערט דער שמש.

פאַראינטערעסירט עס פרצן. ער וואָלט וועלן זיך מיט אים באַקענען. אָבער ווי אַזוי?

פאַרנאַכט צו איז יצחק אַריין אין בית מדרש, צוגעגאַנגען צו פרצן און אים אָפּגעגעבן שלום עליכם.

פרעגט יצחק:

— איר וועט דאָ לערנען אַ גאַנצן ווינטער אין בית מדרש?

— יאָ, ענטפערט פרץ.

— טעג האָט איר שוין?

— יאָ, אַלע.

— וואו שלאָפט איר?

— אין בית מדרש.

— באַ אונדז איז פאַראַן פאַר אייך אַ געלעגער, ענטפערט יצחק, אויב איר ווילט, וועל איך זאָגן דער מאַמען.

פרץ האָט אים באַדאַנקט.

דעמזעלבן פאַרנאַכט איז יצחק געקומען און אַריינגענומען פרצן צו זיך.

אַ ברייט, ווייך בעט. פרץ ליגט אויסגעצויגן ווי אַ מאַנאַרך. אָבער עס שלאָפט זיך ניט. אפשר דער נייער געלעגער, אפשר די פּלוצימדיקייט פון דעם אַריבערקלייבן זיך? אָט ערשט אין פרימאָרגן געהערט די שטים און איצט שלאָפט ער שוין באַ יצחקן אין הויז. ווער איז יצחק? דער שמש האָט דערציילט און דערציילט און גאָרנישט ניט דערציילט. אָט צום ביי־שפּיל, — וואָס האָט יצחק געטאָן אין לאָנדאָן? פאַרוואָס איז ער צוריק־געקומען? וואָס גייט אים אין לעבן אז איך זאָל שלאָפן בא אים אין הויז? פרעגט זיך פרץ.

און פרץ ליגט האַלב דרעמלענדיק, האַלב וואַך. עס פּלאָנטערן זיך בא אים אין קאָפּ פאַרשידענע זאַכן. אָט איז די מיל, ער זעט דאָס בית מדרש. אָט זיינען פּאָליצעס מיט ספרים מיט גראָבע רוקנס. אויף די רוקנס באַ־גילדטע אותיות. די בוכשטאַבן טאַנצן אַראָפּ פון די רוקנס פון די ספרים און הויבן אָן זיך דרייען אין אַ ראָד, דערנאָכדעם צעשטעלן זיי זיך אין שורות, הויבן אָן ריידן, באַלד זינגען. פרץ הערט ווי דאָס געזאַנג ווערט העכער.

העכער, האַרציקער, זיסער. איז עס אַ חלום אָדער וואָר? ער שטאַרקט זיך און מיט אַלע כוחות עפנט ער די אויגן. ער זעט ווי דעם רבס זון מיט נאָך אַ יונגן מאַן זיצן באַם טיש. צוויי ליכט אין מעשענע לייכטערס באַ־לייכטן דעם צימער. די פלעמלעך פון די ליכט ציען אויס די שאָטנס פון די צוויי לערנער און זיי שאָקלען זיך און זינגען.

זיי לערנען ניט קיין גמרא. זיי לערנען דעם מוסר ספר „חובת הלבבות". די ווערטער זיינען פרצן האַלב באַקאַנט און נעמען באַ אים ניט אַזוי שטאַרק אויס, אָבער דער ניגון קריכט אריין אין האַרצן אריין.

ער איז ווידער איינגעשלאָפן.

די גרויקייט פון פאַרטאָג האָט אים אויפגעוועקט. די שטוב איז פּוסט. מאָדנע קוקן אויס די צוויי ניט אויסגעברענטע ליכט אין דער האַלב טונקל־קייט פון פרימאָרגן.

אויף מאָרגן ווידער דאָסזעלבע. אַזוי נאַכט איין, נאַכט אויס. באַטאָג לערנט יצחק גמרא און ביינאַכט — דאָס געזאַנג מיט דעם אומבאַקאַנטן יונגמאַן.

דאָס רעטעניש איז אָבער באַלד אויפגעקלערט געוואָרן. ס'איז געווען אַ פּרייטיק. דער שמש האָט אָנגעהויבן אויסקערן דעם בית מדרש. דער שטויב איז געווען ניט צו דערהאַלטן. דער אַלטער שמש האָט געשמייכלט:

— גיי צו יצחק דעם רבס. גענוג היינט געלערנט.

יצחק האָט באַגעגנט פרצן מיט אַ שמייכל. די רביצין האָט זיי דער־לאַנגט טיי. פרץ באַמערקט אַז יצחק איז איצט גאָר אַן אַנדערער. דעם קאָפּ אָפּגעדעקט, זיצט ער און קוקט אריין אין מאָדנע ביכלעך. קוקט אַריין און ברומט אַ ניגון. יצחק ווייזט פרצן אַ ספר און פרעגט:

— איר קענט עס?

פרץ טוט אַ קוק. אויפן רוקן שטייט אָנגעשריבן „האָסיף".

— ניין, קיינמאָל ניט געזען, ענטפערט פרץ.

— קוקט אריין.

קוקט פרץ אריין. ער זעט אַ שיר, אַ ליד פון הײנריך הײנע, איבער־געזעצט פון דייטש.

„ווען סיווייסן די בלומען אויף די לאַנקעס
ווי טיף ס'איז אין וואונדן מיין האַרץ"

שיינע ווערטער, טראַכט פּרץ. שיינע און אמתדיקע ווערטער. ווי אַפּט איז ער, פּרץ, געגאַנגען איבער די לאָנקעס אינדערהיים און גערעדט צו די בלומען.

און יצחק רעדט ווייטער:

— דאָ האָט איר גאָרדאָנס שירים. אָט זיינען בראַנדשטעטערס דער־ציילונגען. און אפשר וואָלט איר א אידיש ביכל געוואָלט לייענען? נאָט אייך לינעצקיס „דאָס פּוילישע אינגל".

באַ פּרצן הויבט זיך אָן דרייען דער קאָפּ. אָט דאָס האָט געמיינט דער שמש ווען ער האָט געזאָגט, אַז יצחק איז קאַליע געוואָרן? אראָפּ פון גלייכן וועג?

יצחק רעדט און זינגט די שירים. פּרץ איז פאַרכאַפּט פון דער נייקייט און פרישקייט פון די מאָדנע ספרים. ער וואָלט וועלן עס אינגאַנצן איינ־שלינגען און ער בעט זיך:

— וואָלט איר מיר דערלויבן איבערשרייבן די שירים אין א ביכל?

ענטפערט יצחק: — א גוטער איינפאַל איבערשרייבן די שירים. עס וועט אייך אַ סך העלפן באַקענען זיך מיט די דיכטער.

פּרץ קערט זיך אום צוריק אין בית מדרש אַ צעררודערטער. ער האָט אָפּגעשריבן לידער פון גאָרדאָן, לידער וואָס מאַכן חוזק פון דעם וואָס עס איז דאָ אין בית מדרש. דאָך זיינען אים די שירים געפעלן. מאָדנע איז אויך דאָס, וואָס דעם רבס זון פאַרנעמט זיך מיט די אַלע לידער און דאָך איז ער בייטאָג אַזאַ מתמיד.

אפשר איז דאָס דער ריכטיקער וועג? מען מוז זיך באַקענען נעענטער מיט יצחקן.

פּרץ באַזוכט אים אָפּטער און אָפּטער. יצחק גיט אים אַלץ מער פרעמדע ביכער. פּרץ שלינגט די ביכער. א קורצע צייט גייט איבער און פּרץ ווייסט שוין אויף זיכער, אַז ער וועט ניט זיין קיין רב. ער דאַוונט ניט אַזוי גע־שמאַק, צאַצקעט זיך ניט מיט זיינע לאַנגע פיאות. אָפּט פאַרגעסט ער אינ־גאַנצן דאַוונען. און גאַנץ אָפּט כאַפּט ער זיך, אַז ווען ער צעשאָקלט זיך באַ דער גמרא און פאַרגייט זיך אין זיין זיסן ניגון, טראַכט ער גאָר פון די נייע לידער וואָס ער האָט געלייענט.

און פּרצן ווערט ענג אין דעם קליינעם שטעטל. ער וויל פאָרן אין א גרעסערער שטאָט. האָט ער זיך אָוועקגעלאָזן קיין בריסק צום צווייטן מאָל.

פרץ הירשביין

## אין בריסק צום צווייטן מאָל

פרץ האָט אויפגעזוכט א בית מדרש ווייט פון צענטער פון שטאָט, ווייט פון דער גרויסער שול, וואו די געהויבענע באַלעבאַטים האָבן גע־לערנט. ער האָט זיך ארייַנגעקליבן אין ליסקער בית מדרש, וואו עס האָבן געדאַוונט באַלמעלאָכעס און באַלעגאַלעס. דער שמש האָט פאַר אים געקראָגן טעג און פרץ האָט זיך געזעצט לערנען.

ער האָט אויסגעקליבן דעם ליסקער בית מדרש, וואו עס זיינען געווען ווייניק למדנים, כדי ער זאָל זיין פריי צו טאָן וואָס ער וויל. בייטאָג איז דאָס בית מדרש ליידיק, קאָן פרץ זיך פאַרנעמען מיט זייטיקע ביכלעך.

ער האָט אין יענעם ווינטער אַ סך געלייענט. ער האָט געלייענט י. ל. פרצעס „יום טוב בלעטלעך״, מענדעלע מוכר ספרימס „קליאַטשע״, דינע־זאָנס „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״ און אַ סך העברייאישע ביכער. דערצו האָט ער אליין געשריבן לידער. יעדעס ליד וואָס ער האָט אָנגע־שריבן האָט ער פאַרזיכטיק איבערגעשריבן און עס צוגעשיקט צו יצחקן. יצחק האָט אים געענטפערט מיט באַגייסטערטע בריוו און פאַראויסגעזאָגט, אַז ער, פרץ, וואַקסט אַ גרויסער דיכטער.

פרצן איז שוין מיאוס געוואָרן דאָס בית מדרש. ער האָט געמאַכט פלענער צו פאַרלאָזן די ישיבה און לאָזן זיך אין דער גרויסער וועלט אריין.

ער איז געוואָרן אלץ מער און מער אומרואיק. ער האָט באַ זיך גע־טראַכט: ווי גוט וואָלט געווען ווען יצחק איז דאָ און מיר קאָנען זיך דורכ־ריידן.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג, זומער, ווען דער ליסקער בית מדרש איז געווען אינגאַנצן ליידיק, זעט פרץ ווי יצחק שטייט באַ דער אָפענער טיר.

פרץ לויפט אים אַנטקעגן, פאַלט אים אויפן האַלדז, קוקט אים אין די אויגן און האַלט מיט גוואַלד איין זיינע טרערן.

— ווי קומסטו אַהער פלוצלינג אין בריסק?

און יצחק דערציילט אים, אַז זיין מאַמע איז געשטאָרבן, האָט ער באַ־שטימט אַוועק פון זיין געבוירנשטאָט, וואו מען קוקט נאָך זיינע טריט. ער רעכנט זיך צו באַזעצן אין בריסק, אָפּגעבן זיך אינגאַנצן צום לערנען. ער

וועט אויך ניט פאַרגעסן אריינקוקן אין אַ זייטיקן ביכל, ער וועט אָבער זען קריגן סמיכה אויף רבנות.

— מען קאָן דאָך זיין אַן אויפגעקלערטער רב, האָט ער צוגעגעבן.

אַ צייט איז פרץ געזעסן אַ צעטומלטער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס איז מעגלעך אַז איינער, וואָס האָט אַזויפיל געלייענט אין די נייע ביכלעך, וואו מען לאַכט אויס די פרומע וועלט, זאָל וועלן ווערן אַ רב, וואָס פסקנט שאלות און היט אָפּ אַלע אידישע מנהגים און מצוות.

אָבער דער חבר איז אים געווען ליב. אָט שטייט יצחק אין פרעמדן בית מדרש, אַ הילפלאָזער, אַ קליינינקער, אַ צאַרטער, אַ פאַרלוירענער. מען דאַרף אויף אים אַכטונג געבן. פרץ איז אַוועק צום שמש פון באַלעבאַטישן בית מדרש און אים דערציילט יצחקס יחוס און באַוויזן דעם שמש, אַז דער זון פון אָרלער רב טאָר קיין טעג ניט עסן און וואַלגערן זיך אויף דער הארטער באַנק אין בית מדרש. פרצן איז געלונגען קריגן פאַר יצחקן א רובל א וואָך און אַ געלעגער אין אַ פריוואַט הויז.

יצחק האָט זיך גענומען שטאַרק צום לערנען. אַ גאַנצן טאָג געלערנט און פאַרנאַכט איז ער אַריבערגעקומען צו פרצן און ביידע אינגלעך האָבן זיך געלאָזן מיט שטילע טריט צום טייך. געגאַנגען און גערעדט, גערעדט פון ביידנס צוקונפט.

ס'איז אַריבער דער זומער. פרץ איז אַלץ מער און מער ניט געווען צופרידן צו וואַלגערן זיך אין בית מדרש, אָבער יצחק טראַכט נאָך אַלץ פון ווערן אַ רב. פרצן איז שווער זיך שיידן פון אים.

און דאַן איז יצחק ווידער געווען דער ערשטער, וואָס איז פלוצים, אַן אַ פאַרוואָס, געקומען מיט אַ נייעם פּלאַן און ווייטער זיך א קערעווע געטאָן אַן אַ זייט.

ס'איז געווען אַ סוף זומערדיקער פאַרנאַכט, און יצחק איז געקומען צו פרצן און אָנגעהויבן אויסצולייגן זיינע פּלענער:

— איך האָב געהערט, האָט ער גערעדט געלאָסן, אַז אין גראָדנע זיינען פאַראַן סטודענטן, וואָס לערנען אומזיסט רוסיש מיט ישיבה בחורים. איך רעכן, אַז גלייך נאָך די יום־טובים זאָלן מיר פאָרן קיין גראָדנע.

— און וואָס וועט זיין מיט דיין רבנות? האָט פרץ געפרעגט.

— איך בין ניט גענוג קיין גלויביקער צו זיין אַ רב, האָט יצחק קורץ געענטפערט.

און דעם רבס זון רעדט און רעדט און באַוויזט פּרצן אַז פאַרן אין גראָדנע איז דער אייציקער אויסוועג. ער רעדט איבער פּרצן און עס בלייבט באַ די אינגלעך, אַז באַלד נאָך די יום טובים לאָזן זיי זיך קיין גראָדנע.

## קוזניצע

לאָזן זיך אַוועק די אינגלעך קיין גראָדנע זוכן סטודענטן. ניט דער זעכצניאָריקער פּרץ און ניט דער איין־און־צוואַנציק יאָריקער יצחק האָט געוואוסט אפילו וויפיל עס קאָסט אַ בילעט קיין גראָדנע, אָדער וויפיל געלט זיי דאַרפן האָבן אויף צו איינאָרדענען זיך.

זיי זיינען אָנגעקומען קיין גראָדנע, פאַרפאָרן אין אַן אָרימער אכסניה. אַן אומבאַקאַנטע אָרימע אידענע האָט זיי דערלאַנגט טיי מיט שוואַרץ ברויט און געבעטן גלייך די עטלעכע גראָשן דערפאַר.

די חברים האָבן זיך געלאָזן צו בתי מדרשים. זיי האָבן אָנגעטראָפן עטלעכע ישיבה בחורים און זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט זיי. די בחורים האָבן איבערגעגעבן ניט קיין פריילעכע נייס. די שטאָט איז זייער שטרענג מיט אָרעם־בחורים. אויב מען וויל לערנען אַלגעמיינע לימודים מוז מען זיך גוט אויסבאַהאַלטן. און סטודענטן וואַלגערן זיך ניט אין די גאַסן. און אפילו, אַז מען קריגט שוין אַ סטודענט פאַר אַ לערער איז אויך ניט גוט, ווייל די באַלעבאַטים שפּיאָנירן נאָך די ישיבה בחורים. כאַפּט מען אַ בחור לערנען באַ אַ סטודענט איז ניטאָ דעם בחור וואָס צו מקנא זיין.

ס'איז די חברים געוואָרן קאַלמוטנע אויפן האַרצן. אויב אויסבאַהאַלטן זיך איז צו וואָס זיינען זיי אַוועקגעפאָרן פון בריסק?

שפּעטער צו, צוריקקומענדיק אויף דער אכסניה, האָבן זיי איבערגע־ציילט די איבערגעבליבענע פאַר גראָשן, און ס'האָט אויסגעוויזן, אַז אויב זיי וועלן בלייבן אין גראָדנע אויף נאָך אַ פאַר טעג, וועלן זיי דאַרפן גיין איבער די הייזער בעטלען.

שלעכט. מען מוז פון דאַנען אַרויספאָרן.

זיי האָבן געהערט, אַז נאָר איין סטאַנציע פון גראָדנע איז פאַראַן אַ שטעטעלע קוזניצע, מען זאָגט גאָר אַ וואויל שטעטעלע. מען דאַרף דער־

ציען אַהין אויף שבת. געזאָגט און געטאָן. זיי האָבן זיך געזעצט אויפן באַן און אָנגעקומען קיין קוזניצע.

זיי זיינען פאַרפאָרן אין בית מדרש, אַרויסגענומען צוויי גמרות און זיך געזעצט לערנען. דער שמש איז צו זיי צוגעגאַנגען, אָפּגעגעבן די בחורים שלום עליכם און זיי געפרעגט צי ער זאָל פאַר זיי באַשטעלן שבת.

ס'איז געווען אַ ביטערער געלעכטער. געפאָרן קיין גראָדנע צו געפינען סטודענטן, וואָס וועלן זיי צוגרייטן צום גימנאַזיע, צום אוניווערסיטעט, און ווידער גאָר אַריינגעפאַלן אין בית מדרש.

אָבער די אינגלעך זיינען שנעל געקומען צו זיך. דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן באַוויַיזן, אַז לערנען גמרא איז ניט קיין אַרויסגעוואָרפענע ארבעט, איז געווען ווידער יצחק. ער האָט גערעדט און געזאָגט, אַז תלמוד אליין איז אַ טיפע לערע, חוץ דעם קאָנען זיי לערנען פאַר זיך העברייאיש, לייענען אין דער שטיל אפילו רוסיש, און זיין געלערנט מיינט נאָך ניט דוקא גיין אין אַ גימנאַזיע.

פלוצום איז יצחק גאָר קראַנק געוואָרן. ער איז אָפּגעלעגן היפּשע עטלעכע וואָכן אין בעט. פּרץ האָט אים צוגעזען.

דערווייל האָט זיך פּרץ בעסער באַקאַנט מיט דעם שטעטלשן יונג־וואַרג, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'זיינען פאַראַן אין שטעטל אַ סך אינגלעך און מיידלעך, וואָס קאָנען גוט רוסיש און ווילן זיך מיט אים בייטן אין לערנען: פּרץ זאָל מיט זיי לערנען העברייאיש און זיי וועלן מיט אים לערנען רוסיש.

פּרץ לערנט זיך רוסיש, לייענט וואָס ער קאָן קריגן און דערווייל לערנט ער גאַנץ געשמאַק אויך גמרא. דאָס שטעטל גרויסט זיך מיטן מתמיד, וואָס קאָן אויך זייטיקע חכמות.

דער חבר איז געזונט געוואָרן און נאָך דער קראַנקהייט זיך גענומען מיט מער ברען צו לערנען גמרא.

אָבער גאָר אומגעריכט איז געקומען אַ שדכן צו יצחקן, און יצחק סענדערס האָט חתונה געהאַט מיט אַ געראָטענער מיידל פון אַ דערבייאיקן שטעטל, און האָט פאַרלאָזן קוזניצע.

פּרץ איז געבליבן אליין און זיך אַריינגעוואָרפן מיט מער ברען אין לערנען. דאָס שטעטל קלינגט מיט אים. די עלטערע אידן קאָנען אים אלס דעם גרויסן מתמיד. און דאָס יונגוואַרג קאָן אים אלס דעם ישיבה בחור,

וואָס איז גוט באַהאַוונט אין ליטעראַטור און שרייבט אַליין שיינע, האַרציקע שירים (לידער).

אָבער פּרצן ציט אין דער ברייטער וועלט. דאָס בית המדרש איז אים געוואָרן ענג. עס ווילט זיך אים פאָרן קיין ווילנע. דאָרטן קאָן מען ערשט שטודירן.

יצחק שרייבט, אַז ער וויל אויך פאָרן קיין ווילנע. זיין יונג ווייבל שטימט צו צו דעם. זיינען ביידע חברים, אין שפּעטיקן האַרבסט, אָנגעקומען קיין ווילנע.

## ווילנע

ביידע חברים האָבן נאָך אין דעמזעלביקן טאָג, וואָס זיי זיינען אָנגע-קומען קיין ווילנע געפונען אַ צימער אין אַן אומריין געסל און נאָך אַן אומ-ריינער הויז, פאַר דריי רובל אַ חודש. יצחק האָט באַצאָלט פאַר אַ חודש און די חברים האָבן זיך אָוועקגעלאָזן איבערן שטאָט איינקויפן גראַמאַטיקעס, אַריפמעטיקעס, היסטאָריעס, און געאָגראַפיעס און זיך געזעצט לערנען.

יצחקן איז אָבער דאָס לערנען ניט געקראָכן אין קאָפּ. ער האָט גע-בענקט אַהיים. די טעגלעכע שפּייז איז געווען ברויט מיט טיי און יצחק איז איינגעצערט געוואָרן. אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז ער קראַנק געוואָרן און איז צוריקגעפאָרן אַהיים.

פּרץ איז געבליבן אַליין אין ווילנע, געבליבן ווי אויפן וואַסער. אמת, פאַר אַ חודש דירה געלט האָט דער חבר איינגעצאָלט, אָבער פון וואָס וועט ער לעבן? ער האָט געמוזט זיך צוריקקערן אין בית מדרש.

פּרץ האָט ניט געוואָלט צוריקגיין אין קלויז. ער האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער די ווילנער קלויזן, באַקאַנט זיך מיט די קלויזניקעס און געזען די גאַנצע נוצלאָזיקייט פון זייער לעבן.

אָבער ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג. ער מוז צוריקגיין אין קלויז, אַניט וועט ער שטאַרבן פון הונגער.

זוכט פּרץ אויס אַ קלויז הינטערן שטאָט, ס'איז אַן אָרימע קלויז. מען הייצט זי נאָר איינמאָל אַ טאָג, אינדערפרי; בלייבט סיי ווי סיי קאַלט. ביינאַכט דאַרף דאָס אינגל שלאָפן אין די קליידער. ער נעמט עס אָבער אַן

פאַר ליב. קיינער קוקט אים ניט נאָך, און דער שמש האָט פאַר אים געשאַפן צוואַנציק קאָפּיקעס אַ וואָך, געגנוג דורכצוקומען. זיצט ער און לערנט צו־ביסלעך גמרא, אָבער די מערסטע צייט גיט ער אָפּ אויף לערנען רוסיש און לייענען ביכער און שרייבן לידער.

דער קאָפּ ליגט ניט אין דער גמרא. די עטלעכע בחורים וואָס לערנען אין דעמזעלביקן בית מדרש זיינען אויך ניט קיין גרויסע מתמידים. אַלע לערנען זייטיקע זאַכן. איינער אַ בחור מיטן נאָמען עלטשיק גייט אין ביבליאָטעק און ברענגט בערג מיט ביכער. לייענט מען.

באַלד האָט עלטשיק אויסגעפונען, אַז פּרץ שרייבט שירים. דער גוט־מוטיקער בחור מיט די ברייטע פּלייצעס און שמייכלענדיקן פּנים איז גאָר באַגייסטערט געוואָרן. ער מוז פירן פּרצן אין דער ביליקער קיך. ס'איז קיין וועג ניט זיך נערן נאָר מיט טרוקן ברויט. ער מוז אים אויך פאָרשטעלן פאַר די אמתע שרייבער, וואָס געפינען זיך אין ווילנע און שרייבן אין די ציטונגען.

ער האָט ביידע זאַכן געטאָן, ער האָט געפירט פּרצן אין דער ביליקער קיך. פּרץ האָט אָבער דאָרטן ניט געקאָנט עסן. דער שמוץ און דער טומל זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז פּרץ האָט די קיך ניט געקאָנט פאַרליידן.

דערפאַר איז אים אָבער אריין אין נאָז די מעשות וועגן די שרייבער. ער גייט מיט עלטשיקן צו זיי. און די שרייבער הערן פּרצן אויס און לויבן זיינע שירים אין טאָג אריין. גיט עס צו מער מוט דעם אינגל און ער גיט זיך אָפּ מיט מער חשק צום לערנען רוסיש און לייענען ביכער און שרייבן לידער.

געהונגערט און געלערנט, געשלאָפן אויף דער האַרטער באַנק; ניט דערעסן און געשלונגען ביכער. פּרץ ווערט שוואַכער, קאָן שוין די פיס ניט שלעפּן.

פירט אים עלטשיק צו אַן אומזיסטן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר באַטראַכט פּרצן און זאָגט קורץ:

— פאָרט אַהיים, יונגערמאַן, און קומט צו זיך. אַ ניט וועט איר גאָר אינגיכן שטאַרבן.

גאָר אינגיכן שטאַרבן, ניט מער און ניט ווייניקער. דאָס אינגל דער־שרעקט זיך און דערציילט עס עלטשיקן.

דער גוטער עלטשיק רעדט זיך דורך מיטן שמש און דער שמש נעמט צונויף געלט אויף אַ באַן בילעט פאַר פּרצן.

אַ שוואַכער, אַן אויסגעשעפּטער, מיט אַ פלעשעלע רפואות אין קעשענע און אַ פּאַק לידער אין קעסטל איז דאָס אינגל אַוועק צו טאַטע־מאַמע, צוריק צו ליפּעס מיל.

## אַהיים און צוריק קיין ווילנע

פּרץ איז געקומען אַהיים אַ דריי וואָכן נאָך פּסח. די שטוביקע האָבן זיך געוואונדערט. אויף פּסח ניט געקומען און איצטער אינמיטן דערינען איז ער גאָר דאָ. עפּעס איז דאָ ניט גלאַט.

פּרץ האָט געשוויגן. צו וואָס דערציילן ? ער באַקוקט די היים. דאָס הויז קוקט אויס קלענער און ליידיקער. טאַטע־מאַמע געעלטערט. און אַלץ איז אַזוי אָפּגעלאָזן און אָרעם.

אָבער אַ מאַמעס האַרץ רוט ניט. זי וויל וויסן דעם אמת פאַרוואָס איר זון איז געקומען פּלוצלים אַהיים. זי שטייט צו. פּרץ דערציילט איר מיט אַ האַלבן מויל — עפּעס איז ער ניט מיט אַלעמען. ס'איז אָבער גאָרניט. ער האָט נאָר איבערגעכאַפּט די מאָס מיטן לערנען און אַביסל ניט דערעסן. אַז ער האָט ניט געוואָלט עסן טעג בײַ פרעמדע טישן.

די מאַמע האָט אָנגעהויבן צוזען איר מוזיניק. ער האָט ווייניק געלערנט, טאָג איין טאָג אויס האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די פעלדער, געשריבן לידער, אַריינגעקוקט אין די פריערדיקע מאַנוסקריפּטן און אָפּט מיט אַ ציטערדיקער שטים, פאַרגעלייענט פאַר דיביימער זיינע אייגענע שירים.

אָבער ווען דער זומער איז אַוועק און עס האָט זיך אָנגערוקט דער רעגנדיקער האַרבסט איז פּרץ געוואָרן אומרואיק. דאָס האַרץ האָט געקלעמט און אַלץ אָפטער איז אים אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק ווילנע. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער און אים האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק, ווען ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט דאָ אויפן מיל פאַרבלייבן אַ גאַנצן ווינטער. בלייבן דאָ אַ פאַרשמידטער אין אײַז, אַן אָנגעפּעלצטער, אַן אָפּגעזונדערטער פון גאָר דער וועלט.

ער האָט געטרעדט צו זיך : וועסט אומקומען אויב דו בלייבסט דאָ אין ליפּעס מיל.

און עס האָט פּאַסירט, אַז סוכות צייט האָט פּרץ דערהאַלטן פון ווילנע אַ בריוו מיט גוטע נייעס. אין בריוו האָט מען אים געשריבן, אַז אין דער קלויז וואו ער, פּרץ, איז געשלאָפן, איז דאָ צווישן די דאַוונער אַ פּאַרמעג־לעכער איד, וואָס זיינע קינדער שטודירן אין גימנאַזיע. אָט דער איד האָט געזאָגט, אַז אויב פּרץ קומט צוריק קיין ווילנע וועט ער אים אָנשטעלן פאַרן לערער פון לשון קודש פאַר די גימנאַזיסטן.

באַלד נאָך יום טוב האָט זיך פּרץ צוריקגעקערט קיין ווילנע.

דער פאָטער פון די גימנאַזיסטן האָט געהאַלטן וואָרט. בעסער איז נאָך געווען וואָס די גימנאַזיסטלעך האָבן געהאַט אַן עלטערע שוועסטער און אַן עלטערן ברודער אינדערהיים — סטודענטן פון פּעטערבורג און זיי האָבן זיך אליין אָנגעבאָטן לערנען פּרצן רוסיש און אַלע אַנדערע געגנשטאַנדן, וואָס זיינען נויטיק צו שטודירן און האַלטן עקזאַמענס.

וואָס האָט אים איצט געפעלט ?

פאַר צוויי רובל אַ מאָנאַט האָט ער געדונגען אַ דירה אין אַ זייטיק געסל, איז אים געבליבן גאַנצע פיר רובל אַ חודש אויף אַנדערע זאַכן.

ערשט איצט וואַרפט זיך פּרץ אריין אין דער ארבעט. ער לערנט און שרייבט. גיט זיך אָפּ מיט די קלויזניקעס : זאַמלט צונויף בחורים פון עט־לעכע קלויזן און גרינדעט אַ פאַראיין „תורה מציון". מען קומט זיך צונויף עטלעכע מאָל אַ וואָך. מען לערנט אַ בלאַט גמרא, אויך דיקדוק און לשון קודש. מען שמועסט פון דער דרויסנדיקער וועלט, מען רעדט פון ארץ־ישראל און וועגן ציוניזם, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן ווייזן אויף דער אידישער גאַס.

פּרץ קריגט צו נאָך עטלעכע תלמידים. ער קאָן שוין איצט צאָלן דריי רובל א חודש דירה געלט. ער האָט געדונגען אַ גרעסערן צימער, קאָן ער איינלאַדן חברים צו זיך און גאַנץ אָפט פאַרלייענען פאַר זיי זיינע ניט געדרוקטע שירים.

אין יענער צייט האָט ער אויך אָנגעהויבן שיקן שירים א עברייאיש
און דערציילונגען אין אידיש צו די דאַמאָלסדיקע זשורנאַלן. שיקט און

פאַרגעסן. אָפּט אָבער האָט זיך פאַרגנבֿעט אַ געדאַנק: ווער ווייס, אפשר וועט מען עס טאַקע דרוקן?

איינמאָל גייט פּרץ אַריין אין ביבליאָטעק און הויבט אָן בלעטערן דעם נאָר וואָס אָנגעקומענעם „הדור”, דערזעט ער אַ לענגלעכן געדרוקטן שיר — „געגועים” — בענקעניש. זיין שיר. אָט איז דאָך אונטערגעשריבן: פּרץ הירשביין.

אַ היץ טוט אים אַ שלאָג אין קאָפּ אריין. עס הויבט אים אָן האַקן אין די שלייפן. די קני ווערן שוואַך אומצופאַלן.

ער קאָן דעם נומער „הדור” ניט ארויסנעמען פון ביבליאָטעק. איילט ער זיך אַוועק צו די ביכער פאַרקויפער אין דער דייטשישער גאַס, קויפן אַ זשורנאַל. אין האַרצן גלויבט ער ניט, אַז אין דעם געקויפטן נומער איז אויך דאָ דאָס ליד.

אָבער יאָ, דאָרטן איז עס אויך געדרוקט.

בלייבט דער יונגער דיכטער שטיין אַ צעטומלטער. טרערן ווייזן זיך אים אין די אויגן. הייסט עס, אַז ער איז אריינגענומען געוואָרן אין דער גרויסער פאַמיליע פון דיכטער און שרייבער. עס ליגט אויף אים איצטער אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווער ווייס צי ער איז שטאַרק גענוג צו טראָגן אָט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די ערשטע עטלעכע נעכט נאָכדעם ווי זיין שיר איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט ער ניט געקאָנט שלאָפן. אים האָט זיך געדוכט, אז עס איז אים אָנגעקומען צו גרינג אַריינגענומען ווערן אין דער משפחה פון שרייבער. איצט, באַשטימט ער בײַ זיך, דאַרף ער ערשט אָנהויבן לערנען און זאַמלען וויסן, ער זאָל ווערט זיין אָנגערופן צו ווערן שרייבער.

און פּרץ הירשביין פילט שוין ווי אַ דערוואַקסענער. ער איז מער ניט קיין יינגל און ער דאַרף זיך נעמען ערנסט צו דער אַרבעט.

די סוף פון קינדהייט.

# מאני לייב

לויט אַ געשפּרעך.

# מאני לייב

מאני לייב, אדער ווי זיין אמתער נאמען איז, מאני לייב בראהינסקי, איז געבוירן געווארן אין 1883 אין ניעזשין, רוסלאנד.

זיינע עלטערן זיינען געווען צו ארים צו געבן דעם פייאיקן אינגל א גוטע דערציאונג. שוין צו עלף יאר האט מען אים אפגעגעבן זיך לערנען פאר א קאמאשן שטעפער.

מאני לייב האט אנגעהויבן שרייבן לידער זייער יונג. אין שטעטל האט מען גאנץ אפט צוגעפאסט מעלאדיעס צו די לידער. ער האט ליב געהאט באשרייבן אין גראמען יעדע וויכטיקע פאסירונג, וואס האט געטראפן אין שטעטל.

אז מאני לייב איז אלט געווארן א יאר זעכצן, איז ער צוגעשטאנען צו דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד. ער האט געארבעט א גאנצן טאג, און די אוונטן געגאנגען צו פארזאמלונגען און דאך געפונען צייט זיך צו לערנען און לייענען.

אין 1904 איז מאני לייב ארעסטירט געווארן פאר זיין רעוואלוציאנערער טעטיקייט, און אנטלאפן קיין לאנדאן, ענגלאנד. דארטן, האט ער א דאנק דעם שרייבער י. ח. ברענער דעבוטירט מיט א ליד אין דעם זשורנאל „די נייע צייט".

אין 1905 איז מאני לייב געקומען קיין אמעריקע, און פארעפנטלעכט זיין ערשט ליד אין „פארווערטס", וואו ער שרייבט ביז היינט.

מאני לייב וואוינט איצט אין ניו־יארק.



מאַני לייב

## א

זיי זיינען געווען זעקס ברידערלעך. דאָס הויז איז געווען אַ שפּאַן די גרויס. וואו נעמט מען פּלאַץ פאַר אַלעמען צו שלאָפן? אויפן דיל. מען שפּרייט אויס זעק מיט שטרוי — שעניקעס האָט מען עס גערופן — צו־קאָפּנס ווידער אַ זאַק מיט שטרוי און חברה צעלייגט זיך ווי מאַנאַרכן. מאַני לייב איז געווען דער עלטסטער, דאַרף ער שלאָפן באַם ברעג. דער ברודער נאָך אים באַם אַנדערן ברעג, לעבן וואַנט. אָבער די קאָלדרע איז שמאָל, קוים גענוג פאַר אַלעמען זיך צוצודעקן. באַנאַכט ווערט קיל, וויל מאַני לייב זיך גוט איינוויקלען, שלעפּט ער אַריבער די קאָלדרע צו זיך, אויף זיין זייט. כאַפּט זיך אויף דער ברודער פון צווייטן עק. ס'איז אים קאַלט געוואָרן, און שלעפּט טאַקע אַריבער די קאָלדרע צו זיך. נו, וועט מען עס פאַרשווייגן? שלעפּט מאַני די קאָלדרע צוריק צו זיך. שלעפּט דער ברודער די קאָלדרע אַהין, מאַני לייב אַהער. זיי הויבן זיך אָן פריער שטילערהייד קריגן, דערנאָך שלאָגן, אַלץ איבער די קעפּלעך פון די קלענערע ברידער. כאַפּן זיך די איינגערע קינדער אויף. ווערט אַ ליאַרעם, שטייט אויף דער טאַטע און...

דאַרף איך ווייטער דערציילן?

## ב

„„אינגל צינגל כוואַט", — דאָס איז מאַני לייב אַליין. פאַרשטייט מיך, ער איז געווען אַ אינגל אַ שטיפער, אַ שייגעץ. געקערט שטענדיק וועלטן. וואו נאָר אַ שפּיל, אַ געשלעג, אַ טומל, איז ער געווען דער ערשטער. און דאָס וואָס איך וועל אייך באַלד דערציילן האָט געטראָפן אין אַ ווינטער. יע, ס'איז געווען ווינטער. שוין איינמאָל אַ ווינטער. עס האָט געשנייט און געשנייט און געשנייט. אַז מען איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז ניט

געווען קיין שטעטל. איר הערט, ניטאָ און פּאַרטיק. פאַרשאָטן גע־וואָרן מיט שניי. און אַלע האָבן גענומען רידלען און אָנגעהויבן אויסגראָבן טיפע טונעלן. פון די טונעלן האָבן געפירט טרעפּ אַרויף צו אויבן, צו דער גאַס. און שטייענדיק אויבן אין גאַס האָט דאָס שטעטל אויסגעקוקט מאָדנע. אַרום און אַרום ווייס. ווי ווייט דאָס אויג קאָן כאַפּן—שניי. גלאַט און ווייס. דאָ און דאָרט שלענגלט זיך אַ רויך אַרויס פון שניי. אַ רויך פון אַ קוימען.

יע, מען האָט געגראָבן סטעזשקעס, וועגן — אַ וועג צו דער שול, אַ וועג צום מאַרק, אַ וועג צום שטאַל, צום שכן. פאַרשטייט זיך חשובע באַלע־באַטים, סטאַטעטשנע מענטשן זיינען געגאַנגען מיט אויסגעגראָבענע און אויסגעטראָטענע סטעזשקעס. אָבער די קונדסים און מאַני לייב בראש — פליען איבער די קופּעס שניי.

וואַרפן זיך ווייסע חברהניקעס מיט שניי קוילן און פליען פייל פון בויגן. זיי זיינען צעהיצט. שפּרינגען איבער די אויסגעגראָבענע טונעלן, לויפן איבער דעכער, פאַרטשעפּען זיך אין קוימענס. מיט אַמאָל פילט מאַני לייב, אַז ער גליטשט זיך אַראָפּ פון אַ הורבע שניי און פאַלט, פאַלט ערגעץ. טוט ער אַ קוק, ער ליגט עפּעס אין אַ טיפן שניי טאָל, טיף, טיף. פון אויבן אין דער הויך הערט ער די חברים רופן: מאַני לייב, מאַני לייב, וואו ביסטו? ער ענטפערט ניט, דראַפּעט זיך אַזוי פּאַמעלעך אַרויף, ער זינקט אין שניי און קלעטערט אַרויף. ביסלעכווייז — ער איז שוין אויבן. ער הויבט אָן לויפן. געוואָלט פאַרלויפן דעם וועג די חברים און ווייזן זיי וואָס פאַר אַ קנאַקער ער איז. לויפט ער אַזוי מיט אימפּעט און און פילט מיט אַ מאָל, אַז ער פליט ווייטער. פליט אַראָפּ, אַראָפּ — אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַל פון בהמות גלייך אויף אַ בהמה. די בהמה דערשרעקט זיך און הויבט זיך אָן טראָגן ווי אַ ווינטער. אַ גוטער רייטער איז ער געווען, זיצט ער רייטנדיק אויף דער בהמה און האַלט זיך אָן מיט אַלע כוחות ארום איר האַלדז. אפנים, אַז פון שרעק שטיקט ער די בהמה. דאָס שטומע באַשעפעניש דערשרעקט זיך און הויבט אָן שפּרינגען און טוט אים אַ שליידער ווי גרויס ער איז גלייך אין שניי.

ליגנדיק אין שניי טראַכט ער: אַך, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין נאַרישע בהמה, נאָר דעם פריצעס פערד, אָט דאָס פערד וואָס דער פריץ האָט געבראַכט פון יאַריד פון פּאַלטאַווע, וואָלט עס ניט געשפּרונגען ווי די

נאַרישע קו. עס וואָלט אים געטראָגן וואוהין ער וויל אליין, אפילו וואו דער שניי וואַקסט.

מיט יאָרן שפּעטער האָט ער די מעשה אויסגענוצט און אויפגעשריבן די באַלאַדע „אינגל צינגל כוואַט״. דאָס איז ער טאַקע אליין דער „אינגל צינגל כוואַט״.

ג

צו פערצן יאָר איז מאַני לייב געוואָרן אַ פייערלעשער. הויך געוואַקסן, איז ער געווען, האָט ער זיך אָנגעגעבן אַז ער איז אַלט אַכצן יאָר און מען האָט אים פאַרשריבן אין דער פייער לעשער קאָמאַנדע. אַ ספּריטנער איז ער געווען, האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ קלעטערער. עס זיינען געווען דריי קאַטעגאָריעס פייערלעשער: די פּאָמפּערס, די וואָס האָבן געפּאָמפּעט די פייערלעשער מאַשין, די וואַסער ברענגער און די קלעטערער. די קלעטערער האָבן זיך געדאַרפט אַרויפכאַפּן אויפן דאַך און רייסן די שינדלען, אַז מען האָט געדאַרפט, אויך ברעכן ווענט, גיסן וואַסער אין קוימען — קורץ, ראַטעווען. טרעפט זיך ביינאַכט אַ פייער — עס ברענט אַ דאַך. ער קלעטערט מיט נאָך איינעם. ער איז שוין אויפן דאַך. זיין חבר נאָך אים. וויל ער אים העלפן אַרויפדראַפּען זיך. שטרעקט מאַני לייב אויס זיין האַנט. ס׳איז פינצטער, דער חבר זעט ניט די האַנט. גיט ער אַ האַק מיטן שפּיציקן זייט פון העקל און צעהאַקט מאַני לייבן דעם קליינעם פינגער פון דער לינקער האַנט אויף צוויי. מאַני טוט אַ געשריי און פאַלט שיר ניט אַראָפּ פון דאַך. ער גיט זיך אָבער ניט אונטער. אַ קלעטערער איז ער געווען אַ גרויסער, אַ שייגעץ אויך ניט קיין קליינער, אַ גרויסהאַלטער נאָך אַ גרעסערער, וואָס הייסט ער וועט זיך אונטערגעבן ? האָט ער ווייטער געראַטעוועט.

איר הערט ! דער חבר איז ניט פויל און מעלדעט עס די שטאָטישע באַאַמטע. מאַני האָט געקראָגן פון גובערניע אַ לויב שריפט געחתמעט פון גובערנאַטאָר אַליין — און אויך אַ בראָנזענעם מעדאַל. אַ יאָר צייט האָט ער זיך געגרויסט מיטן מעדאַל. שפּעטער, אַז ער איז שוין געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, האָט ער דעם מעדאַל און לויב שריפט פאַרוואָרפן, וואָס הייסט ער וועט האַלטן אַ מעדאַל און לויב שריפט פון צאַרס אַ משרת ?

מאַני לייבס מאַמע איז אַ מערקווירדיקע פרוי — אַ וואויל קענערקע, אַ זאָגערן. חוץ דעם האָט זי ליב זאָגן אַ ווערטל און דווקא צום גראַם. די באָבע עטל איז אויך געווען אַן אויסטערלישע פרוי. אייגנטלעך האָט ער געהאַט צוויי באָבעס. די באָבע עטל און באָבע לאה. די באָבע לאה איז געווען „רייך" אָבער קאַרג. זי האָט די קינדער שטענדיק געלערנט ווי צו טרינקען טיי מיט צוקער. צוקער פלעגט זי זאָגן טאָר מען ניט בייסן און האַלטן אין מויל אויפן צונג בעת מען טרינקט טיי. נאָשער טוען עס. אַ קלעצעלע צוקער דאַרף מען פריער צעהאַקן אויף פיר שטיקלעך. איינעם פון די קליינע שטיקלעך לייגט מען אונטער אונטערן צונג און מען טרינקט די טיי. אונטערן צונג האַלט זיך דער צוקער לענגער. מען קאָן אויס־טרינקען פיר גלעזער טיי מיט איין שטיקעלע צוקער.

ברויט פלעגט די באָבע לאה אויך באַקן אַנדערש פון אַלע באַלעבאָס־טעס.. אַ געוויינטלעכע באַלעבאָסטע באַקט אויס פון אַ פוד מעל פופצן ברויטלעך. די באָבע לאה פלעגט אויסבאַקן פערציק ברויטלעך. דער שכל איז געווען אַזאַ. קליינע לעבלעך ברויט ווערן שנעל אַלטגעבאַקן — האַרט, טרוקן. עסט מען זיי ווייניקער. פריש ברויט קאָן מען דאָך שלינגען ווי חלה. חוץ דעם קאָן זי באַלד אויפוואַרפן:

— פרעסער, דו האָסט דאָך אויפגעגעסן אַ גאַנצן לאַבן ברויט.

באַ דער רייכער באָבע לאה איז שטענדיק געווען פריילעך. שבת נאָכן עסן פלעגט זיין גאָר גאָר פריילעך. עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען בחורים און מיידלעך. מאַני לייב פלעג זיצן אויפן טיש און זינגען, די פּאָרלעך פלעגן טאַנצן.

ס'איז געווען פריילעך באַ דער באָבע לאהן. מען האָט געזונגען, גע־טרונקען טיי, אָפּט אפילו זיסע טיי. אָבער פאַרברענגען האָט ער ליב געהאַט באַ דער אָרימער באָבע עטלען. דאָס הויז איז געווען אַן אָרימס, אַן אומע־טיקס, אָבער דערפאַר איז די באָבע געווען אַזאַ ליבע. זומער און ווינטער פלעגט זי זיצן אויפן אויוון, און אין וואַנט האָט זיך געפונען אַ קליין פענצ־טערל, נאָר איין שייבעלע. דאָס שייבעלע האָט ארויסגעקוקט צום שליאַך, צום וואַלד צו. די באָבע עטל איז געווען זייער פרום, שטענדיק געזאָגט תהילים אָדער עפּעס א תחינה. דאָס אינגל האָט ליב געהאַט הערן איר אומעטיקן ניגון. גאַנץ אָפּט פלעגט ער זיך אַרויפקלייבן צו איר אויפן אויוון.

זיי פלעגן זיך איינטוליען איינע אין די אַנדערע, אַרויסקוקן דורך דעם שיי־בעלע אויפן ווייטן שלענגלדיקן שליאַך אין בלוי גרינעם וואַלד און זי פלעגט דערציילן מעשות. ווייזט אויס אַז אירע מעשות זיינען מאַני לייבן געקומען אויפן זכרון, ווען ער האָט געשריבן זיינע באַלאַדן און קינדער לידער. זי איז געווען אַ וואונדערבאַרע דערציילערין.

## ד

פאַרפאַסן לידער אויף אויסווייניק האָט ער אָנגעהויבן ווען ער איז געווען גאָר יונג. מאַני לייב געדענקט כמעט ניט ווען ער האָט ניט פאַרפאַסט קיין לידער. מען פלעגט זיי זינגען אין שטעטל. שרייבן לידער אָבער האָט ער אָנגעהויבן ווען ער איז שוין געווען אַ קאַמאַשן שטעפּער, אַ אינגל פון א יאָר צוועלף.

ער האָט געזעצן אין שמר'ס אַ ראָמאַן א ליבע־ליד. ער האָט געזעצן שמאָלע שורות, אַלע פון איין לענג, איין שורה גראַמט זיך מיט דער אַנדערער און עס איז אים געפעלן געוואָרן. האָט ער געטראַכט: „דאָס קאָן איך דאָך אויך אָנשרייבן." געטראַכט און געטאָן.

יע, איידער איך דערצייל אייך וועגן זיינע לידער און וועגן זיין באַ־לעבאָס וויל איך אייך דערציילן עפּעס וועגן זיין באַלעבאָסטע. זי איז געווען זייער א שלעכטע. זי האָט די פּועלים (אַרבעטער) ניט פאַרגונען דעם ביסן ברויט אין מויל. אַרבעטן האָבן זיי געאַרבעט ווי אייזלען און עסן האָבן זיי געגעסן קדחת. און דאָ איז סוף זומער. די באַלעבאָסטע האָט אין קעלער אַ פעסעלע מיט איינגעזייערטע אוגערקעס און קאָווענעס. וואָס קאָן נאָך זיין אַ בעסערער מאכל ווי האַלב זויערע אוגערקעס? אָדער אַ גוט שטיקל איינ־געזייערטע קאָוואנע, אָבער די מרשעת גיט ניט אפילו אַ לעק.

נו, מאַני, קאָוואנעס געזייערטע האָסטו ליב? רייצן זיך די פּועלים.

— ניין, איך קאָן אויף זיי ניט קוקן, ענטפערט ער, כלומרשט פאַר־קרימענדיק זיך.

און האַלב זויערע אוגערקעלעך?

ער דרייט אָפּ מיטן קאָפּ: ניין, ניין, און זיינע אויגן לאַכן.

זאָגן זיי ווייטער: נו, מאַני, ביסט דאָך עפּעס אַ כוואַט. לאָמיר עפּעס זען דו זאָלסט צוטראַכטן אַ גוט שפּיצל.

נו, האָט ער צוגעטראַכט... ער האָט גענומען אַ ווייך שטיקל ברויט אויסגעקנאָטן דערפון אַ שיין מייזעלע מיט אַ לאַנג עקל. גענומען צוויי שפּילקעס מיט שוואַרצע קעפּלעך און געמאַכט אייגעלעך אין דעם מייזעלע. אַ חיות אַ קוק צו טאָן — אַ לעבעדיק מייזעלע. גענומען דאָס מייזעלע און אַריינגעלייגט אין פּעסל זויערע אוגערקעס און קאַווענעס און געמאַכט א שוויַיג.

נו, פרעגט שוין ניט — די אַרבעטער האָבן געגעסן וואָכן לאַנג זויערע אוגערקעס און קאַוואַנעס.

פלעגט אַ קינד אַ בעט טאָן: מאַמע, איך וויל אַ שטיקל קאַוואַנע, פלעגט אונדזער באַלעבאַסטע ענטפערן מיט אַ זיס קולכל:

נישקאָשע, וועסט באַשטיין אָן קאַוואַנע, כ'לעבן זיי אַרבעטן אביסל שווערער פאַר דיר. די מרשעת האָט ניט דערציילט דעם סוד, אַז זי האָט אין פעסל געפונען אַ מייזל, און זי האָט ניט געוואָלט, אַז אירע קינדער זאָלן עס עסן די קאַוואַנעס. אָבער די יונגן זיינען ניט קראַנק עס צו פרעסן.

זיינע לידער פלעגט ער פאַרלייענען פאַר די אַרבעטער. זיי האָבן אָבער קיין גרויסן צימעס דערפון ניט געמאַכט. דאָס אינגל פלעגט שרייבן א סך. באַטאָג האָט ער קיין צייט ניט געהאַט, פלעגט ער שרייבן באַנאַכט. זיין שרייבן איז שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן זיין טאַטן. הערסט אָן איינפאַל, אַ יונג ברענט אויס אזוי פיל קעראָסין. וואָס קעראָסין קאָסט קיין געלט ניט? דער איינציקער, וואָס פלעגט דעם יונגן דיכטער דערמוטיקן איז געווען דער זון פון זיין באַלעבאָס. א סטודענט. ער פלעגט פאַראויסזאָגן, אַז מאַני וועט אויסוואַקסן אַ פּושקין, אַ לערמאָנטאָוו און מיט אים וועט קלינגען אַ וועלט. דאָס אינגל האָט פאַרשטאַנען אַז פּושקין און לערמאָנטאָוו זיינען כ:ן הסתם עפּעס גרויסע שרייבער. ווער זיי זיינען האָט ער ניט געוואוסט. פרעגן האָט ער זיך געשעמט.

ס'האָט זיך ניט געלעבט שלעכט בּאַ זיין באַלעבאָס. ער פלעגט אַרבעטן שווער, אָבער די פּועלים זיינען געווען פריילעכע לונג און לעבערס, פלעגן טרייבן קאַטאָוועס און זינגען אַז אַ רויך איז געגאַנגען. דער באַלעבאָס איז געווען אַ מאָדנער מענטש, אָן אַ גראַם איז באַ אים ניט געגאַנגען. שטענדיק

גערעדט „פּאָעזיע". אָבער די גוטע צייט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דאָס שרייבן האָט מאַנין פאַרפירט אין אַ בלאָטע. ער האָט געכאַפּט דעם אמתן פסק פון זיין באַלעבאָס.

ס'איז געווען אַזוי. אין שטעטל איז געווען אַ יתומה. האָט קהל אָפּגע־מאַכט, אַז מען זאָל זי חתונה מאַכן. האָט מען דערטאַפּט אַ הינקענדיקן בחור און געשטעלט אַ חופּה. די חופּה איז געווען אַ גרויסאַרטיקע. די חופּה וועט־טשערע גאַר אַ געהויבענע. מען האָט אויסגעבויט אַ גרויסן שאַלאַש. און גאַנץ שטאָט איז געקומען צו דער שמחה. דער הויפּט מחותן איז געווען ר' דניאל שוחט, אַ שיינער איד, אַ למדן. חוץ דעם אַ גביר. שחיטה איז געווען באַ אים אַ זייטיקע פּרנסה. ער האָט זיך פאַרנומען מיט אָקסן האַנדל. צווישן די באַלמעלאָכעס האָט מען וועגן אָט דעם שיינעם באַלעבאָס גערעדט עפּעס גאָר ניט קיין שיינע זאַכן. איז מאַני לייב ניט פויל און באַשרייבט די גאַנצע חתונה מיט די הויפּט מחותנים, קיינעם פון די שיינע באַלעבאַטים ניט געשאַנעוועט, איבערהויפּט טאַקע דעם שוחט ר' דניאל.

אָנגעשריבן און עס פאַרגעלייענט פאַר די אַרבעטער. חברה איז עס דווקא געפעלן. אָט דאָס הייסט אַריינגעריבן. קומט אָן דער סטודענט און זעט ווי מען האַלט באַם סוף. זאָגט ער:

— וואָס, מאַני לייב, שוין עפּעס נייס אָנגעשריבן? ווייז עס נאָר. דאָס אינגל איז ניט פויל און לייענט עס פאַר נאָך אַמאָל. חברה האַלטן זיך באַ די זייטן. דער סטודענט ווערט גאָר נתפּעל פון דעם „ווערק" און שלעפּט דעם אינגל אין זאַל, ער זאָל עס פאַרלייענען פאַר די שיינע באַלע־באַטים, וואָס זיינען געקומען צו זיין טאַטן אויף טיי. וויל מאַני לייב ניט. לאָזט דער סטודענט ניט אָפּ. נו, האָט מאַני לייב אים געפאָלגט.

לייענט מאַני לייב פאַר, און ווערט אליין אַנטציקט פון זיין „מייסטער־ווערק" און זעט ניט ווי דער באַלעבאָס קאָן ניט איינזיצן; ער האָט זיך איינגעהאַלטן זייער לאַנג אָבער ווען מאַני לייב איז געקומען צו די רעכטע געדיכטע, כאַפּט זיך אויף זיין באַלעבאָס און לאָזט אים אַראָפּ איין פּאַטש נאָכן אַנדערן.

— אַ, מאַנילע, דו וועסט מיר באַרעדן אַזעלכע בכבודיקע אידן? ארויס פון מיין שטוב, אַרויס. און גאַנץ אײדל אָנגענומען מאַנין באַם קאַרק און

אים אראפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ. דאָס ביכל האָט ער צוגענומען און אריינגעוואָרפן אין אויוון.

די שויבן האָט אים מאַני לייב טאַקע דערפאַר צעבראָכן, אָבער די קלעפּ געדענקט ער נאָך היינט.

אַזוי האָט ער געשריבן לידער און געכאַפּט פּעטש. אָבער אַ סך פון זיינע לידער האָט מען געזונגען אין זיין געבורט־שטאָט. דרוקן האָט ער זיך ערשט אָנגעהויבן ווען ער איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן, וואוהין ער איז אַנטלאָפן אלס אַ פּאָליטישער. אָבער דאַן איז ער שוין ניט געווען קיין אינגל. ס'איז געווען אין 1905, און ער איז שוין געווען מער ווי צוואַנציק יאָר אַלט.

אויף אַן אמת דרוקן האָט ער זיך ערשט אָנגעהויבן אין אמעריקע. אבער דאָס איז שוין ניט קיין מעשה.

# שמואל ניגער

מאַטעריאַלן: מינדלעכע מיטטיילונגען פון פרוי ב. ניגער;
ש. ניגער; ב. וולאַדעק; טשארלס טשאַרני; מרס.
טאַלושקין; הרב טאַלושקין; א. דוקאָרער —
ש. ניגערס קינדער יאָרן, „פאָרווערטס",
אויגוסט 13, 1916; משפחה
כראָניק ד. טשאַרני.

# שמואל ניגער

שמואל ניגער, אָדער ווי זיין אמתער נאָמען איז, שמואל טשאַרני, איז געבאָרן געוואָרן אין 1884 און דוקאָר, רוסלאַנד. זיין פאָטער, אַן אָרימער קרעמער, איז געשטאָרבן יונג און שמואל איז געבליבן אַ יתום, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר פינף.

שמואל ניגער האָט געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע אידישע דערציאונג, חדר, דערנאָך ישיבה. אין ישיבה איז ער געווען אַ גרויסער מתמיד און געהאַלטן באַ סמיכה אויף רבנות, אָבער ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט אַלגעמיינע לימודים און פאַרלאָזן די ישיבה.

ער האָט זיך נאָך גאָר יונג אָנגעשלאָסן אָן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט געאַרבעט אומלעגאַל אונטערן פסעוודאָנים „אברהמל" אין אַ סך שטעט.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין העברייאיש, שפּעטער צו אין אידיש. זיין ערשטע קריטישע ליטעראַרישע אַרבעט האָט ער געדרוקט אין 1907 אין „דאָס וואָרט".

ווען ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פינף און צוואָנציק יאָר איז ער געוואָרן איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „די ליטעראַרישע מאָנאַט שריפטן".

אין 1910 האָט ניגער זיך באַזעצט אין בערן און באַזוכט דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט פון בערנער אוניווערסיטעט. אין 1912 האָט קלעצקין אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „די אידישע וועלט" און ער האָט איינגעלאַדן ניגערן אַלס רעדאַקטאָר. ניגער האָט פאַרלאָזן זיין שטודיום און געקומען קיין ווילנע רעדאַקטירן דעם זשורנאַל.

אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט ניגער רעדאַקטירט, אונטער די באָלשעוויקעס, אַ וואָכנבלאַט. אויך זאַמל ביכער. סוף 1918 האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע. ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען די שטאָט האָבן זיי אים אַרעסטירט צוזאַמען מיט די דיכטער א. ווייטער און יוסף יאַפע. מען האָט אים שיר ניט דערשאָסן. אין 1919 האָט ער פאַרלאָזן ווילנע און געקומען קיין אַמעריקע.

פון יאָר 1920 איז ש. ניגער דער רעדאַקטאָר פון „קינדער זשורנאַל". שמואל ניגער וואוינט איצט אין ברוקלין, ניו יאָרק.



שמואל ניגער.

## װעלװל שײקעס

פרײטיק צונאַכט. ס׳איז שטיל אין גאַס. דאָס גאַנצע שטעטל איז אין שול מקבל שבת. אַ שװאַרץ אינגעלע אין צעריסענע שיך לױפט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער לױפט אין שול. ער עפנט די שול טיר מיט האַסט. די שײַן פון לאָמפּ פאַלט אױפן קינדס פּנים. אַ בלײך, טונקל געזיכט, גרױסע ברױנע, צעשראָקענע אױגן. די אױגן דעקלעך זײנען רױט און געשװאָלן פון װײנען.

דאָס אינגל לױפט צו צום רב. מען האַלט אין מיטן קבלת שבת. דער רב שטעלט אָפּ דאָס דאַװנען און פרעגט אומרואיק:

— װאָס האָט געטראָפן, מוליע?

— דער טאַטע איז נפטר געװאָרן, האָט דאָס אינגל געענטפערט, און אַרױסגעפּלאַצט אין אַ געװײן.

ר׳ אשר דער מלמד, װאָס איז געשטאַנען לעבן רב, האָט פּאַרדעקט מיט דער האַנט זײן פּנים און שטיל אַרױסגערעדט דעם שפּרוך, װאָס אַ פרומער איד דאַרף זאָגן װען ער דערװיסט זיך פון אַזאַ אומגליק:

„ברוך דיין אמת".

די אידן אַרום האָבן שטיל נאָכגעזאָגט: — ברוך דיין אמת, און געשמועסט מיט די ליפּן.

אײנער אַ מיטל-יעריקער איד האָט אַרױסגעזיפצט:

— הײסט דאָס, אַז ר׳ װעלװל שײקעס איז שױן אױך ניטאָ.

דאָס אינגל האָט שטיל געכליפּעט. ר׳ אשר האָט אים געגלעט איבערן קעפּל און געזאָגט:

— קום, מוליע, קום אַהײם.

זײ גײען אַרײן אין הױז. װען די מאַמע דערזעט ר׳ אשרן ברעכט זי אױס אױפסנײ אין אַ יאָמער. ר׳ אשר עפנט אַ תהילים און הױבט אָן זאָגן שטיל מיט אַ ניגון. ער בלײבט לעבן טױטן חבר אַ גאַנצע נאַכט.

זונטיק איז דאָס גאַנצע שטעטל דוקאַר געגאַנגען צו דער לויה. אַזאַ לויה, האָט מען געזאָגט, האָט אפילו דער אַלטער רב ניט געהאַט, ווייל וועלוול שייקעס איז געווען דער שענסטער באַלעבאָס אין שטעטל.

ניט קיין גרויסער גביר איז ר׳ וועלוול געווען. אָבער ער איז געווען גאָר אַ גרויסער למדן און גאָר גאָר אַ פרומער איד, וואָס דער אמת איז באַ אים געווען הייליק און טייער; האָט אים די שטאָט דערפאַר ליב געהאַט. מען האָט אים ליב געקראָגן טאַקע באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אַלס אַן איידעם צו די האַראָוויצעס.

אָנגעקומען איז וועלוול קיין דוקאַר פון בערעזין, ערב הושענה רבה, און טאַקע גלייך אויף מאָרגן האָט מיט אים דאָס שטעטל געקלונגען. ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן מאָטיע דעם שוחט און אויסגעפּירט זיינס.

מאָטיע שוחט איז געווען דער רייכסטער און פאַרנעמסטער באַלעבאָס אין שטעטל. ער האָט אויך געשטאַמט פון גרויס יחוס, און טאַקע געווען אַ גרויסער למדן. האָט ער געפירט דאָס שטעטל פאַרן נאָז. זיין וואָרט איז געווען אַ דין.

הושענה רבה פאַר קריאת התורה שטעלט זיך אַוועק מאָטיע שוחט אויף דער בימה, טוט אַ קלאַפּ אין טיש און רופט אויס מיט זיין גראָבער הויכער שטים:

— איך פאַרלאַנג פון אונדזער רב פון שטאָט, אַז ער זאָל באַשטראָפן שמחה דעם שוסטער פאַר זיין חוצפה קעגן מיר. מען זאָל דעם חצוף דעם שוסטער באַשטראָפן און אים ניט אויפרופן צו דער תורה אַ גאַנץ יאָר.

— וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן? — פרעגט דער רב.

— ער האָט מיך באַליידיקט, טענהט מאָטיע שוחט. נאָר א שוסטער קאָן האָבן אַזאַ חוצפה. איר ווייסט דאָך, איך פאַרדינג אתרוגים צו אָרימע לייט. צען קאָפּיקעס אַ משפחה פאַר בענטשן אתרוג. אַלע ווייסן, אַז הושענה רבה אין דער פרי דאַרף מען באַצאָלן דעם אתרוג טרעגער די צען קאָפּיקעס. שמחה דער שוסטער האָט היינט איינדערפרי ניט באַצאָלט די צען קאָפּיקעס. ווען איך בין געגאַנגען הקפות, געווען אָנגעטאָן אין טלית, אין איין האַנט דעם לולב, אין דער אַנדער האַנט דעם אתרוג, לויפט צו מיר צו שמחה, שטופּט מיר אריין אַ גריוונקע און רעדט מיט התפעלות:

— נאַט אייך אייער חוב, ר׳ מאָטיע.

פאָדער איך אויף דעם רב פון שטאָט ער זאָל באַשטראָפן שמחהן פאר דער חוצפה.

דער עולם האָט אָנגעהויבן מורמלען: טאַקע נאָר אַ שוסטער, אָן עם־הארץ קאָן שטופן אַ שיינעם אידן אין האַנט אַ גריווינקע צו הקפות. דער שמש איז געשטאַנען און געוואַרט, דער רב האָט עפּעס איינגעטענהט מיט מאָטיע דעם שוחט, און די גאַנצע שול האָט געברומט. אין מיטן טומל האָט זיך דער נייער אײדעם, וואָס איז אָנגעקומען ערשט נעכטן קיין דוקאָר, אויפגעשטעלט און אויסגעשריען:

— איך רוף מאָטיע דעם שוחט צו אַ דין תורה.

ס'איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן אין שול. אַלע האָבן זיך אַ קער געטאָן צום יונגן מאָן.

און דער יונגער מאָן האָט גערעדט:

— ניט שמחה דעם שוסטער דאַרף מען באַשטראָפן, נאָר מאָטיע דעם שוחט, פאַר פאַרשעמען אַ אידן פאַר אַלעמען אין די אויגן. ר' מאָטיע איז דאָך אַ איד אַ למדן, איז דאָך אים באַקאַנט די גמרא: „דער וואָס פאַרשעמט עמיצן פאַר אַלעמען אין די אויגן פאַרלירט זיין חלק עולם הבא.״ ר' מאָטיע האָט פאַרשעמט אומזיסט אַ פרומען אידן פאַר אַלעמען אין די אויגן. באַ שמחה דעם שוסטער איז צען קאָפּיקעס אַ גרויסע מטבע. ר' מאָטיעס חוב איז באַ אים געווען הייליק. ס'איז דאָך פאַר אַ מצוה, פאַר בענטשן אתרוג. ווען ער האָט געקראָגן די צען קאָפּיקעס איז זיין פרייד געווען גרויס, ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און איז צוגעלאָפן צו ר' מאָטיען אינמיטן די הקפות באַצאָלן פאַר דער מצוה. און ר' מאָטיע האָט אים דערפאַר פאַר־שעמט. איך רוף דערפאַר ר' מאָטיע שוחט צו אַ דין תורה.

דער סוף איז געווען, אַז מאָטיע דער שוחט האָט גע׳בעטן מחילה באַ שמחה דעם שוסטער.

און דאָס שטעטל האָט באַלד אָנגעהויבן קלינגען מיט וועלוול שייקעס.

## ר' אָשר

ר' אשר דער מלמד איז געווען אַ יונגער מאָן אין זעלבן עלטער וואָס וועלוול שייקעס. חתונה געהאַט האָט אשר אין דוקאָר מיט אַן אָרים מיידל

פון געמיינעם גראַד. ער האָט זיך געהאַלטן פון דערווייטנס מיט אַלע באַ־לעבאַטים. ער האָט ניט ליב געהאַט זייער בלאָזן פון זיך. אַליין איז ער געווען אַ גרויסער למדן און קענער פון לשון קודש. ער האָט געהאַלטן אַלעמען פאַר נאַראָנים און פאַרשטאָפּטע קעפּ. ער האָט אין זיך שטיל אָפּ־געלאַכט פון דעם גאַנצן שטעטל. אַז ר' אשר האָט הושענה רבה דערזען דעם היציקן יונגן מאַן אין שול איז ער אים געפעלן געוואָרן.

די צוויי יונגע לייט זיינען שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן; וועלוול שייקעס האָט געמאַכט אָשר'ן פאַר אַ פאַרברענטן חסיד. זיי פלעגן טאָקע ביידע צוזאַמען פאָרן צום רבין, דערנאָך לערנען מיט דעם גאַנצן שטעטל דעם רבינס תורה. ווייל ווער נאָך האָט געקאָנט אַזוי גוט פאַרשטיין דעם רבינס תורה ווי די צוויי פייערדיקע יונגע לייט?

זיי זיינען צוגעבונדן געוואָרן איינער צו דעם אַנדערן זייער שטאַרק. אַז וועלוול איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט, איז אָשר פון אים ניט אָפּגע־טראָטן, פלעגט זיך געפינען בּאַ וועלוולען אין הויז מער ווי בּאַ זיך אין דער היים.

## גמרא־חדר

אַלע וועלוולס קינדער זיינען געווען געראָטענע. אָבער מוליע איז געווען דער געראָטנסטער. דער פאָטער האָט עס באַלד דערקאָנט און ליגנ־דיק אויף דעם קראַנקן בעט האָט ער גערעדט צום חבר:

— ווייסט דאָך, אָשר, גאָט האָט מיך געבענטשט מיט פינף זין. די עלטערע צוויי זיינען וואוילע קינדער. די צוויי אינגסטע זיינען נאָך עופהלעך מוליע, דער דריטער זון, איז דוכט זיך נאָך אויך אַ קינד, אינגאַנצן פינף יאָר אַלט, אָבער איך זאָג דיר, אַז ער איז גאָר אַן אַנדער מין קינד. איך זע דאָך שוין, אַז איך וועל לאַנג דאָ הי ניט זיין, בעט איך דיך דו זאָלסט איבערנעמען די השגחה איבער אים.

— נאַרישקייטן, וועסט נאָך לעבן לאַנגע יאָר און דערלעבן זיין בר מצוה און חתונה, האָט געענטפערט אשר.

— וואָס פּלוידערסטו ווי אַן אַלטע אידענע, האָט געענטפערט וועלוול.

וואָס בין איך, אַ קינד? איך ווייס ניט וואו איך האַלט אין דער וועלט? הער בעסער וואָס איך רייד צו דיר. איך וויל דו זאָלסט אריינגעמען שמואליקן צו דיר אין חדר.

— וואָס וועט ער דאָרטן טאָן צווישן גמרא אינגלעך?

— נעם אים אריין וועסטו זען. איך זאָג דיר, אַז דאָס אינגל איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע קינדער. מעגסט אים אַריינגעמען צווישן דיינע גמרא תלמידים. ס'וועט אים ניט נעמען לאַנג זיי אַריבעריאָגן.

אויף מאָרגן איז דער קליינער שמואליק געזעסן אין חדר צווישן צען, צוועלף, פערצן יעריקע גמרא אינגלעך.

שמואליק איז געווען קליין און וואוקס. און אַ זייטיקער מענטש וואָס האָט געזען דעם קליינינקן זיצן באַם טיש מיט די גרויסע יונגען האָט ער געמיינט, אַז מען האָט גלאַט אַזוי אוועקגעזעצט אַ קינד באַם טיש זיך צו שפּילן. דאָס קינד האָט אָבער באַוויזן וואונדער. איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז ער שוין געזעסן מיט אַכט יעריקע גמרא קינדער און געלערנט צוזאַמען.

## דער שווייגנדיקער שטאָלצער „קאַדופּטשיק"

אַ שוואַרצינקער, אַ קורצינקער אינגעלע, מיט אַ קיילעכדיק פּנימל, גרויסע ברוינע אויגן וואָס קוקן שטענדיק פאַרוואונדערט אויף גאָטס וועלט. מוליע איז זיבן, אַכט יאָר אַלט. אַ שטילער, אַ צוריקגעצויגענער. זעלטן האָט ער זיך געשפּילט מיט חברים. געזעסן טאָג און נאַכט באַ דער גמרא. האָט זיך ניט געמישט מיט די קינדער, ניט גענומען קיין אנטייל אין זייערע שפּילן. מען האָט אים דערפאַר גערופן „שטיל וואַסער", דער שווייגער, און קאַדופּטשיק (קליינינקער). ער איז אַזאַ שטאָלצער, אַזאַ רואיקער, אַזאַ צוריקגעהאַלטענער, און דוכט זיך קאָן קיין צווי ניט ציילן. אָבער אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס אינגל בלייבט קיינעם ניט שולדיק קיין ענטפער. און אַלע האָבן געזאָגט — ס'איז דאָך באַוואוסט אַז שטיל וואַסער גראָבט טיף.

אַט זיצט ער באַ דער גמרא, און דאָס אינגל איז נאָך קיין זיבן יאָר ניט אַלט. ער לערנט שוין פאַר זיך. דער רבי איז אין אַ צווייטן צימער,

האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ ווילע. די תּלמידים — צען, צוועלף יאָריקע אינגלעך, דאַרפֿן צוגרייטן דעם „לייענען”. זיצן די תּלמידים און פֿוילן זיך אונטער. מולקע איז דער איינציקער וואָס לערנט.

זיצן די אינגלעך און ריידן צווישן זיך. מוליע הערט ניט, ער לערנט. קרימען אים נאָך די תּלמידים.

— אַן אָקס וואָס האָט געשטויסן אַ בהמה — הערט נאָר אַ מעשה, אונדזער דאַגה צו דער אָקס האָט געשטויסן די בהמה איינמאָל צי צוויי מאָל. מיר דאַרפֿן ברעכן די קעפּ איבער דעם. זעט נאָר זעט, עס גייט אים אין לעבן. ער מוז דאָס וויסן.

שמואל לערנט און ענטפֿערט ניט.

און די אינגלעך ריידן צווישן זיך ווייטער. דערציילט משה יאָשעס: איך האָב זיך געשפּילט לעבן וואַסער מיל. דער מילנער האָט דאָך אַ שוואַרצן באָק. איך האָב אָנגעהויבן וואַרפֿן שטיינער אויפֿן באָק. דער באָק האָט אָנגעהויבן לויפֿן, האָט זיך צעלאָזן און אַריבערגעשפּרונגען דעם הויכן פּאַרקן, וואָס איז לעבן מיל.

ענטפֿערט אַרטשע בעניע דעם בלעכערס: אויך מיר אַ ווערדע. אונ־דזער ווייסע ציג איז אַריבערגעשפּרונגען דעם אָגאָראָדניקס (גערטנערס)ביידע פּלויטן, איינעם נאָכן אַנדערן.

די אינגלעך הויבן זיך אָן אַמפּערן — דער זאָגט, אַז דעם מילנערס ציג קאָן שפּרינגען העכער, דער אַנדערער זאָגט, אַז אַרטשעס ציג קאָן שפּרינגען העכער. די אינגלעך צעהיצן זיך און הויבן זיך אָן קריגן הויך און שטאַרק.

דער קליינער שמואליק טוט זיך אַ קער צום חבר און רעדט אַרויס שפּאַטיש:

— זעט נאָר, זעט, וועלכע ציג קאָן שפּרינגען העכער איז זייער דאַגה, און צי אַן אָקס האָט געשטויסן די בהמה איינמאָל אָדער צוויי מאָל איז ניט זייער עסק. פֿאַרשטייט זיך, זיי זיינען גערעכט. צום אָקס פֿון דער גמרא דאַרף מען דאָך צוליגן קאָפּ.

און ניט נאָר קלוג איז דאָס אינגל, ער איז אויך שטאָלץ.

אַט איז אַ חתונה באַ אַ קרובה. פֿאַרשטייט זיך, די יתומים זיינען אויף דער חתונה. באַניע, דער ברודער אונטער שמואליקן איז פֿאַרשמאַיעט. ער

לויפט פון די מוזיקאַנטן צו די קעכינס אין קיך. פון קיך צום חתנס צד, פון חתנס צד צו כלהס צד. ער איז אומעטום פול. אָט איז שוין נאָך דער חופּה. מען טאַנצט, מען הוליעט. סאַרווערס טראָגן פולע טאַצן מיט לעקאַך, טאָרטן, שטרודלען און בראַנפן. אַלע ווילן טוט באַניע אַ שפרונג און טוט אַ כאַפּ פון טאַץ אַ הויפן לעקעך, א פּאָר שטיקלעך שטרודל, אַ קעלישקל ווייַן. שמואליק שטייט לעבן וואַנט. דאָס פּנים אָנגעצויגן, ערנסט — אָן אַ שמייכל. באַניע פּאַקט אויף ביידע באַקן און לאַכט, שפּאַסט, און שמואל קוקט אויף אַלץ און אַלעמען און טוט זיך ניט אַ קרים. באַמערקט איינער א קרוב די יתומים, גייט צו זיי צו און רופט זיך אָן:

— קאַדופּטשיק, וואָס שטייסטו ווי אַן אָפּגעמאָלטער. ס׳איז דאָך א חתונה. זע, טו אַ טאַנץ, אַ שפּרונג — אָט ווי באַניע. טו אַ כאַפּ אַ שטיקל לעקעך, א ברעקל טאָרט, אַ שטרודל, אַ קעלישיק וויין. ס׳איז דאָך אַ חתונה!

און דער קליינער שוויגער ענטפערט געלאַסן:

— אַ פרעמדער טאָר ניט כאַפּן, אַ מחותן דאַרף ניט כאַפּן. מען פאַרבעט אים צום טיש.

דער קרוב האָט זיך צעלאַכט. ער איז אַוועק צום חתנס צד און דערציילט די חכמה פון קאדופּטשיק, דערציילט עס אויך דער כלהס צד. און טאַקע באַלד האָט מען דעם אינגל אַוועקגעזעצט אויבן־אָן.

## אָוונטן

דער קליינער מוליע האָט ליב געהאַט די אָוונטן. באַטאָג איז טומלדיק און שרייענדיק. דער מאַרק איז רוישיק און די אינגלעך אין חדר נאָך ערגער. ווען ער וויל זיך פאַרטיפן אין אַ שווערן ענין שפּאַרט ער אָן דעם קאָפּ אויף די הענט און מיט די צוויי גראָבע פינגער פון די הענט פאַרבייגט ער די לעפלעך פון די אויערן. ער פאַרקוועטשט זיי, אַזוי אַז קיין שאָרך זאָל זיך ניט הערן אין גאַס. זיצט ער באַם טיש מיט דעם קאָפּ אַרייַנגעגראָבן אין גמרא. די קינדער לאַכן פון אים, רייצן זיך, רופט אים צונעמענישן — ער הערט קיינעם ניט. אָבער ווי ער נעמט אַראָפּ די פינגער פון די אויער לעפלעך איז ווייטער טומל, רויש. דערפאַר האָט ער בעסער ליב די אָוונטן.

אין די אָוונטן איז די גאַס שטיל. אין הויז איז נאָך שטילער. ער זיצט באַם טיש, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט נאָר אויף איין האַנט, און קוקט אַריין אין א ספר. לעבן אים זיצט באַניע. דער קליינער דאַניע ליגט צונויפגעדרייט ווי אַ בייגל אויף דער קאַנאַפּע און שלאָפט. די שוועסטער איז ערגעץ אָוועק. די מאַמע האָט אויסגעשפּרייט א יוכט אויפן דיל און צייכנט אויס מיט קרייד אויף דער גלאַנציקער זייט פון יוכט פרישוועס און כאַליעוועס. די מאַמע צייכנט מיטן שטיקל קרייד און איר האַרץ שרעקט — ווער ווייס, אפשר קאָן מען אויסמערקירן נאָך אַ פּאָר פרישוועס. באַקוקט זי די יוכט און וויל אויף זיך ניט שטעלן. זי רופט זיך אָן:

— נו, קינדער, טוט נאָר אַ קוק ווי איך האָב אויסמערקירט. אפשר קאָן מען נאָך עפּעס אַרויסקוועטשן פון דעם יוכט?

באַניע און מוליע טוען זיך ביידע אַ לאָז צו דער יוכט. ברוך הויבט אָן צייכענען און צעלאָזט זיך אויפן קול — „דאָ לעבן דעם האַלדז פון יוכט קאָן מען אַריינקוועטשן נאָך אַ פרישווע, דאָ לעבן בויך קאָן מען אויסמער־קירן נאָך אַ האַלבע כאַליעווע.” מוליע שוויגט. ער באַטראַכט די יוכט, זעט וואו די פעל איז גראָב, דיק, און ווייך, וואו זי איז דין, האַרט, ברעקלדיק. ער נעמט דאָס שטיקל קרייד אין האַנט און מאַרקירט אויס די יוכט מיט דינע פּאַסיקלעך, אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע. דערנאָך באַקוקט ער די אָנגע־צייכנטע פיגורן, רייבט ערגעץ וואו אָפּ אַ פּאַסיקל, שטעלט אין אַנאַנדער פלאַץ צו אַ ליניע און דערנאָך צייכנט ער אָן מיט דיקע ווייסע פּאַסן פון וועלכער טייל יוכט אויסשניידן פרישוועס, פון וועלכער טייל אַרויסשניידן כאַליעוועס. שפּעטער ווען די מאַמע וויל צושניידן די פעל צייכנט זי איבער, אָבער וועלכן פלאַן זי פּרובירט מוז זי אָנקומען צו מוליעס פלאַן.

און אויב די וואָכעדיקע אָוונטן זיינען דעם אינגל געווען ליב, זיינען די שבתדיקע פאַרנאַכטן אים געווען נאָך ליבער. באַלד נאָך מנחה, ווען די־זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן, האָט זיך אַ האַלב שטעטל פאַרזאַמלט באַם רב אין שטוב. דער רב איז געווען די יתומימס אַ פעטער, און די קינדער האָבן דאָרטן געטאָגט און גענעכטיקט. שבת פאַרנאַכט האָבן זיי דאָך אוודאי ניט געפעלט — פאַרנומען דעם טאָטנס אָרט.

דער רב פּראַוועט שלש סעודות (דער דריטער מאָלצייט פון שבת). ער מאַכט המוציא אויף א חלה. ברעכט אָפּ אַ שטיקל. יעדער איינער מאַכט

המוציא אויף א שטיקל חלה און נעמט א שטיקל הערינג. מען עסט נאָר כדי יוצא זיין. באַלד הויבט אָן דער רב זאָגן חסידות. ס'איז שטיל. מען קאָן הערן ווי אין דרויסן שאַרשקען די בלעטער פון דעם בוים וואָס שטייט לעבן פענצטער. דער רב זאָגט חסידות מיט אַ מאָדנעם ניגון — פאַמעלעך — רעדט אַרויס יעדעס וואָרט דייטלעך און שאַרף. ער רעדט פון מאָדנע זאַכן — וויכטיקע, גרויסע זאַכן. ער רעדט וועגן דעם שעפער פון דער וועלט, די שטול פון שעפער און דעם רייטוואָגן; די טויערן פון ריינקייט און די טויערן פון אומריינקייט; די כרובים וואָס באַוואַכן די הערלעכע שטול און די שרפים וואָס זינגען אַ לויב צו אים. עס פאַרטראָגט די קינדער אין אַ ווייטער, מאָדנער, געהיימניספולער וועלט. די אינגלעך שטייען צוגעשפּאַרט צום וואַנט און הערן זיך איין מיט אָפענע מיילער.

באַלד ווי דער רב ענדיקט דאָס זאָגן, הויבט מען אָן זינגען. פון אָנהויב זינגט מען האַרציק, שטיל, פאַרבענקט. באַלד ווערן די טענער העכער, שטאַרקער, פריידיקער — טענער פול מיט געזאַנג, דאַנק און לויב צום שעפער פון דער וועלט, וואָס גיט אַכטונג אויף אַ גרעזעלע אין פעלד, אויף אַ בוים אין וואַלד און אויפן וואַסער פון ים.

אַלע זינגען מיט, מוליע אָבער שווייגט. ער איז אַזוי פאַרכאַפּט פון געזאַנג, אַז ער קאָן ניט עפענען דאָס מויל. ער פאַרבייסט די ליפּן, פאַרמאַכט די אויגן און בלייבט שטיין ווי אַ פאַרחלשטער. ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט אויסזינגען אליין אַזוי אַז אַלע, ניין די גאַנצע וועלט זאָל קאָנען הערן זיין גרויסע פרייד.

ווען מען גייט אַהיים, רעדט באַניע מיט רוגזה:

— דו ביסט אָט ווי אַ קאַלטער מתנגד. עפּנסט ניט קיין מויל.

מוליע ענטפערט ניט. ער קאָן ניט דערציילן, אַז ער האָט ניט געזונגען ווייל אין מיטזינגען אליין האָט ער ניט געקאָנט אַרויסשרייען זיין פרייד... אַזעלכע זאַכן דערציילט מען ניט. מען קאָן זיי ניט דערציילן.

## די גרויסע גנבה

דער אלמנה האָט זיך געלעבט שווער, אָבער זי האָט זיך פאַר קיינעם ניט געקלאָגט; זי האָט זיך געפירט ווי עס פּאַסט פאַר וועלוול שייקעס אַן

אַלמנה. פרייטיק ווען זי האָט געקויפט צען פונט פלייש אויף שבת, האָט מען דערפון אָוועקגעגעבן פינף פונט פאַר אָרימעלייט. נאָך זיין טויט אַז זי האָט נאָר גענומען זעקס פונט פלייש אויף שבת, האָט זי אָוועקגעגעבן דריי פונט די אָרימעלייט. צוויי מאָל אַ יאָר איז זי געפאָרן אין מינסק נאָך סחורה. האָט זי דאָן געבראַכט פאַר ר׳ אָשרן אַ פּאָר שאַגרינענע שטיוול מיט ווייכע כאָליעוועס, וואָס זאָלן זיך קנייטשן פון זיך אַליין. אָשר האָט זיך געבייזערט:

— איך וויל ניט קיין שטיוועלעטן. איך וויל ניט קיין שכר לימוד פאַר וועלוול שייקעס קינדער.

אָבער ברכה האָט זיך געבעטן:

— דו ווילסט דאָך ניט, אָשר, אָוועקנעמען פון מיר דעם גאַנצן פאַר־געניגן פון צאָלן שכר לימוד. איך קען דיר ניט צאָלן די פולע סומע. לאָמיך דיר כאָטש עפּעס געבן.

— ביסט גערעכט, ברכה, טאַקע. ס׳איז אַ גרויס פאַרגעניגן צאָלן פאַר אַזעלכע קינדער שכר לימוד. דער קלענערער איז אַ וואוילער אינגל, אָבער דער עלטערער, מוליע, איז עפּעס גאָר אַזוינס און אַזעלכס. איך זאָג דיר, אַז נאָך אַ יאָר, צוויי, וועל איך מיט אים קאָנען פאַרברענגען פונקט ווי איך האָב פאַרבראַכט מיט זיין טאַטן וועלוולען. אָט דאָס קליינע אינגל באַנעמט זאַכן שנעלער און טיפער ווי אַ סך פון אונדזערע שיינע באַלעבאַטים אין שטעטל.

די קינדער האָבן זייער שטאַרק ליב געהאַט זייער רבין ר׳ אָשרן, אָבער זיי איז ניט געווען באַשערט לאַנג בלייבן באַ אים אין חדר. די מאַמע האָט זיי געמוזט אָוועקשיקן אין דער פרעמד. זי האָט פראָסט ניט געהאַט מיט וואָס זיי אויסצוהאַלטן.

מען האָט דער מאַמעס לעדער קרעמל באַגנבעט.

דער פאָטער האָט איבערגעלאָזן אַ לעדער קראָם. קיין גרויסער סוחר איז דער פאָטער ניט געווען, אָבער דאָך האָט ער גרינג אויסגעשלאָגן די הוצאה, ווייל ער איז געווען איינער אין שטעטל. נאָך זיין טויט אָבער, האָט אַ שכן געעפנט פונקט אַזאַ לעדער קרעמל און קאָנקורירט מיט דער אַלמנה. די אַלמנה האָט קוים פאַרדינט אויף צום לעבן. דאָך בעסער ווי גאָר ניט. טרעפט אָבער אַ מעשה, אַז מען באַגנבעט דאָס קרעמל און די אַלמנה בלייבט ווי אויפן וואַסער.

ס׳איז געווען אַ ווינטערדיקער פרימאָרגן. די מאַמע איז ווי אַלעמאָל אויפגעשטאַנען פרי, גענומען אַ שעפל אין האַנט און געוואָלט אַרויסגיין דורך דער טיר, וואָס פירט דורך דעם פאָרהויז. זי האָט געוואָלט גיין אין שטאָל אויסמעלקן די בהמה. אָבער די מאַמע קאָן ניט עפענען די טיר. טראַכט זי, אוי־וואַ, ס׳האָט געמוזט זיין אַ גרויסע זאַווערוכע היינטיקע נאַכט. דער ווינט האָט געבלאָזן פון הויף זייט און פאַרשאָטן די טיר. מען דאַרף אַרויס־גיין דורך דער גאַס טיר.

גייט די מאַמע און פרובירט עפענען די גאַס טיר. רירט זי זיך ניט פון אָרט. טראַכט די מאַמע — עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז דער ווינט האָט געבלאָזן פוןביידע זייטן... עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק. זי האָט אויפגעוועקט די קינ־דער און אַלע צוזאַמען האָבן גענומען שטופּן איין טיר, די אַנדערע טיר. זיי האָבן גאָרניט געקאָנט אויפטאָן, די טירן עפענען זיך ניט. די פאַמיליע האָט זיך גוט דערשראָקן. די מאַמע האָט גענומען קלאַפּן אין די פאָרפראָרענע שויבן — אַזוי, אַז פאַרבייגייער זאָלן העלפן פון דרויסן.

עס האָט זיך אויסגעלאָזן אַ שיינע מעשה. גנבים האָבן צוגעשפּאַרט מיט פלעקער ביידע טירן, אַזוי, אַז מען זאָל ניט קאָנען אַרויס פון הויז. פון דעם אויסגעמויערטן פונדאַמענט האָבן זיי אַרויסגעקלאַפּט אַ שטיין, אַריין דורך דער עפענונג אין שפּייכלער אריין, און אַרויסגעטראָגן די גאַנצע לע־דער.

באַלד ווי מען האָט דערהערט דאָס קלאַפּן אין פענצטער האָט מען פון דרויסן געעפנט די טירן. עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרויסער עולם. מען האָט גערעדט, געשריען, געגעבן עצות. פּאָליציי איז אָנגעקומען.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געטומלט. מענטשן זיינען געקומען און אוועק. די טיר האָט זיך ניט צוגעמאַכט. אין אָוונט איז געוואָרן שטיל. די קינדער זיינען געבליבן זיצן אויסגעמאַטערטע און איינגעשלאָפן יעדערער אין זיין ווינקל. און די מאַמע האָט ניט געקאָנט שלאָפן — זי איז געזעסן אַ מידע, אַ צעבראָכענע, און געשעפּטשעט שטיל:

— וואָס וועל איך איצטער טאָן מיט אייך, יתומימלעך מיינע, וואָס זאָל איך איצטער טאָן מיט אייך?...

שמואל ניגער

## אין בערעזין

די מאַמע האָט זיך בעראַטן מיט ר' אשרן, וואָס צו טאָן מיט די קינדער. און אשר האָט געזאָגט:

— געוויס אַ שאָד לאָזן אַזעלכע צוויי יונגע קינדער אין דער פרעמד. אָבער ווי אַזוי וועסטו, ברכה, זיי דאָ אויסהאַלטן? דו ביסט דאָך איצט, נאָך דער גנבה, געבליבן הויל, נאַקעט. האָסט ניט מיט וואָס איבערלעבן אַ טאָג. זאָלן זיי אָוועקפאָרן. די עלטערע צוויי קינדער זיינען דאָך שוין לאַנג אין דער פרעמד. זאָלן די אינגערע צוויי נאָכטאָן די עלטערע ברידער. שיק זיי לערנען אין מינסק.

די מאַמע איז ניט שטאַרק געווען צופרידן מיט אשרס עצה, שיקן די קינדער קיין מינסק. און זי האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— אודאי, אשר, וועל איך מוזן שיקן די קינדער אין דער פרעמד. אָבער אַ מאַמעס האַרץ לאָזט ניט אָוועקשיקן אַזאַ עופהלע ווי באניע. איך וועל שיקן נאָר מוליען, און איך רעכן אַז עס איז בעסער אים שיקן אין בערעזין; דער עלטערער ברודער זאָלקע לערנט שוין דאָרטן מער ווי אַ יאָר וועט ער אויף מוליען אַכטונג געבן.

און עס איז טאַקע געבליבן אַז מוליע זאָל אָוועקפאָרן קיין בערעזין.

אין דעם קליינעם שטעטל בערעזין האָבן זיך די קינדער אויפגעהאַלטן אַ יאָר, צוויי; זיי האָבן זיך געלערנט גוט. שמואל — גאָר, גאָר גוט. ער האָט געקראָגן אַ נאָמען — „דער דוקאָרער עילוי". ס'האָט אָבער פּאַסירט, אַז דאָס שטעטל האָט אָפּגעברענט און די קינדער האָבן זיך צוריקגעקערט קיין דוקאָר. די מאַמע האָט שוין אויסגעריכט קיין מינסק אויך באָניען.

## אין מינסק

נאָך איידער דער קליינער שמואל איז אָנגעקומען קיין מינסק האָט זיך צווישען די בחורים צעטראָגן די נייס, אַז דער „דוקאָרער עלוי" קומט. זיי האָבן דערוואַרט זען אַ דערוואַקסענעם בחור, אַ גרויס־האַלטער. זיי האָבן אָבער

דערזען אַ קליין אינגל, וואָס קוקט אויס ווי אַ קינד. אַ אינגל מיט אַ ווייס, צאַרט געזיכט, שוואַרצע האָר און שטילע, ברוינע אויגן. אַ שעמעוודיק, צוריקגעהאַלטן אינגל. האָבן די בחורים געקנייטשט מיט די פּלייצעס — זעט נאָר, אויך אַ מענטש.

די בחורים האָבן אָבער געמיינט, אַז אַזאַ קליינער „קאַדופּטשיק" וועט זיך וועלן איינקויפן באַ די גרויסע אין יחוס און מיטשפּילן מיט זיי. האָבן זיי זיך אָבער ווידער אָפּגענאַרט. שמואל האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג.

דעמאָלט זיינען אין דער ישיבה אין מינסק געווען צוויי ראש־ישיבה׳ס. איינער אַ למדן און דער אַנדערער — ניט אַזאַ שטאַרקער קענער. דער שוואַכער קענער איז געוואָרן אַ ראש ישיבה צוליב דעם שווערס רייכקייט. דער שווער זיינער איז געווען גאָר אַ רייכער קצב. די ישיבה בחורים האָבן ליב געהאַט זיך צו רייצן מיט דעם ניט למדנישן ראש ישיבה. זיי פלעגן אויפזוכן קשיות פון אונטער דער ערד, ער פלעגט ניט וויסן וואָס צו ענטפערן. האָט ער געליטן.

די בחורים האָבן גערעכנט, אַז דער „קאַדופּטשיק" וועט באַלד זיך אַריינוואַרפן אין שפּיל און העלפן מאַטערן דעם ראש ישיבה. דעם דוקאַרער עילוי וועט דאָך ניט זיין שווער אויפזוכן קשיות. זיי האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. שמואל איז געזעסן שטיל, זיך ניט געמישט. גאַנץ אָפט פלעגט ער אַריינוואַרפן אַ וואָרט, אַרויסהעלפן דעם ראש ישיבה...

אָפּגעזונדערט פון אַלעמען פלעגט ער זיצן אין אַ ווינקל און לערנען אין דער הויך, אויפן קול. און עס האָט געטראָפן, אַז א מיידל אין דער שול גאַס איז משוגע געוואָרן. דאָס מיידל פלעגט אַרומלויפן איבער די גאַסן און שרייען מיט באַנומענע קולות:

—עס האָבן זיך אויסגעלאָזן מענטשן פון דער וועלט. אַנטרונען זיינען זיי, געבליבן זיינען נאָר ווילדע חיות, וואָס פאַרצוקן איינע די אַנדערע...

די הענט אויסגעשפּרייט ווי פליגלען, די האָר צעלאָזן, פלעגט דאָס מיידל אַרומלויפן און פאַרהילכן די גאַסן מיט איר פּיזמון.

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז זי איז פאַרבייגעגאַנגען די „טאָטערשע" שול וואו שמואל האָט געלערנט און זי האָט דערהערט ווי ער לערנט אויפן קול. זי איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך אַ ווילע צוגעהערט און דער־נאָך געזאָגט:

— איך הער אַ זיס קול. פון וואַנען קומט דאָס קול

זי האָט זיך נאָך אַ ווײַלע צוגעהערט און אויסגעשריִען:

— איך ווייס פון וואַנען דאָס קול קומט. עס קומט פון שול און אַ מלאך לערנט דאָרט.

זי איז אַריין אין שול, פאַרטייעט זיך אין אַ ווינקל און צוגעהערט זיך צו שמואלס לערנען.

אַזוי טאָג איין טאָג אויס... וויפיל מען האָט דאָס אָרימע באַשעפעניש ניט געטריבן פון שול האָט ניט געהאָלפן.

דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן ווערן שטילער און רואיקער. אין אַ צייט אַרום איז זי פאַרשוואונדן פון בית המדרש און מען האָט זי מער ניט געזען לויפנדיק איבער די גאַסן און שרייען.

## עסן טעג

שמואל האָט ווי אַלע ישיבה בחורים געגעסן טעג. כמעט יעדער איד האָט געהאַלטן פאַר אַ חוב געבן אַ ישיבה בחור עסן איין טאָג אין וואָך. אָפּט האָבן ישיבה בחורים געגעסן טעג אין הייזער וואו עס איז ניט געווען גענוג ברויט פאַר אייגענע. אַזאַ טאָג איז פאַרשטייט זיך געווען ניט קיין צו זאַטער... אָפּט איז געווען נאָך ערגער. אַ בחור האָט געהאַט אַ טאָג באַ אַ קאַרגן אידן, וואו מען האָט דעם פרעמדן בחור ניט פאַרגונען דעם ביסן אין מויל. אויף אַזאַ טאָג האָט מען געהונגערט. מען האָט אים שטענדיק גע־פרואווט פאַרבייטן אויף אַן אַנדער טאָג. שמואל און דער ברודער ברוך זיינען געווען מזלדיקער ווי אַלע בחורים. די ברידער האָבן געהאַט טעג באַ זייערע קרובים — רייכע משפחה. איז דאָך געווען דוכט זיך, גוט. זיינען געווען אַנדערע צרות. איבערהויפּט האָט געליטן שמואל, וואָס איז געווען זייער אַ שעמעוודיקער.

ער האָט געליטן ווייל מען האָט זיך מיט אים געצאַצקעט צופיל. יעדע קרובה האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, וואָס דער דוקאָרער עילוי — ברכה וועלוולס מיטעלער אינגל, עסט באַ איר אַ טאָג. איז די קרובה גע־שטאַנען איבערן אינגל און אים געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ — „זע נאָר ווי

ער עסט ווי אַ פייגעלע. עס נאָך אַ שטיקל פלייש. שעם זיך ניט. נעם נאָך אַ שטיקל ברויט." באַ שמואלן האָט זיך געשטעלט דער ביסן אין האַלדז. און ווען די באַלעבאָסטע האָט זיך אָפּגעקערט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיקל פלייש, אַ שטיקל ברויט און באַהאַלטן אין קעשענע. אָדער פאַררוקט אונטערן טיש. זאָל זי מיינען, אַז ער האָט עס אויפגעגעסן. פון טיש איז ער גאַנץ אָפט אַרויס אַ הונגעריקער.

זיין דאָנערשטיק האָט אים פאַרשאַפט גאָר גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן. אַט דעם טאָג האָט שמואל געגעסן באַם גביר פון שטאָט, טאָקע עפּעס אַ ווייטער קרוב. זעט מוליע אַז ווען ער קומט אַהין איז די גאַנצע פאַמיליע פאַרזאַמלט אַרום טיש און עס קוקט אויס ווי מען וואַרט אויף אים מיטן עסן. אַזוי איינמאָל, צוויי מאָל. ער פאַרשטייט עס ניט. מילא, ער איז שוין גע־וואוינט, אַז מען זאָל זיין גאַנץ אויפמערקזאַם צו אים. אָבער דאָ איז שוין אַביסל צופיל. ער באַמערקט אויך, אַז ווען ער קומט אָן, איז די עלטסטע טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. ס'איז אים אריין אין נאָז. באַלד טאַקע האָט דער גביר אָנגעהויבן געבן אָפּענע אָנצוהערעניש, וועגן אַ שידוך מיט דער עלטסטער טאָכטער. שמואל האָט אים גאַנץ רואיק אויסגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אויפגעהערט קומען.

די בחורים פון דער ישיבה האָבן פון אים געלאַכט:

זעט נאָר אַ כניאָק; אַזאַ גאָלדענער שידוך! דער טאַטע אַ גביר, דאָס מיידל אויך ניט קיין מיאוסע. ווערט מען אַן אָפּטער אַריינגייער אין הויז און מען לעבט אַ טאָג.

שמואל האָט אויסגעהערט אַלעמען, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ניט געענט־פערט און ניט געגאַנגען מער צום גביר. ער האָט שטענדיק געהאַט זיין אייגענעם וועג.

## אַרויס פון קלויז

שמואל האָט פאַרלאָזן די קלויז ניט קיין פאַרביטערטער; אין מינסק האָט מען ניט פאַרפאַלגט די ישיבה בחורים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט

לערנען אַלגעמיינע למודים. און ווען שמואל און ברוך זיינען געווען אין קלויז האָבן זיי זיך שוין געלערנט רוסיש. אין דער בּיליקער שטאָטישער קיך האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן סטודענטן, ישיבה בחורים און ארבעטער. אָפט האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע דיסקוסיע צווישן זיי. מינסקער איינוואוינער האָבן ניט געקוקט קרום, וואָס ישיבה בחורים נעמען אַן אָנטייל אין די דיסקוסיעס. ס'האָט געהאָלפן א סך דאָס, וואָס אפילו די פרומע אידן פון מינסק זיינען געגאַנגען האַלב איירָאָפּייאיש געקליידט. די יונגע קלויזניקעס זיינען אויך ניט געווען אָנגעטאָן אין זשופּיצעס, שטריימלעך און לאַנגע פּיאות, זיינען זיי ניט געווען אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

ווען שמואל האָט פאַרלאָזן די קלויז האָט ער שוין געקאָנט גאַנץ גוט רוסיש, געהאַט גאָר ברייטע קענטעניששן אין דער העברייאישער ליטעראַטור, געווען אַ היפּש ביסל באַקאַנט צווישן דער יוגנט אין מינסק, פון די אָפטע דיסקוסיעס מיט די אַרבעטער און סטודענטן אין דער שטאָטישער ביליקער קיך.

די צוויי ברידער האָבן זיך פאַרקליבן אין אַן אויבערשטיבל און זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן צו לערנען אַלגעמיינע לימודים.

שמואל האָט זיך צוגעכאַפּט מיט דעם זעלבן אימפּעט לערנען רוסיש ווי פריער די גמרא. ער האָט געלייענט און געלערנט טאָג און נאַכט.

לעבן, האָבן די צוויי ברידער געלעבט פון געבן לעקציעס. זיי פלעגן רעכענען פופציק קאָפּיקעס אַ וואָך פאַר אַ שטונדע אַ טאָג. אָבער זיי האָבן געהאַט ווייניק לעקציעס.

דאָך ווען שמואליק איז געגאַנגען אין גאַס האָט מען ניט געקאָנט דערקענען אַז עס גייט אַ אינגל וואָס הונגערט צו, און לעבט אויף ברויט און טיי און אַ קאָפּיקע איז בּאַ אים אַ גרויס פאַרמעגן. ווי אָרים דאָס אינגל איז געווען זיינען זיינע שיך געווען אָפּגעפּוצט, דער אַנצוג אויסגעבאַרשט, די האָר פאַרקעמט, די ברילן מיט אַ לאַנג שוואַרץ שנירל — מעשה פראַנט. קאָרעקט, העפלעך און שיינע מאַניערן.

די ברידער האָבן פאַרדינט ווייניק, זיי האָבן געדאַרפט לעבן שפּאָרזאַם, אָבער דירה געלט מוז מען דאָך צאָלן, מען מוז זיך אויך אַביסל קליידן, אַן ביכער קאָן מען דאָך ניט אויסקומען — פון דער איינציקער זאַך וואָס מען קאָן שפּאָרן איז עסן. האָבן זיי טאַקע געשפּאָרט. מענדל, דער עלטערער

ברודער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דער ביליקער קיך, האָט ער זיי אָפּט באַזאָרגט מיט א פיינער מאָלצייט. וואו עטלעכע הונדערט מענטשן עסן קאָן מען אָפּשפּאָרן פאַר נאָך צוויי. נו, בלייבט נאָר פרישטיק און וועטשערע. איז אזוי: הייס וואַסער און א ביסל צוקער און טיי פאַר־זאָרגט דער אַנדערער ברודער זאַלקע, וואָס איז אַן אָנגעשטעלטער אין דער שטאָטישער טשיינע — טיי פּלאַץ. דאַרף מען נאָר האָבן ברויט צום טיי און דאָס קריגט מוליע פאַר א לעקציע וואָס ער גיט אַ בעקער מיידל.

וואָלט שוין געווען גישקשה, איז אָבער שמואליקס געוויסן ניט אינ־גאַנצן ריין. אים דוכט זיך, אַז ער נעמט אומזיסט אַ ברויט א וואָך פון אַן אָרימער אַרבעטער מיידל. אַז מען קאָן איר גאָר נישט אויסלערנען. ווי נאָר דאָס אָרימע באַשעפעניש זעצט זיך צום טיש עפּעס לערנען, שלאָפט זי איין.

אָט זיצט ער באַם טיש און לייענט עפּעס פאַר, און דערקלערט איר. דוכט זיך, זי הערט זיך איין. מיט אַ מאָל טוט ער אַ קוק — דאָס מיידל האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן טיש און שלאָפט גאַנץ געשמאַק.

ער טוט אַ הוסט — זי אויפוועקן. עס העלפט ניט. ער טוט איר איידל אַ טאַרקע מיטן שפּיץ בלייפעדער ,זי כאַפּט זיך אויף, רייבט די אויגן און אַנטשולדיקט זיך — „אַז איך קאָן זיך ניט העלפן, ווי איך זעץ זיך נאָר צו, שלעפערט מיך . . .

ער הייסט איר שרייבן, אפשר וועט דאָס העלפן. דאָס מיידל שרייבט אַ פּאָר ווערטער, באַלד אָבער זיינען די אויגן צוגעמאַכט, דער קאָפּ פאַלט אַרונטער און די פען טוט אַ קריץ אויפן פּאַפּיר.

זי פאַרשעמט זיך און שטאַמלט אַרויס:

„אַז איך בין אויפגעשטאַנען פיר אַזייגער פאַרטאָג. די אויגן קלעפּן זיך. אָט עפּעס ווי אימיצער וואָלט אָנגעשאָטן זאַמד אונטער די אויגן דעק־לעך".

קוים מיט צרות אָפּגעזעסן די שעה. שמואל ברענגט דעם לאַבן ברויט אהיים, טוט אים אַ וואַרף אויפן טיש און מורמלט אַרויס:

— מען דאַרף האָבן אַ האַרץ פון אייזן נעמען אומזיסט אַ לאַבן ברויט פון אַזאַ האָרעפּאַשנער מיידל.

ברוך קנייפּט שטיקער ברויט, פּאַקט איין מויל און גיט צו:

— טאָקע ניט רעכט. ווי דו דערציילסט וועגן מיידל, וועסטו מוזן אויפגעבן די לעקציע.

ס'איז אָבער שווער אויפגעבן אַזאַ גוטע לעקציע, און גלאַט ווי באַליי־דיקט מען אַ מענטשן? זי קאָן נאָך מיינען, אַז ער זאָגט אָפּ די לעקציע ווייל זי צאָלט גאָר מיט אַ לאָבן ברויט. האָלט אָן שמואל די לעקציע און דאָס האַרץ קלאַפּט אים — ער באַגייט אַ פאַרברעכן.

ערשט אין אַ פּאָר חדשים אַרום, אַז שמואל האָט דערזען, אַז דאָס מיידל האָט זיך סוף כל סוף אויסגעלערנט שרייבן און לייענען, האָט ער זיך באַרואיקט. ער האָט צוגעגעבן אַז ער האָט כשר פאַרדינט דאָס ברויט, און אים האָט הנאה געטאָן, וואָס ער האָט ניט באַליידיקט קיין מענטשן.

## בריוו דער מאַמען

די אינגלעך ווערן שוין באַרימט אין מינסק. דער אינגערער שמ'ט אַלס אַ פלאַם פייערדיקער רעדנער; דער עלטערער — אַלס אַ גוטער דעבאַטאַנט. הונגערן הונגערט מען אָבער צו גאַנץ געשמאַק. דער מאַמען שרייבט מען אָפּט. ברוך שרייבט גאַנצע מגילות, שמואל — קורצע בריוולעך. אַ מאַמע לייענט צווישן די שורות, פאַרשטייט זי אַז אירע קינדער איז ניט גוט אין דער פרעמד. שרייבט זי זיי אַ לאַנגן בריוו פול מיט פראַגן. לייענען די ברידער דער מאַמעס שיינעם בריוו און ברוך זעצט זיך באַלד און ענטפערט דער מאַמען. ער דערציילט איר, אַז גאַנץ מינסק איז פול מיט זיי און זיי ווערן ניט פאַרפאַלן. ענטפערט די מאַמע דעם בריוו און שרייבט און בעט: מוליע, ענטפער דו מיר אויף מיין בריוו און דערצייל מיר אייער לאַגע. ברוך איז דאָך שטורעם ווינט, לויפט, מאַלט, טומלט. דו ביסט דאָך אַ שטילער, אַ געלאַסענער, אַ געזעצטער, שרייב דו מיר אָן ענטפער.

ס'איז שווער פאַר שמואלן ענטפערן דעם בריוו. וואָס קאָן ער שרייבן? דעם אמת? ס'וועט דאָך איר ווי טאָן. שרייבן אַ ליגן? ער קאָן עס ניט. ענטפערט ער איר און שרייבט איר טאָקע דעם אמת, דאָך אַ ביסל פאַר־שטעלט, און באַרואיקט איר: מענדל אַרבעט אין דער ביליקער קיך און זאַלקע אין טיי־פלאַץ. ווערט מען ניט פאַרפאַלן.

פאַרשטייט די מאַמע זייער לאַגע און עס וויינט דאָס האַרץ אין איר צווי קינדער, אַ ברכה פון גאָט, און זי קאָן זיי ניט העלפן. דאַרפן נעבעך ליידן אין דער פרעמד. שרייבט זי זיי אָן אַ בריוו פול מיט טרייסט און בעט זיי זאָלן צוקומען אַ היים, אין דוקאָר. זאָלן זיי קומען אויף יום טוב.

הויבן אָן די קינדער שפּאָרן געלט צו קויפן בילעטן אויף דער באַן צו פאָרן אַהיים.

## אַ קליינינקער אָפּנאַרער און אַ גרויסע דובינע

שפּאָרן די קינדער און שפּאָרן אָפּ אין אַ חודש צייט גענוג געלט אויף בילעטן. גייט שמואל און קויפט צווי פערטל בילעטן. ער קוקט אויס קליין, שמואליק, און דער קאַסירער פאַרקויפט אים אַ פערטל בילעט ווי פאַר אַ קינד, און נאָך אַ פערטל בילעט פאַר דעם קלענערן ברודערל.

פאָרן זיי מיט דער באַן אַהיים אויף יום טוב. קומט אַריין דער קאָנ־דוקטאָר צונויפקלייבן די בילעטן, גיט אים שמואל די צווי פערטל בילעטן. נעמט דער קאָנדוקטאָר די צווי בילעטן און זאָגט:

— נו, קליינינקער, איין בילעט איז פאַר דיר און פאַר וועמען איז דער אַנדערער בילעט?

— פאַר מיין קלענערן ברודערל, ענטפערט שמואל.

— און ווער איז דיין קלענערער ברודערל? — פרעגט ווייטער דער קאָנדוקטאָר.

— אָט זיצט ער דאָך לעבן מיר, ענטפערט שמואל פאַרוואונדערט.

— אָט די גרויסע דובינע איז דיין קלענערער ברודערל?—זאָגט דער קאָנדוקטאָר מיט כעס. אַך דו קליינער אידל. אַזאַ קליינינקער און שוין אַזאַ גרויסער אָפּנאַרער! זיין קלענערער ברודערל! ער איז דאָך גרעסער פון דיר מיט צווי קעפּ.

— אָבער ער איז פאָרט מיין קלענערער ברודערל, האַלט זיך שמואל פאַר זיינס. ער איז נאָר הויך געוואַקסן.

— איצט גלויב איך דיר גאָרניט, זאָגט דער קאָנדוקטאָר. דו ביסט אַ ליגנער און אַן אָפּנאַרער. און איך בין דיר ניט אייער משה אין ביבל,

ער האָט טאַקע אַריבערגעפירט די אידן איבער דעם ים אָן בילעטן, אָבער איך פיר נאָר די אידן, וואָס האָבן בילעטן.

ביידע קינדער האָבן גערעדט און געטענהט און ס'האָט ניט געהאָלפן, גלייך ווי דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קומענדיקער סטאַנציע, האָט דער קאָנדוקטאָר אַראָפּגעזעצט די אינגלעך.

אויף דער סטאַנציע האָבן די אינגלעך געהאַט אַ קרוב, האָבן זיי דאָרטן געהאַלטן שבת. ברוך איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן שבת און זיך געקאָכט, געגאָסן פּעך און שוועבל אויף דעם אַנטיסעמיטישן קאָנדוקטאָר און אויף דער קאָרופּטירטער רעגירונג. שמואל האָט דערטאַפּט אָן אוצר — עטלעכע גע־בונדענע יאָר־גאַנג „המליץ" (אַ העברעאישע צייטונג). ער האָט זיך פאַר־קליבן אויפן בוידעם און געשלונגען די בלעטער.

ווען זיי זיינען אויף מאָרגן זונטיק געפאָרן אַהיים מיט דער פור, האָט ברוך אַלץ נאָך געזידלט דעם קאָנדוקטאָר. שמואל האָט געשוויגן. ער האָט זיך געשעמט. גיי דערציייל ברוכן, אַז ער איז גאָר צופרידן וואָס מען האָט זיי אַראָפּגעוואָרפן פון באַן דאָ אין שטעטל. ער וועט דאָך גאָר לאַכן. אָבער עטלעכע יאָר־גאַנג „המליץ" איז ניט קיין קלייניקייט. ס'איז אים אומגעריכט אַריינגעפאַלן אַן אוצר.

## צו גאַסט בײַ דער מאַמען

צוויי מאָל אַ יאָר, פסח און סוכות, קומען אַלע ברידער אַראָפּ צו דער מאַמען אין שטעטל דוקאָר. עס ווערט פריילעך אין דעם אָרימען שטיבל. מען טומלט, מען רעדט, מען זינגט און די מאַמע קלייבט נחת.

שמואל האָט ליב גאַנץ אָפט אַ שפּאַס טאָן. זיין שפּאַס איז אָבער טיף. אָפט כאַפּן ניט די אַרומיקע דעם וויץ. זיי נעמען עס טויט ערנסט. קיינער דערוואַרט ניט, אַז מוליע זאָל ריידן גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַז ער זאָגט עפּעס, איז מסתם באַהאַלטן אין דעם אַ טיפער מיין.

אַזוי האָט ער אַמאָל אַ שפּאַס געטאָן מיט דעם אפּיקורוס און משכיל פון שטעטל. קיינער האָט עס אָבער ניט אָנגענומען אַלס אַ שפּאַס.

די ברידער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען באַ דער מאַמען אויף יום טוב. ווען וועלוול שייקעס קינדער זיינען אין דער היים זיינען אַלע בחורים פון שטעטל, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר געבילדעטע און קענער געוועזן באַ ברכהן אין שטוב. יעדער איינער האָט זיך געוואָלט אויספיינען פאַר וועלוול שייקעס קינדער.

איבערהויפט האָט זיך אויסגעפיינט מיט זיין קענטשאַפט אַ יונגער מאַן מיטן נאָמען בענטשע מאָטע בערעזשאַנקעס. הערט שמואל זיין באַרימעריי, אַז ער קאָן דערקלערן אַלץ נאָכן גראַדן שכל און וויל פון אים אַ שפּאַס טאָן. רעדט שמואל קאַלט אַרויס:

— פונדעסטוועגן וואָלט איר יונגע לייט געדאַרפט זען פאַרהיטן דאָס שטעטל פון אַן אומגליק. איר ווייסט, דאָך, אַט קומט אָן אַזאַ יום טוב ווי סוכות. ניין טעג יום טוב. דער עולם קאָכט, באַקט, טרינקט טיי, וואַשט, רייניקט; גייט אין באָד — מען נוצט דאָך אויס אַ ים מיט וואַסער. און פאַרגעסט ניט דאָס וואַסער פון טייך לויפט דאָך שטענדיק אַראָפּ, אַראָפּ צום ים צו. אין אַ גאַנץ שיינעם טאָג קאָן זיך אויסנעמען דאָס וואַסער אין שטעטל. וואָס וועט דאַן טאָן אַ שטאָט מיט אידן?

האָט בענטשע מאָטעס אים אויסגעהערט און אָנגעהויבן אָפּשלאָגן די רייד:

— איר פאַרשטייט, שמואל, אייער שרעק איז אָן אומזיסטע. ס'איז אַ ראָד וואָס דרייט זיך. דאָס וואַסער גייט פון טייך צו די ברונעמער, פון די ברונעמער צו די מענטשן, פון די מענטשן צוריק אין דער ערד, וואו דאָס ווערט דורכגעזייט און דורכגעלייטערט; אַ טייל צוריק אין די טייכן און אַ טייל ווערט אויסגעדאַמפּט צו די וואָלקנס, פון די וואָלקנס צוריק אין די טייכן, פון די טייכן צו די ברונעמער, דערנאָך צו די מענטשן — אַ רעדל וואָס דרייט זיך.

— אָבער ביז עס וועט אַראָפּ צוריק פון הימל, האָט שמואל ווייטער גערעדט כלומרשט טויט ערנסט, קאָן דאָך אויסגיין דאָס וואַסער. מען דאַרף זיך היטן.

— דאָס יע, האָט בענטשע צוגעגעבן, היטן זיך דאַרף מען.

און באַ דער משפחה איז געבליבן ביז היינטיקן טאָג, אַז מולקע האָט מורא געהאַט אַז עס זאָל חלילה ניט אויסלאָזן זיך קיין וואַסער אויף דער

וועלט. אַז דער יונג איז שטענדיק טויט ערנסט און פאַרטראַכט, טראָגט דעם גאַנצן יאָך פון דער וועלט אויף זיך, ווייל אַלץ און אַלעמען פאַרזאָרגט.

## ברוך־וולאַדעק, אברהמל־ניגער

יענער סוכות איז געווען דער לעצטער יום טוב וואָס די ברידער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען בא דער מאַמען אין דוקאָר. די מאַמע האָט באַלד חתונה געהאַט מיטן צווייטן מאַן און פאַרלאָזן דאָס שטעטל. די צוויי עלטערע ברידער זיינען אַוועק קיין אַמעריקע. ברוך און מוליע האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ברוך איז געוואָרן באַרימט אונטערן נאָמען ב. וולאַדעק. מוליע איז פריער באַרימט געוואָרן אונטערן נאָמען אברהמל, און שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, אונטערן נאָמען ש. ניגער — די לאַטיינישע איבערזעצונג פון זיין פאַמיליע נאָמען טשאַרני, וואָס מיינט אין פויליש—שוואַרץ, אין לאַטיין—ניגער.

# יוסף אָפּאַטאָשו

לויט מינדלעכע מיטטיילונגען און אָפּאַטאָשוס ווערק.

# יוסף אָפּאַטאָשו

יוסף אפּאטאשו אדער, ווי ער הייסט אין דער אמת'ן יוסף אפּאטאווסקי, איז געבארן געווארן אין 1887, אין מלאווע, פּלאצקער גובערניע, פּוילן. דער פאטער — א וואלד סוחר, א איד א למדן. די מאמע האט געשטאמט פון וואלד אידן, געבארן און אויפגעצויגן געווארן אין וואלד.

אין חדר איז יוסף אפּאטאשו כמעט ווי ניט געגאנגען. דער פאטער אליין האט מיט אים געלערנט. שפּעטער האט יוסף אפּאטאשו באזוכט די רוסישע שטאט שול. צו פערצן יאר איז אפּאטאשו אוועקגעפארן קיין ווארשע און אריינגעטראטן אין א האנדלס שול. ווען די רעגירונג האט געשלאסן די האנדלס שול איז יוסף אוועקגעפארן שטודירן קיין פראנקרייך. ער איז אריינגעטראטן אין פּאליטעכניקום אין דער שטאט נאנסי.

אין פּאליטעכניקום האט ער לאנג ניט געלערנט. ער האט זיך צוריקגעקערט אהיים.

אין 1907 האט יוסף אפּאטאשו אויסגעוואנדערט נאך אמעריקע. אין אמעריקע, ווי אלע אימיגראנטן, האט ער זייער שטארק געליטן די ערשטע צייט. ער האט געארבעט אין א שאפּ, דערנאך געווארן א צייטונגס פארקויפער, שפּעטער צו געווארן א העברייאישער לערער אין א תלמוד תורה. זיין שטודיום האט ער אבער פארגעזעצט. אין 1914 האט ער געענדיקט אלץ ציוויליער אינזשיניער. ער האט אבער לאנג זיך ניט באשעפטיקט מיט זיין פּראפעסיע. ער האט זיך אינגאנצן אפּגעגעבן צום שרייבן.

יוסף אפּאטאשו וואוינט איצט אין די בראנקס, ניו יארק.



יוסף אפּאַטאָשו

## אַברהם טערזשער

אין די ליפּאָוויצער וועלדער, וואָס געפינען זיך אין פּוילן האַרט באַם דייטשישן גרענעץ, האָט מיט יאָרן צוריק געוואוינט אַ איד מיטן נאָמען אַברהם טערזשער. דער איד איז געקומען קיין מלאָווע (אַ שטעטל לעבן די ליפּאָוויצער וועלדער) ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג.

אַן עלנטער איז דער יונג געווען. אים איז אינגאַנצן ניט באַקאַנט געווען זיין אָפּשטאַם. ער האָט אפילו ניט געוואוסט אין וועלכער שטאָט ער איז געבוירן געוואָרן. ער איז אָנגעקומען אין מלאָווע און זיך באַזעצט אין אַ הינטער געסל. דאָרטן אין געסל האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַן אָרעם מיידל מיטן נאָמען אסתר. זיי זיינען זיך געפעלן געוואָרן איינע די אנדערע און זיי האָבן חתונה געהאַט.

באַלד נאָך דער חתונה האָט דאָס פּאָרל זיך אַריבערגעקליבן אין אַ קליין שטיבל אין ווילד־וואַלד פון די ליפּאָוויצער וועלדער. אברהם האָט געצויגן זיין חיונה פון האַקן האָלץ און טרייבן סמאָלע. אָבער לאַנג האָט אברהם ניט געוואוינט אין דעם אָרעמען שטיבעלע. אים האָט אָפּגעגליקט און ער איז געוואָרן זייער רייך.

אסתר האָט געבוירן אברהמען דריי זין : יוסף, מיכל און יעקב, און איין טאָכטער מיטן נאָמען נאַנטשע.

און דער איד אברהם איז געווען זייער אַ פרומער און גאָט־פאַרכטיקער. ער האָט געגלויבט אַז ער איז געבענטשט געוואָרן מיט רייכטום און גליק, ווייל ער גייט אין גאָטס וועגן. דערפאַר טאַקע, אַז די קינדער זיינען אויס־געוואַקסן און זיינען ניט געווען שטאַרק פרום, האָט ער זיך זייער געשראָקן. ער האָט געטראַכט : גאָט קאָן נאָך אָפּטאָן זיין גנאָד פון מיר צוליב מיינע קינדערס זינד.

און דער איד אברהם האָט אָנגעפּאַקט אַ גרויסן וואָגן מיט אַל־דאָס־גוטס : פרוכט פון גאָרטן, תבואה פון פעלד און אַלערליי שפייזן מיט

וועלכע זיינע שפּייכלערס זיינען געווען פול. ער האָט עס געבראַכט אַ מתנה דעם רב פון שטעטל. ער האָט געבראַכט דעם רב אַ מתנה און אויסגעגאָסן פאַר אים זיין ביטער האַרץ:

— רבי, האָט דער איד אברהם גערעדט, גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס, ס'פעלט מיר גאָרנישט ניט, אויך פיר קינדער האָט ער מיר געשענקט: דריי זין און איין טאָכטער, די זין — הויך ווי אַלשענעס און שטאַרק ווי דעמבעס און די טאָכטער איז שיין ווי דער צוויט אין פעלד. אָבער איך וואוין אין ווילד־וואַלד, ווייט פון אידן. מיינע קינדער מישן זיך שטענדיק צווישן גוים און זיי האָבן זיך אָפּגעלערנט פון זייערע וועגן. מיין עלטסטער זון יוסף איז שטענדיק פאַרקאָכט אין פערד. דער צווייטער זון מיכל, קאָן דאָס גויאישע לשון בעסער ווי א געבוירענער שליאַכטיטש און איז אַ שרייבער אין גמינע. איך ווייס ניט, רבי, צי ער היט אָפּ דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג. אויך, רבי, איז ער אַ יונג וואָס איז פריי מיט די הענט. שטענדיק גרייט מיט קולאַקעס. דער דריטער זון, יעקב, איז אַ יעגער. האַלט אַ ביקס אויף די פּלייצעס און גייט איבער די וועלדער אויף יאַגד. אַט טאַקע ווי דער חומש דערציילט וועגן עישו'ן.

און מיין איינציקע טאָכטער נאַנטשע, האָט דער איד אברהם געזיפצט, איז גאָר אַן אמתע שיקסע. אַט הערט, רבי, א שיינע מעשה. אַ־ צוויי וואָכן זונטיק גיי איך איבערן מאַרק, זע איך אַז עפּעס אַ יונג מיידל שטייט לעבן אַ פויערשער פור און דינגט זיך מיט אַ גוי וועגן אַ חזירל. דער גוי בעט צען גילדן און זי גיט אים אַכט. שטעל איך זיך אָפּ. עפּעס דאָס קול פון דעם מיידל איז מיר זייער באַקאַנט. דאָס מיידל האָט אָבער אַראָפּגעלאָזן דאָס טיכל איבער די אויגן און איך קאָן ניט זען איר פּנים. איך שטעל זיך אָפּ הערן, ווייל די שטים איז מיר באַקאַנט און די שיקסע דינגט זיך אַזוי שיין.

דינגען זיי זיך. אַט זיינען זיי מושוה געוואָרן: ניין גילדן. זיי דאַרפן נאָר צופּאַטשן. דער פּויער שטרעקט אויס זיין האַנט און דאָס מיידל צעלאַכט זיך און רוקט ארויף דאָס טיכל. איך טו אַ קוק, ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן — ס'איז מיין נאַנטשע. איך זאָג אייך, רבי, אַז איך האָב זי פריער נישט דערקאָנט. די מינעס פון אַן אמתער דאָרף שיקסע.

— און וואָס זאָל איך טאָן רבי? איך היט אָפּ גאָטס געבאָטן און גיי אין זיינע וועגן. ער האָט מיך געבענטשט מיט אַלץ, אָבער ער האָט פאַר־

מידן מיר געבן אַ זון וואָס זאָל לערנען זיין תורה. גאָט האָט מיך פאַר־שעמט. איך וויל הערן דאָס קול פון תורה באַ מיר אין שטוב.

און דער רב האָט געענטפערט:

דו דאַרפסט זען חתונה מאַכן דיין טאָכטער פאַר אַ יונגנמאַן אַ בן תורה, אַ לערנער. פאַר קיין טשענסטאָכאָווו. דאָרטן וואוינט אַ איד אַ יורד, אַ איד וואָס איז פריער געווען רייך און איז איצט גאַנץ אָרעם. ער האָט אַ פייער־דיק אינגל מיטן נאָמען דוד. שיק אַ שדכן צו דעם אידן און זאָל ער איםריידן אַ שידוך מיט דיין טאָכטער.

און אַברהם טערזשער האָט געענטפערט:

רבי, איך האָב ניט די חוצפה צו שיקן אַ שדכן צו ישראל אליעזרן. ער איז דאָך פּייוויש אפּטאָווסקיס אַ זון. פּייוויש אפּטאָווסקי שטאַמט דאָך פון גרעסטן יחוס אין פוילן. ער טוט שידוכים נאָר מיט גוטע אידן און רבנים. ווי קום איך צו זיי?

און דער רב האָט געענטפערט:

ישראל אליעזר איז יעצט שטאַרק פאַראָרימט, און דיך האָט גאָט געבענטשט מיט גרויס רייכטום. פאָר קיין טשענסטאָכאָוו און שיק צו ישראל אליעזרן אַ שדכן. איך רעכן אַז עס וועט זיין אַ שידוך.

און אַברהם טערזשער האָט אַזוי געטאָן. אין אַ יאָר אַרום איז דוד אַפּאַטאָווסקי געוואָרן אַברהם טערזשערס אַן איידעם.

דוד אַפּטאָווסקי איז דער פאָטער פון דעם אידישן שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו.

## דודס קינדער

נאָנטשע, דודס ווייב, האָט געבוירן דריי זין: פייוול, יוסף און משה. געראָ־טענע קינדער, גוטע קינדער. צוויי זיינען שטיל און פרום; אָבער יוסף האָט אין זיך די בלוטן פון זיינע פעטערס. אַ קליינינקער איז יוסף, אַ קאָפּ אריינ־געזעצט טיף צווישן די אַקסלען און באַדעקט מיט שטייפע געקרייזלטע האָר. טונקעלע, טיפע, קליינינקע אויגן, וואָס זעען און באַמערקן אַלץ, אַ שפּיציקע

אַרויסגעשטאַרצטע גאַמבע. אַן אומרואיק אינגל — דער וואַלד איז מיט אים פול.

פּאַר קיין זאַך שרעקט זיך ניט דאָס אינגל. אַט האָט איינער פון די פעטערס זיך איינגעריסן מיט די יעגער, וואָס וואוינען אויף יענער זייט זשעבולאָווקע. פיר ברידער זיינען די יעגער. האָבן זיך די פיר ברידער צעשטעלט פון די פיר זייטן הויז. יעדער ברודער איז געשטאַנען מיט אַ געלאַדענער ביקס און געהיט, געוואַרט אויפן פעטער. זיי האָבן געוואַרנט, אַז ווי נאָר דער פעטער וועט זיך ווייזן אויפן שוועל וועלן זיי אים דערשיסן ווי מען דערשיסט אַ משוגענעם הונט.

אַ שרעק איז באַפאַלן די פאַמיליע. דער זיידע איז ניטאָ אין דער היים, איז ניטאָ ווער עס זאָל איבעררײדן מיט די יעגער. שטייען פיר יעגער פון די פיר זייטן פון הויז. שטייען זיי שטומע, מיט ביקסן אין די הענט, און וואַרטן.

קיינער וואַגט ניט אַרויסשטעקן די נאָז פון הויז. ווער ווייס, זיי קאָנען נאָך מאַכן אַ טעות, די מערדער. זיצן די שטוביקע און וואַרטן אויפן זיידן. נאָר איין יוסף גייט אַריין און אַרויס, אַריין און אַרויס פון הויז. אים איז געפעלן די גאַנצע שפּיל, ווי די פיר ברידער שטייען אויסגעצויגן ווי די סאָסנעס; שטייען מיט געלאַדענע ביקסן און היטן.

אויפן דריטן טאָג איז געקומען דער זיידע. ער האָט באַלד איינגעשטילט די פויערים. מען האָט געשטעלט אַן עמער בראָנפן, מען האָט געטרונקען און פאַרביסן מיט זויערע אוגערקעס, הערינג און שוואַרץ ברויט מיט קעז. באַלד האָבן זיך די יעגער, דער זיידע און דער פעטער געקושט אין די פּיסקעס.

פון דאַן אָן זיינען אָבער די יעגער געוואָרן טריף באַ די שטוביקע. אמתה גזלנים. רעכט דערשיסן אַ שכן פאַר גאָרנישט. אָבער דער קליינער יוסף האָט זיך ווייטער געחברט מיט די יעגער. איבערהויפּט האָט ער ליב געהאַט זיך אַרויסגנבענען אין אָוונט און כאַפּן פיש צוזאַמען מיט די אינגלעך פון די יעגער.

אויף כאַפּן פיש איז יוסף אַ מאדים!

ס׳איז נאַכט. שטיל. דער הימל איז אויסגעשטערנט און טיף. אויפן ברעג פון טייך גרייט מען זיך צום פיש פאַנג. יוסף זיצט מיט די פיס

אונטער זיך, שמירט אַרום דאָס אינווייניקסטע פון אַ צעבערל מיט קעז. מען דאַרף קאָנען אָנשמירן דאָס צעבערל. דער קעז מוז זיין ניט צו דין און ניט צו דיק.

אָנגעשמירט דאָס צעבערל, לאָזט זיך יוסף אין טייך אריין. ער בראָדעט אין וואַסער ביזן האַלדז. ער לאָזט אַראָפּ דאָס צעבערל אין דער שוואַרצקייט פון דעם וואַסער. די ווייסקייט פון קעז בלאַנקט אין דער טיפעניש און ציט צו די פיש. יוסף האַלט דאָס צעבערל אין האַנט און טוט ניט אַ ריר מיט קיין מוסקול. דאָס צעבערל דאַרף שטיין רואיק — ניט איבערשרעקן די פיש. ווען יוסף פילט ווי עס ווערט שווערער אין האַנט און ער דערזעט ווי די ווייסקייט פון קעז איז שוואַרץ פון פיש, טוט ער אַ מאַך מיט דער ליידיקער האַנט — אַ סיגנאַל פאַר די ברענענדיקע קינעלעך. ברענגט מען אים צו ברענענדיקע קינעלעך. טוט ער אַ טוק דאָס פייער אין וואַסער. די ברע־נענדיקע קינעלעך פאַרבלענדן און צעטומלען די פיש. טוט יוסף אַ כאַפּ דאָס פולע צעבערל און וואַרפט עס אַרויס אויפן גראָז.

יוסף האָט ליב דעם פיש פאַנג. דאָ קאָן ער ווייזן זיין געאיבטקייט, שנעלקייט און פלינקייט. מען דאַרף וויסן ווי צו האַלטן דאָס צעבערל אין וואַסער. מען דאַרף וויסן ווי אַ טוק צו טאָן דאָס פייער. מען דאַרף זיין פלינק אַ כאַפּ צו טאָן דאָס צעבערל. פיש כאַפּן דאַרף מען קענען!

אָבער ווי ליב יוסף האָט דעם פיש פאַנג, גייט ער זעלטן ביינאַכט צום טייך. אין אָוונט לערנט דער טאַטע מיט אים און פייוולען. און יוסף האָט פיינט פאַרפעלן אַן אָוונט. ער בלייבט הינטערשטעליק אַנטקעגן פייוולען. יוסף האָט אויך פיינט פאַרשאַפן צער דעם טאַטן. דערפאַר אָבער, איז דאָס אינגל פריי ווי אַ פויגל אַ גאַנצן טאָג. דער טאַטע איז אין וואַלד, די מאַמע איז פאַרנומען און עס אַרט איר ניט, וואָס די קינדער טוען. דער עלטערער ברודער פייוול שרייט, הערט מען אים ניט און פאַרטיק.

ליגט יוסף אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד. ער פאַרקלייבט זיך מיטן שמידס זון, מיט די יעגערס אינגלעך אין וואַלד, און מען אַרבעט אָפּ מעשים. מען כאַפּט קראָען און מען הענגט זיי אויף מיטן קאָפּ אַראָפּ. אין אַ ריי צע־הענגט מען זיי. וויפיל אינגלעך אַזויפיל קראָען. יעדעס אינגל צילעוועט זיך מיט שטיינער אויף זיין קראָ. דער קונץ איז טרעפן שנעל דער קראָ מיט אַ שטיינדל אין קעפל און זי „דערשיסן".

ווערט מען הונגעריק, צעלייגט מען אַ פייער און מען בראָט קאַרטאָפּל און עפּל און פיש. אַ ניט כאַפּט מען אַ הינדל און מען בראָט עס אָפּ פּונקט ווי די ציגיינער טוען. מען דאַרף עס וויסן ווי צו טאָן. פריער שטעלט מען אריין אַ שטיקל האָלץ אין דעם הינדלס שנאָבל. דאָס הינדל ווערט פאַרטייעט. נעמט מען ליים און מען קלעפּט אַרום דאָס הינדל. דאָס אַרומגעקלעפּטע הינדל לייגט מען אריין אין פייער. אַז דאָס ליים ווערט גוט האַרט ברעכט מען עס אַרום. אינעווייניק ליגט אַ געבראָטן הינדל.

יוסף האָט קיינמאָל אַקוראַט ניט געקאָנט אויסגעפינען צי דער טאָטע ווייס פון אַלץ, וואָס חברה טוט אָפּ אין וואַלד. אָבער קאָנטיק אַז דער טאָטע ווייס. גאַנץ אָפט איז דער שמיד געקומען זיך פאַרקלאָגן פאַרן פאָטער, אַז יוסף פירט אַראָפּ זיין זון פון וועג. אָט לעצטע וואָך איז דער שמיד שיר ניט געהרגעט געוואָרן צוליב יוספן. ס'האָט פּאַסירט אַזוי:

דאָס אינגל האָט געמאַכט אַ שיסער. דער שיסער איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן שליסל, באַם שליסל איז געהאַנגען אַ לאַנג שטריקל און באַם עק פון שטריקל אַ גרויסער טשוואָק מיט אַן אַראָפּגעפּיילטן שפּיץ.

שיסן שיסט מען מיט אָט דעם שיסער אַזוי: מען שטאָפּט אָן דאָס לעכל פון שליסל מיט די קעפּלעך פון שוועבעלעך. מען זעצט אריין דעם טשוואָק אין לעכל. מען נעמט אָן דאָס שטריקל און מען טוט קונציק אַ שליידער דעם שיסער אָן אַ שטיין, אַזוי אַז דער טשוואָק לעכערט דורך דעם שוועבל און עס גיט אַ קנאַל ווי פון אַ פּיסטאָלעט און אַ וואָלקן רויך בלייבט שטיין אין דער לופט.

יוספן האָט זיך פאַרוואָלט באַווייזן פאַר די אינגלעך לעבן דער קוזניע ווי אַזוי דער שיסער אַרבעט, אָט פּונקט ווען דער שמיד האָט געשמידט אַ יונגן אָגער. דער שאָס האָט אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקן דאָס פערד אַז ס'האָט זיך אַ ריס געטאָן און אומגעוואָרפן דעם שמיד מיטן פייער, און איז אַוועק שפּרינגענדיק איבער די פּלויטן.

דער שמיד האָט עס זיכער דערציילט דעם טאָטן. דער טאָטע האָט אָבער ניט געזאָגט קיין וואָרט. יענעם אָוונט האָט דער טאָטע לאַנג גע־רעדט. און ריידן האָט ער גערעדט וועגן רחמנות האָבן אויף אַ מענטשן און וועגן ראַטעווען אַ מענטשנס לעבן. ער האָט דערקלערט די קינדער דעם דין פון דער תורה, אַז אַ איד מעג מחלל שבת זיין, פאַרשוועכן שבת, טאָן

וועלכע עס איז ארבעט אום שבת, אויב מען דאַרף ראַטעווען אַ מענטשנס לעבן; ניין, ניט נאָר ראַטעווען אַ מענטשן מעג מען מחלל שבת זיין, נאָר אפילו מאַכן אַ קראַנקן באַקוועם. אַט טאָר מען ניט אויסלעשן קיין ליכט אום שבת. אָבער אויב דאָס שטערט אַ קראַנקן מעג מען עס אויסלעשן.

יוספן האָט עס געשניטן ווי מיט אַ מעסער. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער טאַטע מיינט. און דער טאַטע האָט ווייטער גערעדט:

— שטעלט זיך פאָר, קינדער. צוויי מענטשן גייען אין אַ וויסטעניש, אַ מידבר. ניטאָ קיין בוים, קיין גראָז. זאַמד און הימל. די מענטשן האָבן מיט זיך נאָר איין קריגל מיט וואַסער. אויב ביידע טרינקען פון דעם וואַסער וועט עס פאַר זיי ניט סטייען ביז צו דערגרייכן צו אַ מענטשלעכן ישוב. אויב נאָר איינער וועט טרינקען, דאַן וועט דאָס וואַסער זיין פאַר אים גענוג ביז ער וועט דורכגיין די וויסטעניש. זאָגט די גמרא: „בעסער זאָלן זיי ביידע טרינקען און איינער זאָל ניט זען ווי דער אַנדערער וועט שטאַרבן". פאַרשטייסטו, יוסף, ווי טייער דאַרף זיין בײַ אַ מענטשן זיין חברס לעבן? הײַנט שטעלט זיך פאָר, קינדער, אויב אימיצער טוט נאָך עפּעס אַזוינס וואָס זיין שכן, זיין באַקאַנטער, קאָן גאָר געהרגעט ווערן דערפון? אָבער לאָמיר ניט רעדן דערפון, ווייל ווי קאָנען גאָר מענטשן זיין אַזוי שלעכט, אַז צוליב אַ נאַרישקייט, אַ פּוסטע באַרימעריי, זאָלן זיי ברענגען אויף אַ מענטשן אומזיסטע לײַדן?

יוסף האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. ער האָט פאַרשטאַנען וועמען דער טאַטע מיינט.

פון דאַן אָן האָט דער טאַטע זיך מער אָפּגעגעבן מיט יוספן. געדענקט דאָס אינגל:

ס'איז זומער. ס'האָט גערעגנט. דער טאַטע איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און אַרויסגעקוקט פון פענצטער אויפן נאַסן פעלד. פאַרנאַכט האָט אויפגעהערט רעגענען. דער טאַטע האָט גענומען יוספן בײַ דער האַנט און געזאָגט: קום!

זיי זיינען ארויס פון הויז. דער רעגן האָט אויפגעהערט, נאָר איינצלנע טראָפּנס רעגן זיינען געפאַלן מיט אַ קלימפּער פון איין בלאַט אויפן צווייטן. ס'איז געווען הייס און שטיקנדיק אין וואַלד. פאָטער און זון זיינען פאַרקראָכן אויף אַ לאַנקע הינטער די אַלשענעס און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז.

פון אַרום האָבן זיך געגומען טראָגן שטילע קולות. די קלאַנגען זיינען געקו־מען פון וועלדל, פון לאָנקע, פון יעדן בוים און גרעזל.

דער פאָטער האָט פאַרמאַכט די אויגן און גערעדט שטיל:

— זע, יוסף, די זון זעצט זיך. אַלץ איז אָפּגעוואַשן נאָכן רעגן. טויזנטער באַשעפעניש זינגען און פאַרהילכן די לופט מיט אַ לויב צו אים, צום שעפער. ער האָט אַלץ באַשאַפן: די פאַרגייענדיקע זון, דעם גרינעם וואַלד, די הויכע אַלשענעס, די נידעריקע גראָזן, די פויגל אין דער הייך און די באַשעפענישן אין די גראָזן. זע, איצט נאָך אַ זומער רעגן, ווען די לופט איז פול מיט ריחות פון גראָז און וואַלד, קאָנסטו אים פילן אַרום זיך. מיט פאַרמאַכטע אויגן קאָן איך זען ווי די גאַנצע וועלט איז פול מיט אים. אַלץ איז ער. מען דאַרף זיין בלינד אים איצט ניט צו זען. מען דאַרף זיין טויב און ניט הערן זיינע פוס־טריט. זעסטו אים יוסף? הערסטו אים?

דאָס אינגל איז געבליבן אַ פאַרציטערטער און געלעקט מיט דער צונג די פאַרטריקנטע ליפּן. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט טאָקע טריט הילכן אָפּ אין וואַלד. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן מיט אַלע גלידער.

דער פאָטער האָט עס דערפילט. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אינגלס פּלייצע און גערעדט שטילער:

— שרעק זיך ניט. קיינער דאַרף זיך ניט שרעקן אין קעגנוואַרט פון זיין פאָטער. גאָט איז דער פאָטער פון אַלעמען.

דער בחור האָט געפילט די באַרירונג פון טאַטנס האַנט און אַ פריידׂ, אַ שטילע פרייד איז אין אים אריינגעדרונגען. אַ פרייד וואָס דער טאַטע איז לעבן אים אַזוי נאָענט און וואָס דער פאָטער טיילט זיך מיט אים מיט אַזעלכע גרויסע זאַכן.

## אַרוים פון וואַלד

די ליפּאָוויצער וועלדער זיינען שיטערער געוואָרן. שוין באַלד ניטאָ וואָס צו האַקן. דער זיידע, אַברהם טערזשער אין געשטאָרבן. די פאַמיליע אַפּטאָווסקי האָט זיך אריבערגעקליבן אין דעם נאָנסטן שטעטל מלאָווע.

אין שטעטל האָט מען געקוקט קרום אויף דוד אַפּטאָווסקי. ס'איז אַ חסידיש שטעטל. אָן דעם רבין טוט מען זיך ניט אַ קער. יעדער איד פאַרט

כאָטש איין מאָל אַ יאָר צום רבין. אָפּטאָווסקי איז דער איינציקער, וואָס פאָרט ניט צום רבין. און ווער, ווער, האָט מען גערעדט, ער האָט זיכער געמעגט פאָרן. ער וואַקסט דאָך פון אַזאַ יחוס, און דער רבי האָט אים אויס־געקליבן נאָך מיט פופצן יאָר צוריק אלס איינעם פון דעם מנין יונגע לייט פאַר וועמען צו זאָגן חסידות. ס'איז אַן אַלטער מנהג באַם רבין, אַז אַלע ימים נוראים קלייבט ער אויס צען יונגע לייט, לערנער. ער פאַרקלייבט זיך מיט זיי אין אַ באַזונדער צימער און זאָגט פאַר זיי קבלה און חסידות. דוד איז ניט אַלט געווען קיין פופצן יאָר ווען דער רבי האָט אים אויסגעקליבן אלס איינעם פון די צען. דערציילט מען, אַז דוד איז אַרויס פון צימער און האָט געזאָגט: „דער רבי האָט געמעגט אַביסל מער קענען לערנען". דאָס אַלץ. באַלד נאָך יום טוב איז דאָס אינגל אָוועקגעפאָרן אַהיים, זיך ניט גע־זעגנט מיטן רבין אַפילו, און פון דאַן אָן פאָרט ער ניט מער צום רבין.

מען מוז צוגעבן אַז דוד אָפּטאָווסקי איז געבליבן אַן ערלעכער איד. באַם דאַווענען שטייט ער גלייך, טוט זיך ניט אַ שאָקל, שטייט אויסגעצויגן אַזוי אַז „אַ פויגל קאָן מאַכן אַ נעסט באַ אים אויפן קאָפּ". אָבער, זאָגן די פרומאַקעס פון שטעטל, אַז דאָס וואָס דוד איז אַזוי פרום איז נאָך ערגער ווי ער וואָלט געווען אַן אָפענער אפיקורס, אַ ניט־גלויביקער. איז איינער ניט פרום זעען עס אַלע און מען וויכט פון אים. דאָ איז ער דוכט זיך פרום, און ער לערנט דאָך מיט זיינע קינדער דיקדוק, הייסט זיי שרייבן העב־רייאישע לידער, ווען עס קומט יום טוב, און אויך לערנט ער מיט די קינדער חקירה ספרים. אַזעלכע ספרים, וואָס איז געזינטער אפילו פאַר דערוואַקסענע ניט צו לערנען: כוזרי, מורה נבוכים, האמונה והחכמה, ספר העיקרים.

נאָך מער אָנגעשטויסן זיינען די פרומע אידן געוואָרן אויף דוד אָפּטאָוו־סקי נאָכדעם ווי ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ לערער אַ ליטוואַק פאַר די אינג־לעך. דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאַדראַם. געהערט אַזוינס? דער ליט־וואַק איז קורץ געקליידעט און האָט קיין סימן ניט פון קיין פיאות. ווען דער ליטוואַק איז אָפּגעווען אַ פאָר וואָכן אין שטעטל האָט מען גאַנץ אָפט אָפּגעשטעלט יוספן און געפרעגט שטיל:

— זאָג מיר נאָר דעם אמת, ווי טייטשט דער ליטוואַק אויס אָט אַזאַ פראָסטן פסוק אין חומש ווי — „בראשית ברא אלהים"?

יוסף האָט אָנגעצויגן אַן ערנסטע מינע און פאַרטייטשט דעם פסוק קאַפּידרעך. די אידן האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ:

## יוסף אפאטאשו

ניין, ניין, האָבן מיר עס פריער ניט געוואוסט?

דער ליטוואַק האָט געוואוינט בא אַפּטאָווסקין אין הויז. דער יונגער יוסף האָט שטענדיק געהערט ווי דער טאַטע און דער לערער ריידן פון השכלה. פון פרץ סמאָלענסקין, גאָרדאָן, אדם הכהן לעווינסאָן, בראַנדשטעטער. אַפּט האָט דער טאַטע פאַרגעלייענט זיינע אייגענע העברייאישע שירים פאַרן ליטוואַק. יוסף האָט זיך צו אַלץ צוגעהערט, האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער געוואוסט, אַז גאָר וויכטיקע מענטשן שרייבן ביכער. שרייבן ביכער איז אַ גרויסע זאַך. דער טאַטע און דער לערער האָלטן נאָר אין איין רעדן פון ביכער און שרייבער און שרייבן. אַז ער וועט אויסוואַקסן וועט ער אויך זיין אַ שרייבער, האָט בא זיך אָפּגעמאַכט דאָס אינגל יוסף.

## סאָנינאַ

לאַנג האָט דער ליטוואַק ניט געלערנט מיט די קינדער. דוד האָט אָוועקגעגעבן די אינגלעך אין דער רוסישער שטאָטישער שול. דער ליטוואַק האָט געעפנט אַ רעפאָרמירט חדר — אָדער ווי מען האָט עס דאַן גערופן „חדר מתוקן". דאָס חדר האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אין שטעטל האָט געקאָכט. „זעט נאָר, וואָס דער צדיק אַפּטאָווסקי האָט אָפּגעטאָן", האָט מען געשטורעמט, „די אייגענע קינדער האָט ער אָוועקגעגעבן אין אַ רוסישער שול, וואו מען וועט זיי מאַכן פאַר אמתע גויאים, און פאַר דעם שטעטל האָט ער אַראָפּגעבראַכט אַ ליטוואַק, וואָס וועט מאַכן אַנדערע קינדער פאַר האַלבע גויאים, גרייט אַריינצוגיין אין דער רוסישער שול."

דוד האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן דעם גאַנצן טומל. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג ווי צו דערציען די קינדער. אַ גאַנצן טאָג זיינען די אינגלעך געגאַנגען אין דער רוסישער שול, אָבער אידישע לימודים האָבן זיי ניט פאַרנאַכלעסיקט. דוד אליין האָט מיט זיי געלערנט אין די אָוונטן. ער פלעגט מיט זיי אַלע וואָך דורכגיין די סדרה פון וואָך און ניט אַזוי גלאַט דורכגיין נאָר טאַקע מיט אַלע מפרשים — קאָמענטאַרן — אַריינגערעכנט דעם אבן עזרא. דאָס לערנען חומש איז נאָר געווען צוליב דעם, אַז אידישע קינדער דאַרפן דורכגיין די סדרה פון וואָך. דער הויפּט לערנען איז באַשטאַנען פון גמרא, תנ"ך און חקירה ספרים.

און די קינדער האָבן זייער שטאַרק דרך ארץ געהאַט פאַרן טאַטן. זיי האָבן אים געהאַלטן אפילו גרעסער פאַר דעם רוסישן הויפּט לערער. דער רוסישער הויפּט לערער איז געווען אַן איטאַליענער מיטן נאָמען סאַנינאַ — קאַנטיק פון אידישער אָפּשטאַמונג. אָט דער סאַנינאַ איז געווען אויסגעמישט מיט אַלע רעגירונגס באַאַמטע. איז געווען אַ „טאַבעל טאָג" — אַן אָפיציע־לער רעגירונגס יום טוב—האָט סאַנינא געהאַלטן די אָפיציעלע רעדע לכבוד דעם צאַר. איז עפּעס געווען אַ פּאַראַד איז סאַניאַ, אויסגעפּוצט אין מונדיר, געגאַנגען פאַראויס מיט די בלישטענדיקע קנעפּ.

דער לערער איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער צו אַפּטאָווסקין. גאַנץ אָפט פלעגט ער ברענגען צו דודן שווערע מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען. דער טאַטע האָט גערעדט און געלייענט רוסיש זייער שלעכט. איבערלייענען די פּראָבלעמע פלעגט אים נעמען לענגער ווי זי מאַכן.

סאנינא פלעגט בלייבן זיצן אַ צעטומלטער:

— זע נאַר, ווי איינפאַך, גאַנץ איינפאַך האָט ער געלייזט די פּראָ־בלעמע און איך האָב שיר מיין נאַרישן קאָפּ אויף דעם ניט צעבראָכן.

דער טאַטע פלעגט שמייכלען:

— מאַטעמאַטיק איז ניט קיין קלייניקייט! מאַטעמאַטיק דאַרף מען קענען. אָט זעט נאַר!

און דער פאָטער פלעגט אַרויסנעמען זיין מאַטעמאַטיק מאַנוסקריפּט, געשריבן אין העברייאיש, און עס ווייזן סאַנינאַן. ער האָט אים דעמאָנסטרירט מיט אויסשניטן געמאכט פון קאַרדאָן, אַ דריי עק אָדער צירקל, באַצייכנט מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן. זיי ביידע, דוד אַפּטאָווסקי און סאַנינאַ האָבן זיך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען אויף האַלב שטום לשון. זיי פלעגן זיך פאַרזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. באַ די קינדער איז עס געווען נאָך אַ באַווייז ווי גרויס זייער טאַטע איז — ער איז אפילו אַ גרעסערער קענער פון סאַנינאַן, סאַנינאַ דער הויפּט לערער פון דער רוסישער שול!

## דריי חברים

דריי חברים זיינען זיי געווען: יוסף, (אַפּאַטאַשו) יקיר, דער שפּעטער־דיקער העברייאישער שרייבער יקיר וואַרשאַווסקי, און דער שפּעטער גאָר באַוואוסטער אינזשיניר מערקער — דער מערקער, וואָס האָט

אַנטדעקט ווי צו שיקן דריי טעלעגראַמעס מיט אַ מאָל אויף איין און דעמזעלבן דראָט. אָט די דריי חברים פלעגן אַרומשפּאַצירן טאָג און נאַכט איבערן שטאָט און רעדן און מאַכן פּלענער ווי זיך אַרויסרייסן אין דער גרויסער, ברייטער וועלט קריגן בילדונג.

אָבער קריגן בילדונג איז געווען שווער פאַר אידישע אינגלעך. די אַמאָליקע רוסישע, צאַרישע רעגירונג האָט געמאַכט גרויסע שוועריקייטן פאַר אידישע קינדער אַנצוקומען אין די מיטלשולן. זיינען די אינגלעך אַרומגעגאַנגען און געחלומט, אַז מיט זיי וועט טרעפן עפּעס אַ נס און זיי וועלן אָנקומען אין מיטלשול. טאָמער ניט, וועלן זיי זיך לאָזן אין די גרויסע שטעט און לערנען פאַר זיך און דערנאָך אָפּגעבן עקזאַמענס אויף גאַנץ מיטל־שול, מיט איין קלאַפּ.

יוסף איז געווען דער ערשטער זיך ארויסצורייסן פון שטעטל. ס׳האָט מיט אים טאַקע געטראָפן דער נס.

געשען איז עס אַזוי:

אין יענער צייט האָט די צאַרישע רוסישע רעגירונג צוגעלאָזן זייער ווייניק אידישע קינדער אין די שולן. אָבער יעדער איד וואָס איז געווען א סוחר פון ערשטן ראַנג („פּערווי גילדי קופּעץ" — האָט זיך עס גערופן אין רוסיש) האָט געהאַט אַ רעכט שיקן איין קינד אין אַ האַנדלס שול. דער סוחר יודל יאַפּע איז געקומען פון וואַרשע קיין מלאַווע אויף אַ באַזוך. ער האָט צוגענומען יוספן אלץ געהילף בוכהאַלטער. דאָס יונגע אינגל האָט באַדאַרפט אַרבעטן אומזיסט און דערפאַר האָט אים יודל יאַפּע אריינגעגעבן אין האַנדלס שול.

דער קליינער יוסף איז געווען אין זיבעטן הימל. ער האָט געפירט די ביכער, געטאָן נאָך ארבעטן פאַרן באַלעבאָס און אין דער זעלבער צייט באַזוכט די האַנדלס שול. געווען פון די גאָר גוטע תלמידים און געלייענט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט קריגן אין רוסיש, פּויליש, אידיש און העברייאיש.

געלעבט האָט דער יונגער יוסף פון די פּופּצן רובל אַ חודש וואָס דער טאַטע האָט אים געשיקט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך אָבער אָפּגעזאָגט אָננעמען דעם טאַטנס שטיצע. ער האָט ניט געוואָלט לעבן אויפן טאַטנס פּראַצע. און אַ גאַנצן חודש האָט דאָס אינגל געלעבט אויף זעמל און

מילך. אויפן סוף חודש האָט ער געקראָגן אַ פּאָר לעקציעס און דערפון פאַרדינט געגוג צום לעבן.

לאַנג איז ער אָבער אין וואַרשע ניט געווען. די רעגירונג האָט געשלאָסן די האַנדלס שול און דער יונגער אַפּאַטאָשו האָט זיך געלאָזן קיין פּאַריז. פון פּאַריז — קיין נאַנסי. דאָרטן איז ער אַריינגעטראָטן אין פּאָלי־טעכניקום.

פלוצים האָט די רוסישע רעגירונג פאַרוועדט האָקן וועלדער אין פּוילן. מען האָט געשריבן יוספן ער זאָל קומען אַהיים. די משפחה איז געבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

## די משפחה וואַנדערט אוים

ווען יוסף איז געקומען אַהיים האָט ער שוין ניט געטראָפן דעם פאָטער. דער טאַטע איז אַוועק קיין אַמעריקע. און פּיוול, יוספס ברודער האָט דער־ציילט:

— „זינט די רעגירונג האָט פאַרווערט האָקן וועלדער אין פּוילן איז דער טאַטע אַרומגעגאַנגען אַ פינצטערער. ער האָט געדרויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן און געשוויגן. מיט אַ דריי טעג איידער ער איז אַוועק קיין אַמעריקע האָט ער מיך אויפגעוועקט גאַנץ פרי, עס האָט זיך נאָך ניט געשייערט אויף טאָג. איך האָב זיך דערשראָקן. ער האָט מיך באַרואיקט און געזאָגט: קום, פּיוול, איך וויל דיר עפּעס ווייזן. מיר זיינען אַרויס הינטערן שטאָט אין אַ וועלדל. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט צווישן די קוסטעס און באַלד האָבן מיר דערזען פאַרבייגיין אַ פּאַרטיע שמוגלאַרעס. דער פאָטער האָט געזאָגט שטיל:

— „פּיוול, זעסט, פון אָט דעם מוילעכן (שמוגלען) ציט חיונה אַ האַלב שטעטל. איך בין געבליבן באַ די לעצטע עטלעכע הונדערט רובל. באַלד וועל איך דאָס געלט אויפעסן. אַז מען עסט פון גרייטן צעגייט זיך דאָס געלט ווי צוקער אין וואַסער. נאָכדעם וואָס וועל איך טאָן? אויך שמוגלען? ניט איך, פּיוול. איך וועל בעסער אַוועק נאָך אַמעריקע. שרייב יוספן ער

זאל קומען אהיים. איר ביידע וועט אבטונג געבן אויף דער פאמיליע ביז איך וועל קענען שיקן נאך אייך.

„דריי טעג שפעטער איז ער אװעק נאך אמעריקע."

לאנג איז די משפחה ניט געבליבן אין פוילן, אין ניינצן הונדערט און זיבן זיינען די אפאטאשוסקיס אריבערגעקומען קיין אמעריקע. מיט זיי איז אויך געקומען יוסף.

יוסף איז איצט דער באוואוסטער אידישער שרייבער יוסף אפאטאשו.